NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13082

# ARBETER-SHUL

Aaron Meisel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# אַרבעטער-שול

## לערנבוך פאַרן דריטן יאָר

ערשטע אויפלאַגע

צוזאַמענגעשטעלט פון

**א. מייזל און בעצאַלעל פרידמאַן**

INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC.

פ א ר ל א ג

אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

80 — 5טע עוועניו, ניו יאָרק

אָקטאָבער, 1934.

*Copyright*, 1934
By the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue
New York

209

# פאָרוואָרט

דאָס איז דאָס ערשטע פולשטענדיקע בוך, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן גיט אַרויס פאַרן דריטן יאָר פון די שולן.

די פריערדיקע באַזונדערע כרעסטאָמאַטיע (פריאַדישע העפטן) פאַרענטפערן מער ניט די איצטיקע נויטן פון דעם דריטן לערניאָר: זייער מאַטעריאַל איז טיילווייז פאַרעלטערט, צו שווער און ניט צוגעפאַסט צו אונזער דריטן לערניאָר. אויסער דעם איז אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנקרעטיזירונג פון אונזער פּראָגראַם געקומען די באַדערפעניש אין נייע לייען- און לערן-טעקסטן.

אַבזין דעם זיינען די באַזונדערע העפטן געווען אַ טעכנישע שוועריקייט אין קלאַס: צווישן איין העפט און צווייטן פלעגט אַמאָל פאַרגיין אַ וואָך און מער, ביז די קינדער פלעגן עס איינקויפן.

דאָס איצטיקע לערנבוך איז אַ רעזולטאַט פון די אָנגעגעבענע סיבות און ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין העסקעם און לויט דער אָרדענונג פון דעם פּראָגראַם-פּראָיעקט, וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער שול-עקזעקוטיווע.

דאָס מיינט ניט, אַז דאָס בוך פאַרענטפערט פולשטענדיק די באַדערפעניש אין לייען-מאַטעריאַל. קעדיי אויסצופילן יעדע טעמע, וועלן די לערער און די קינדער דאַרפן נאָכזוכן צוגעפאַסטע טעקסטן אין צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער און אויסנוצן די קינדער-ביבליאָטעק, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן.

צום סאָף פון יעדן טעקסט ווערן צוגעגעבן אַרבעטן און איבונגען, וועלכע דאַרפן דינען אַלס רעקאָמענדאַציעס פאַר די לערער און קינדער.

דאָס איז דאָס ערשטע פולשטענדיקע בוך פאַר דריטן לערניאָר, און די צונויפשטעלער וועלן מיט אָנערקענונג אָננעמען די איסבעסערונגען, וועלכע די לערער וועלן רעקאָמענדירן פאַר די ווייטערדיקע אויפלאַגעס.

די צונויפשטעלער.

# שול און אַנטי־רעליגיע

אונזער שול. סקול. טאַלמעטוירע. רעליגיעזע יאַנטויוויס. אַרבעטער יאַנטויווים.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן.

די קינדער־ברענטשעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

נייעס — איינמאָל אַ וואָך.

---

וואַנט־צייטונג :

פּערמאַנענטער אַנטי־רעליגיעזער ווינקל.

צייט :

פון 15טן סעפּטעמבער ביזן 15טן אָקטאָבער.

# צום נייעם יאָר!

פון ב. פרידמאַן

מיט פרישן מוט, ענערגיע —
צום נייעם לערניאָר!
אין גרויען האַרבסט, אין רעגן־טעג
וועט טאָג אין שול זיין קלאָר!...

און זאָל די אַרבעט היים אַוועק,
אַזוי ווי אַ פינפיאָר!
ס'איז ניט קיין קלאַס פאַר אַנפאַנגער,
נאָר דריטער לערניאָר!

צו אַרבעט זיך אַ נעם געטאָן
מיט ליבע און מיט פרייד!
און שטימע — פרישער, האַרציקער
— זאָל קלינגען: ש ט ע נ ד י ק ג ר י י ט!

און אַרבעט איז פאַראַן אַ סאַך,
נאָר אַרבעט איז ניט שווער
פאַר אַ יאַט, אַ פלייסיקן —
אַ לענין־פּיאָנער!

מיט פרישן מוט, ענערגיע —
געשטעלט זיך אין דער ריי!
אין קאַמפן וועט אַרויסהעלפן
די קינדערשע אַרמיי!

שרייב אַן אַ קאָמפּאָזיציע: „איך בין גרייט צום נייעם לערניאָר!"

# יאָסי דער דעקלאַמאַטאָר.

יאָסי האָט געקראָגן אין שול אַ דעקלאַמאַציע. נו, דאַרף מען דאָך אויסלערנען אַף אויסנווייניק. אַליין לערנט זיך נִיט. נעמט זיך טאַקע יאָסי צו דער אַרבעט:

אַלע טירן צוגעשלאָסן, אַלע פענצטערלעך פאַרמאַכט.
אין אַ בעטל דרימלט יאָסל.

— ע, וואָס וועל איך זיצן און לערנען. ביז דער רעפּעטיציע האָב איך נאָך צייט. און יאָסל לויפט אַרויס אין גאַס.

אַפן גאַס איז לעבעדיק און טומלדיק. בעווורע שפּילט אין באַל אַף דער וואַנט. די שכיינים שרייען דורך די פענצטער. אָבער ווער הערט זיי? מען שיסט מיטן באַל, אַז עס גייט אַ רויך.

אַף מאָרגן. יאָסי זיצט ווידער און לערנט:

אַלע טירן זיינען געשלאָסן, אַלע פענצטערלעך פאַרמאַכט.
אין אַ בעטל דרימלט יאָסל . . .

— האָ, גענעצט יאָסי און עפנט אַ מויל, ווי אַ פאַרשלאָפענע קאַץ. ער קלערט:

— פאַרוואָס דאַרף יאָסל פון דער פאָעמע ליגן אין בעטל און דרימלען, און איך דאַרף זיצן און לערנען זיין פאָעמע? ס׳וועט ניט אַנטלויפן. איך האָב נאָך צייט צו לערנען.

אַפן צווייטן טאָג. יאָסל זיצט און לערנט. מיטאַמאָל לויפן אַריין זיינע כאַווירים נייטן און „רעד". זיי זאָגן אים אַ סאָד אין אויער.

— יאָסי, מיר האָבן געפונען אַ הינטל. אַ עמעסער בולדאָג. מי׳ר ווילן אים לערנען האַווקען. קום מיט אונז.

יאָסי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און לויפט מיט די כאַווירים אין גאַס.

דעם לעצטן טאָג פאַר דער רעפּעטיציע איז יאָסי געקומען אין שול.

דער לערער פירט אַ שמועס מיט די קינדער. ער דערציילט זיי וועגן דעם גרויסן דערפאָלג פון דעם צווייטן פינף־יאָריקן פּלאַן. אָבער יאָסי הערט קיין וואָרט ניט. ער זיצט אין אַ ווינקל און מאַכט מיט די ליפּן:

נעמט אים לענין פאַר אַ הענטל,
פאַר אַ צווייטן נעמט אים מאַרקס.
נעמט־אים לענין פאַר אַ הענטל,
פאַר אַ צווייטן נעמט אים מאַרקס.

יאָסי קלערט:

— מער ווי האַלב ווייס איך שוין. מאָרגן גלייך אין דער פרי, וועל איך אויסלערנען די צווייטע העלפט.

אָבער מאָרגן אין דער פרי האָט יאָסי זיך פאַרשלאָפן. ער האָט קיין

צייט ניט געהאט אויסצוטרינקען א גלאז מילך און געטוזט לויפן צו דער רעפּעטיציע אין שול.

— וואס וועל איך איצט טאָן ? — האט יאָסי אָפּן וועג געטראכט.

די רעפּעטיציע איז געווען זייער א גוטע. איין קינד נאכן צווייטן איז ארויסגעגאנגען און געזאגט זיין פּאָעמע מיט א קנאק.

יאָסי איז געזעסן און אַלין געוואָלט, אַז אימיצער זאל פארגעסן אין מיטן.

— כאַווער יאָסי, וויז דו וואס דו קענסט, — האט דער לערער געזאגט.

בא יאָסין האט דאס הארץ אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן.

אַז ער האט זיך אויפגעשטעלט, האט ער בא זיך באשלאָסן :

— וואס עס וועט זיין, וועט זיין. — איך זאג.

ער האט שטאַלין אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן זאָגן מיט א הויכער, זיכערער שטימע.

אַלע זיינען געזעסן שטיל און זיך גוט צוגעהערט.

— אָט דאס הייסט געזאגט. שוין איינמאָל א יאָסי!

אָבער מיטאמאָל האט זיך יאָסי פארהאקט. ער איז רויט געוואָרן און געבליבן שטיין, ווי א מאשין אָן גאזאָלין.

זיין כאַווער נייטן האט אים שטילערהייט אונטערגעזאגט :

— מען האט געטיילט דאָרט אַלע בלעטער
און געפּליעסקעט מיט די הענט.

יאָסי האט זיך א כאַפּ געטאָן און אָנגעהויבן ווידער דעקלאמירן הויך :

מען האט געטיילט דאָרט אַלע לעטערס
און געפּאטשקעט מיט די הענט.

אין שול האט אויסגעבראָכן א גרויס געלעכטער.

יאָסי האט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און א פארשעמטער געזעצט זיך אָף זיין אָרט.

| מערצאָל : | איינצאָל : | איינצאָל : | מערצאָל : |
|---|---|---|---|
| טירן | ______ | א דעקלאמאציע | ______ |
| פענצטערלעך | ______ | א בעטל | ______ |
| שכיינים | ______ | די רעפּעטיציע | ______ |
| כאווירים | ______ | די וואַנט | ______ |
| קינדער | ______ | א מויל | ______ |
| ליפּן | ______ | א קאָץ | ______ |
| בלעטער | ______ | די פּאָעמע | ______ |
| הענט | ______ | דער טאָג | ______ |

היים־ארבעט : שרייב אָן א פּאראגראף : „אונזער שול־סימכע".

# צום נייעם יאָר

(סאָוועטיש)

עס איז שוין דער זומער,
דער הייסער אַוועק.
עס זיינען געבליבן
נאָך עטלעכע טעג. —

נעמט, כעוורע, גיכער
די ביכער אַרויס,
די העפטן, די בלייערס —
דער זומער איז אויס!

געשפּילט זיך, געלאָפן,
געאַרבעט, גערוט, —
איז לאָמיר איצט לערנען,
לערנען זיך גוט.

ס׳וועט קיינער ניט אָפּשטיין,
ס׳וועט קיינער זיין פויל —
אַרבעטן, קעמפן,
לערנען זיך וואויל.

פאַרוואַנדל די זאַצן:

פון איינצאָל אין מערצאָל:

דער הייסער זומער איז אַוועק.

דער זומער איז אויס.

פון מערצאָל אין איינצאָל:

עס זיינען געבליבן נאָך טעג.

נעמט אַרויס די ביכער.

# אין שול.

דורך די אפענע פענצטער פון דער שול האט זיך געהערט א פריילעך געשפרעך און א געלעכטער פון קינדער.

— טו—הא, — האט זיך דערהערט א ווילדער קאל פון גאס. צוויי אינגלעך האבן ארײנגערוקט זייערע קעפ אין פענצטער און זיך גערייצט מיט די קינדער.

— רויטע, רויטע, רויטע! גא טו ראשיא!

אלע קינדער האבן א קער געטאן זייערע קעפ צום פענצטער. דער פארזיצער פון קלאס האט זיך אויפגעשטעלט און געשריען צוריק:

— וואס שרייט איר דורכן פענצטער. מען לאזט אייך ניט ארײן? קומט ארײן, וועט איר זען, וואס מיר טוען.

— ע, וואס איז דא בא די רויטע צו זען, פוסטע מייסעס! — זאגט איינער, — גיב א זעץ אין פענצטער און לאמיר לויפן ערגעץ אנדערש.

דערווייל איז דער לערער ארויסגעגאנגען אין גאס. די אינגלעך האבן זיך געלאזט לויפן, אבער דער לערער האט זיי גערופן פון דער ווייטנס:

— קינדער, קומט ארײן, וועט איר זען ווי פריילעך מען ארבעט בא אונז. איר דארפט פאר אונז ניט מורא האבן. מיר זיינען אייערע פריינט.

ביידע אינגלעך האבן זיך א ווײלע געקווענקלט, אבער דערנאך זיינען זיי ארײן.

זיי זיינען געבליבן ביידע שטיין אין מיטן צימער ווי פארלארענע. דער פארזיצער האט זיי געבעטן זיצן.

— קומט אהער, וועט איר זען וואס מיר טוען אין שול.

— מיר רעכענען איצט אוים, וויפל טעג מיר זיינען געגאנגען אין שול. וויפל קאמפאזיציעס מיר האבן געשריבן, וויפל פיאנערן מיר האבן פארקויפט, און וויפל קינדער עס האבן פארשפעטיקט.

— צוליב וואס דארף מען דאס? — האט איינער פון די צוויי געפרעגט.

— זעסט, — ענטפערט דער פארזיצער, — אט האבן די צוויי אינגלעך דורכגעלאזן פינף טעג לערנען, און צוויי מיידלעך — פיר טעג. דערפאר האבן מיר ניט אויסגעפירט אלין לויט אונזער פראגראם. אין אונזער פראגראם זיינען פאראן א סאך אינטערעסאנטע זאכן. אז מיר וועלן אלץ אויסרעכענען, וועלן מיר מאכן א דיאגראם, אט ווי די, וועלכע הענגט בא אונז אף דער וואנט.

ביידע אינגלעך האבן נייגעריק געקוקט אפן פאפיר מיט די גע־בראכענע פאפיקלעך, וואס איז געהאנגען אף דער וואנט.

— כאווער לערער, — אט האב איך שוין אויסגערעכנט, וויפל קאנצערטן מיר האבן דעם ווינטער געהאט, און וויפל מאל מיר זיינען ארויסגעטראטן אף אונטערנעמונגען פון דערוואקסענע, — האט עלסי געוויזן דעם לערער.

— א, איך בין איינמאל געווען בא אייך אף א קאנצערט, — האט איינער פון די אינגלעך געזאגט, — איך האב שיר נישט געפלאצט פאר געלעכטער. צוליב וואס מאכט איר דאס אלין?

— מיר גרייטן זיך צו א שול־אויסשטעלונג, — האט אים דער קלאס־פארזיצער געזאגט, — די אויסשטעלונג וועט זיין אין א וואך ארום. און איצט קלייבן מיר מאטעריאל צו דער אויסשטעלונג. מיר מאכן א דיסקאנט פון אלץ, וואס מיר האבן פארן יאר געטאן.

— אזוי, אזוי, — האט זיך געוואונדערט דער אינגל.

— און אונז וועט איר ארייננלאזן? — האט געפרעגט דער צווייטער.

— נישט נאר ארייננלאזן, נאר מיר בעטן אייך צו קומען. קומט און ברענגט אייערע פריינט. מיר וועלן האבן א פארטי מיט גוטע זאכן, מיט זינגען און דעקלאמאציעס. עס וועט זיין פריילעך.

— גוט, מיר וועלן קומען, — האבן ביידע צונעשאקלט מיט די קעפ.

— פארגעסט נישט, מיר וועלן אף אייך ווארטן.

ס י נ אָ נ י מ ע ן:

סינאָנימען — ווערטער פון דער זעלביקער באדייטונג.

| | |
|---|---|
| נייגעריק — | געקווענקלט זיך — |
| מוירע געהאט — | א זעץ — |
| ארייננערוקט — | פוסטע מייסעס — |
| פריילעך — | קאָל — |
| דיסקאנט — | געשפרעך — |

היים־ארבעט: שרייב אן א פאראגראף: „וואס טו איך, צו ברענגען אין שול א נייע קינד?"

# סערקע אין דער אַרבעטער־שול

פֿון א. פלאַטנער

ביז סערקע איז געקומען אין אַן אַרבעטער שול,
האָט זי גאָרניט געוואוסט און האָט גאָרניט פאַרשטאַנען.
דער פּאָבליק־סקול לערער דערציילט ניט די קינדער
פאַרוואָס אַף דער וועלט זיינען קלאַסן פאַראַנען.

פאַרוואָס וואַרפט דער לענדלאָרד אַרויס פון דער דירע ?
פאַרוואָס איז דער טאַטע אָן אַרבעט געבליבן ?
אין פּאָבליק־סקול לערנט מען אַנדערע זאַכן,
אין פּאָבליק־סקול ביכער — איז אַנדערש געשריבן.

אַמעריקע איז אַ פרייע מעדינע,
און לינקאָלן איז דער נעגער־באַפרייער.
טאָ פאַרוואָס לינטשט מען די שוואַרצע, אין דער סאַוט,
טאָ פאַרוואָס ברענט מען שוואַרצע אין פייער ?

פאַרוואָס און פאַרוואָס, עפּעס טויזנט פאַרוואָסן,
האָט סערקע געפרעגט, האָט דער לערער געשוויגן.
האָט סערקען די גאַנצע געשיכטע פאַרדראָסן,
ביז זי האָט פאַרשטאַנען — מע לערנט איר ליגן.

---

איז סערקע געקומען אין דער אַרבעטער־שול,
באַקענט זיך מיט די קינדער, געקראָגן אַ ביכל.
האָט איר די מאַמע געקויפט אַ מאַטאָנע,
אַ רויט, אַ דריי עקיק פּיאָנערישע טיכל.

---

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: „די סקול און די אַרבעטער־שול".

—

לערן אויס דאָס ליד אַף אויסנווייניק.

# אין דער סקול

אין דער סקול דערציילט מען קינדער
וועגן פּרינצן און פּרינצעסנס,
אָבער ניט וועגן קינדער,
וועלכע האָבן ניט צו עסן.

אין דער סקול לערנען קינדער, —
עס איז דער פּרעזידענט אַ מאַלער,
און די קינדער דאַרפֿן פֿאָלגן
וואָס עס זאָגט דער ראָוו און גאַלער.

אין דער סקול הערן קינדער
שיינע מייסעס וועגן פֿאָרדן,
אָבער ניט וועגן שול
און ניט וועגן אַרבעטער־אָרדן.

אין דער סקול — שיינע מייסעס
וועגן מיליאָנערן,
אָבער בייזע, שלעכטע רייד
וועגן פּיאָנערן.

קינדער הערן גוטע רייד
וועגן וואַשינגטאָנס ביימל־קאַרשן,
אָבער ניט איין גוטן וואָרט
וועגן הונגער־מאַרשן.

מען לערנט אין סקול,
אַז אַלע זיינען גלייך, —
טאָ פֿאַרוואָס זיינען מענטשן
אָרעם און רייך ?

די סקול איז אַ פֿריינט
פֿון באָסעס און מיליאָנערן.
די סקול איז אַ פֿיינט
פֿון אַרבעטער און פּיאָנערן.

א נ ט אָ נ י מ ע ן (ווערטער פֿון פֿאַרקערטער באַדייטונג):

שיינע ______________ עסן ______________

בייזע ______________ גוט ______________

# אין סקול.

### פון כאווער-פאווער

אײדער דאָס לערנען האָט זיך אָנגעהױבן, האָט דער פּרינציפּאַל אַרײַנגערופן װילין צו זיך אין אָפיס און האָט געהאַט מיט אים אַ שמועס.

— הער זיך אײַן, װילי. מען האָט מיר דערצײלט, אַז דער לערער אין דײַן קלאַס, מיסטער ביגון, לערנט מיט די קינדער שלעכטע זאַכן. איך האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ גוטער באָי סקאַוט. דערפאַר איז דײַן פליכט צו הערן אַלץ װאָס דער לערער טוט אין קלאַס, און דערצײלן עס מיר.

— יע, יע, מיסטער פּרינציפּאַל. מיסטער ביגון איז מיר אױך ניט געפעלן. אַלעמאָל רעדט ער קעגן מילכאָמע און קעגן רײַכע. ער דערצײלט מײַסעס װעגן „ראָשיאַ". אַ נעגער קינד טאָר מען בײַ אים אין קלאַס ניט אָנרירן. בײַ אים זײַנען אַלע קינדער גלײַך.

— זעסטו שױן, װילי. אָט דערפאַר האָב איך דיך טאַקע אַהער גערופן. זע אַלץ, הער אַלץ און דערצײל מיר.

— איך װעל טאָן מײַן באָי סקאַוט פליכט, מיסטער פּרינציפּאַל.

װען װילי איז אַרײַן אין קלאַס, האָט ער געזען, װי אַלע קינדער זיצן אױפגערעגטע. סילװיע איז געשטאַנען און האָט דערצײלט װאָס עס האָט אין דער פרי געטראָפן לעבן סקול.

— מיסטער ביגון, דײװי האָט הײַנט געטאָן אַ מיעסע זאַך: ער האָט גערופן דזשימין: ניגער! און געהײסן אים דזשינגן. נאָך אַ סך קינדער זײַנען געשטאַנען אַרום און געשװיגן. איז עס שײן אַזױ, מיסטער ביגון?

דער לערער האָט אַרױסגערופן דײװין:

— דײװי, קום נאָר אַהער. און, דזשים, דו קום אױך. זאָג מיר, דײװי, װאָס טוט דײַן טאַטע?

— און אַז אַ פּרינטער, איז װאָס?

— ס'איז זײער װיכטיג. ער איז אַ שװערער אַרבעטער. ער אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. עמעס?

— און אַז עמעס איז װאָס?

דער לערער מאַכט זיך ניט הערנדיק און פרעגט דזשימין:

— װאָס טוט דײַן טאַטע?

— אַ דזשעניטאָר.

— זאָג מיר, װאָס טוט אַ דזשעניטאָר?

— ער הײצט דעם אױװן, װאַשט די טרעפּ, טראָגט קױלן און נאָך אַנדערע אַרבעטן.

— זעסט, דײװי. דײַן טאַטע אַרבעט שװער, זײַן טאַטע אױך.

איר זוים ביידע ארבעטער קינדער, גלייכע כאַווירים, טאָ קריגט זיך ניט. בעט זיך איבער און גיט זיך די הענט.

דיוווי גיט אַ פרעבן קוק אפן לערער און זאָגט:

— ער איז מיר ניט קיין כאַווער. ער איז אַ ניגער!

כאַווער ביגון ווערט זייער אומעטיק. ער הייבט אָן רעדן צו די קינדער און קוקט פון צייט צו צייט אָף דיוווין.

— אָט אַזוי ווערן ארבעטער קינדער פאַרנאַרט. אין דייטשלאַנד זאָגן די פאַשיסטן:

— שלאָגט אידישע קינדער. זיי זיינען שמוציק.

— אין פראַנקרייך לערנט מען די קינדער פיינט האָבן די דייטשן.

אין פּאַלעסטינע לערנט מען די אידישע קינדער פיינט צו האָבן די אַראַבער.

און דאָ בא אונז אין לאַנד הייסט מען פיינט האָבן נעגערס און איסלענדער.

— אַזוי ווערן ארבעטער קינדער צעקריגט און צעריסן צווישן זיך. ניין, איך דענק ניט, אַז אַזוי איז גוט. איך דענק, אַז ארבעטער קינדער זיינען אַלע גלייך.

— לערער, דערלויבט מיר ארויסצוגיין, — האָט ווילי אין מיטן אויפגעהויבן זיין האַנט.

ווילי איז אַרויס. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אַריינגעקומען דער פּרינציפּאַל.

— מיסטער ביגון, קומט אַריין צו מיר אין אָפיס.

מיסטער ביגון איז אַרויס מיטן פּרינציפּאַל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַריינגעקומען צוריק און געזאָגט:

— קינדער, דער פּרינציפּאַל האָט מיר געזאָגט, אַז איך טאָר מער אין סקול ניט לערנען. מען באַשטראָפט מיך דערפאַר, וואָס איך האָב אייך געלערנט, אַז אָרעמע קינדער דאַרפן זיין אַלע גלייך. מאָרגן קומט שוין אַ נייער לערער.

אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פּלעצער:

— מיסטער ביגון, מיר האָבן אייך ליב.

— מיר ווילן אייך פאַר אַ לערער. מיט קיין אַנדער לערער וועלן מיר ניט לערנען. מיר וועלן אַרויס אָף אַ סטרייק.

— און אַז זיי וועלן אייך באַשטראָפן? — האָט דער לערער ביגון געפרעגט.

— מיר האָבן קיין מוירע ניט.

סילוויע האָט אַלעמען איבערגעשריען:

— כאַווער דימיטראָוו האָט אויך קיין מוירע ניט געהאַט!

אף מאָרגן אין דער פרי איז געקומען די נייע לערערן. דער פרינציפּאַל האָט זי אַריינגעפירט און זי פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער.




— דאָס איז מיסעס שפּאַנקנאַבל. קינדער, איך האָף, אַז איר וועט זיין באַ איר גוטע קינדער.

מיסעס שפּאַנקנאַבל האָט זיך אַוועקגעזעצט און געהייסן די קינדער עפענען די ביכער.

זי האָט געקוקט אין קלאַס זשורנאַל און אויסגערופן:

— סילוויע, שטעל זיך אויף און ליין.

סילוויע איז געשטאַנען, געהאַלטן דאָס בוך און נית געלייענט קיין איין וואָרט.

די לערערן איז בייז געוואָרן. זי האָט אַריינגעשריבן אַ שלעכטן צייכן אין קלאַס זשורנאַל. נאָכדעם האָט זי אויסגערופן בעני.

בעני איז געשטאַנען אַזוי ווי סילוויע און אויך נית געלייענט קיין וואָרט.

אַזוי האָט זי אויסגערופן אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ פערטן. קיינער האָט נית געוואָלט לייענען.

מיסעס שפּאַנקנאַבל האָט אַ פרעג געטאָן די קינדער:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס טוט איר עס אַזוי?

סילוויע האָט זיך אַוועקגעשטעלט און שטאָלץ געענטפערט:

— וויל מיט אונז האָט געלערנט אַ גוטער לערער, מיסטער ביגון.

האט מען אים אפגעזאגט. איר האט ניט קיין רעכט צו פארנעמען זיין פלאץ.

די לערערן האט געטופעט מיט די פיס:

— שווייג! מען פרעגט דיך ניט! איך האב יא רעכט. מיסטער ביגון איז א רויטער און ער טאר ניט לערנען אין אן אמעריקאנער סקול.

— אן ארבעטער, וואס פארנעמט דעם צווייטן ארבעטערס פלאץ, איז א סקעב! — האט אויסגערופן סילוויע.

די לערערן איז בייז געווארן ווי א טיגער. זי האט געגעבן א געשריי, אז עס האבן זיך א טרייסל געטאן די ווענט:

— שווייג, דו שמוציקע אידישקע!

אין קלאס איז געווארן שטיל. קיינער האט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. נאכדעם האט אויסגעבראכן א טומל פון אלע זייטן:

— הא? וואס האט זי געזאגט? וואס?!

סילוויע איז צוגעלאפן צו איר מיט פארקוועטשטע פויסטן:

— נעם צוריק וואס דו האסט געזאגט! נעם צוריק!

די קינדער האבן געשריען פון אלע זייטן:

— פאשיסטקע! כוליגאנקע! היטלעריסטקע! קיין מינוט וועלן מיר ריין איר ניט לערנען!

העכער פון אלעמען האט געשריען סילוויע:

— קינדער, איצט איז די צייט צו פאריייניקן זיך! לאמיר אלע ארויס אין סטרייק! מיר ווילן ביגונען צוריק!

די קינדער האבן זיך ארויסגעשאטן אפן גאס. די גאס איז געווארן פול מיט קינדער. באלד זיינען אויסגעוואקסן טיינס, פלאקאטן:

— מיר ווילן ניט קיין פאשיסטישע לערער!

— מיר וועלן זיך ניט לאזן באליידיקן!

— גיט אונז אונזער לערער מיסטער ביגונען צוריק!

סינאנימען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אנגעהויבן — | ___ | פלעצער — | ___ |
| א שמועס — | ___ | בייז — | ___ |
| פליכט — | ___ | שטאלץ — | ___ |
| אויפגערעגטע — | ___ | א טרייסל — | ___ |
| אומעטיק — | ___ | א טומל — | ___ |
| פיינט האבן — | ___ | | |

היים־ארבעט: שרייב אן א קאמפאזיציע: די סקול און די ארבעטער־שול.

# דער שול־פּאַריין

פון ש. דאַווידמאַן

מאַנטיק אין אָווגט
עס קומען צו גיין
טאַטעס און מאַמעס
אין שול־פּאַריין.

טאַטעס און מאַמעס,
כאַווירים אַ סאַך —
„וואָס בעסער פאַר קינדער״,
מע רעדט און מע טראַכט.

עס דאַרפן די קינדער
מילך און ברויט,
עס טאָרן ניט וויסן
די קינדער פון נויט.

קעמפן פאַר קליידער,
און שיך אין דער סקול —
דאַרפן די טאַטעס
און מאַמעס פון שול.

שרייב אַן א בריוו צו דיינע עלטערן. דערקלער זיי פארוואס זיי דארפן קומען צו די מיטינגען פון שול־פאריין.

# לעאָנאַרד.

פון כאַשמאַל

1

לעאָנארד האָט ניט געהאט קיין עלטערן. ווען ער איז אלט געווען פינף יאר האָט זיין אָנקל אים גענומען צו זיך.

צו זיבן יאר האָט אים דער אָנקל אריינגעגעבן אין א בײדער. לעאָנארד האָט דארט געטראָפן אַן עלטערן אידן מיט א יארמעלקע אפן קאָפ. די קינדער האָבן אים גערופן „רעבע״.

וואָס לענגער לעאָנארד איז געגאנגען אין בײדער, אלץ ווינציקער

בייַשעק האָט ער געהאַט דאַרטן צו לערנען — אַז מע לערנט דאָרטן אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קאָן ניט פאַרשטיין.

איינמאָל גייט לעאָנאַרד אַהיים צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער. עס איז זומער — אַ שיינער יולי טאָג. אין סקול גייט מען ניט, האָט מען זיך פאַרשפּילט אין גאַס.

— איר ווייסט וואָס? — רופט זיך אָן לעאָנאַרד, — לאָמיר מאָרגן שפּילן „הוקי" און ניט גיין אין כיידער.

— יאָ, — רופט זיך אָן אַ צווייטער, — עס איז אַ גוטער פּלאַן. וועלן מיר אין טאָג דעם רעבן ניט אָנקוקן.

ניט אַלע קינדער האָבן באַלד איינגעשטימט, אָבער ווען סעמי, אַ אינגל פון אַ יאָר צען, האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן אַז מען זאָל „הייקן" אין פּראָספּעקט פּאַרק, איז דאָס אַלעמען געפעלן געוואָרן.

2

עס איז געווען זייער אַ שיינער טאָג און די קינדער, זעקס אין צאָל, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין פּראָספּעקט פּאַרק.

דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטאָן איז גיין באַזוכן דעם „זו". פאַר לעאָנאַרדן איז דאָס געווען אַ נייעס. ער האָט נאָך ביז איצט קיין כייעס ניט געזען. דער אָנקל זיינער האָט אים קיינמאָל אין ערגעץ ניט גענומען.

אַמבעסטן זיינען לעאָנאַרדן געפעלן געוואָרן די מאַלפּעס, ווי זיי שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ, פאַרטשעפּען זיך מיט די וויידלען באַ די שטענגלעך און בלייבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. איין קליין מאַלפּעלע האָט צוגעשפּאַרט דאָס פּעניםל צו די גראַטעס און ניט אויפגעהערט קוקן אָף לעאָנאַרדן.

ווען מע איז אָפּגעווען אין „זו" אַרום אַ האַלבע שאָ, האָבן די אינגלעך באַשלאָסן, אַז איצט דאַרף מען גיין צום שפּיל־פּלאַץ שפּילן.

— אַלרייט, — רופט זיך אָן לעאָנאַרד, — איר גייט און איך וועל נאָך דאָ אַ ווײַלע קוקן.

— דו וועסט ניט טרעפן אַליין דעם וועג, — האָבן די קינדער געזאָגט.

— האָט קיין מורע ניט, — ענטפערט לעאָנאַרד, — איך וועל שוין טרעפן.

די אַנדערע פינף אינגלעך זיינען אַוועק און לעאָנאַרד איז פאַרבליבן. ער איז צוגעגאַנגען צום גרויסן העלפאַנט, באַטראַכט זיין לאַנגע ניאַניע. לעאָנאַרד האָט געזען: מענטשן וואַרפן אין דער ניאַניע „פּינאַטס" און די ניאַניע שלינגט זיי גלייך איין.

ער וואָלט אויך אַרייַנגעוואָרפן פּינאַטס אין דער ניאַניע, האָט ער אָבער ניט.

לעאנארד איז פארבליבן אין „וו" אזוי לאנג, ביז וואנען ער האט דערפילט, אז ער ווערט הונגעריק.

3

גייט לעאנארד זיבן וויינע באוויירים. ער דערמאנט זיך, אז צוויי אינגלעך האבן געהאט מיט זיך היפשע פעקלעך מיט עסן.

לעאנארד גייט און גייט און גייט. הונגעריק איז ער — א שרעק! דער טאג איז ווייער א הייסער. ער הויבט אן מיד ווערן. ווען ער פרעגט, וואו דער שפיל-פלאץ איז, ווייזט מען אים אן אף אן אנדער פלאץ. ער פילט, אז ער איז שוין זייער מיד. ער באשליסט צו גיין צו א בערגל, וואו ס'געפינען זיך עטלעכע ביימער און זיך אוועקליגן אין שאטן.

ער קומט צו לעבן א בוים און וויל זיך אוועקליגן, ערשט ער דערזעט: א ביסל נידעריקער אראפ זיצן א סאך קינדער אין א ראד. אינמיטן זיצט א מיידל און רעדט עפעס. בא די זייטן פון ראד שטייען נאך קינדער און הערן זיך צו.

לעאנארד איז געשטאנען א ווילע און געטראכט: זאל ער צוגיין, אדער ניט? און אט דערזעט ער ווי די מיידל, וואס זיצט אינמיטן, ווינקט צו אים, ער זאל צוקומען.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט אים די מיידל באלד ווי ער איז צוגעקומען.

— מיין נאמען איז לעאנארד און איך האב פארבלאנדזשעט.

— ווי אזוי און מיט וועמען ביסטו געקומען, לעאנארד?

לעאנארד האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטן און דערציילט די גאנצע געשיכטע. ער האט אפילע ניט געשעמט זיך צו דערציילן, אז ער איז הונגעריק און האט ניט קיין געלט מיט זיך.

באלד האבן זיך אנגעהויבן אויסשטרעקן הענטלעך מיט סענדוויטשעס און אייניקע האבן אים דערלאנגט בארן און עפל.

לעאנארד איז א ביסל צעטומלט געווארן. ער איז טאקע שטארק הונגעריק, אבער ווי קאן ער אויפעסן אזויפיל סענדוויטשעס מיט פרוכט?

— עס, וויפיל דו קאנסט, — רופט זיך אן צו אים די מיידל, — און איך, זאגט זי, וועל דערווייל דערציילן ווייטער די מייסע.

עס האט לאנג נים גענומען און לעאנארד האט זיך דערוואוסט, אז ער געפינט זיך צווישן א גרופע וואס רופט זיך „פיאנערן" פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן, און די מיידל איז זייער אנפירערן און הייסט: בעלא.

נאכדעם ווי לעאנארד האט זיך גוט אנגעגעסן, האט ער באדאנקט

די קינדער אין געבעטן בעלאַן זי זאָל אַזוי גוט זיין און אים אָנ־ווייזן, וואו דער שפּיל־פּלאַץ געפינט זיך. ער דאַרף זיך דאָרט טרעפן מיט די כאַווייריס, ווייל אַליין ווייסט ער ניט דעם וועג אַהיים.

— וואו וואוינסטו ? — פרעגט אים בעלאַ.

לעאָנאַרד זאָגט איר זיין אַדרעס.

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן בעלאַ, — דאַרפסטו ניט גיין זוכן די אינגלעך. מירן „הייקן" צוזאַמען שפּעטער אַהיים. מיר אַלע וואוינען אַרום דיין געגנט.

— אָבער די אינגלעך וועלן דאָך מיך זוכן, — רופט זיך אָן לעאָנאַרד, — זיי וועלן דענקען, אַז איך בין פאַרלאָרן געגאַנגען.

— נו, גוט, — רופט זיך אָן בעלאַ, — איינער פון אונזערע פּיאָנערן וועט צוגיין צום שפּיל־פּלאַץ מיט דיר און דו וועסט זיי אויך איינלאַדן אַהער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לעאָנאַרדס כאַווייריס זיינען שוין ניט געווען אָפן שפּיל־פּלאַץ. וואו צו זוכן זיי האָט מען ניט געוואוסט. לעאָנאַרד מיטן פּיאָנער זיינען צוריקגעקומען צו דער פּיאָנערן גרופּע.

בעלאַ האָט הירכגעפירט מיט דער גרופּע עטלעכע „גיימס". צווישן איין „גיים" און דער צווייטער האָט מען זיך אָפּגערוט. די קינדער האָבן געזונגען לידער און בעלאַ האָט צוגעשפּילט אויף אַ צימבל.

לעאָנאַרדן איז דאָס זייער געפעלן. אַלץ איז געווען פאַר אים אַזוי ניי! אַזוי שיין! אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי דער טאָג איז אַריבער און מע דאַרף שוין גיין אַהיים.

אינמיטן וועג פרעגט אים בעלאַ:

— וואָלסטו געוואָלט באַלאַנגען צו אונזער בראַנטש ?

— אויב איר וועט מיך נאָר וועלן אַריינגעמען, איז אַפילו באַלד, — האָט לעאָנאַרד געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

און לעאָנאַרד איז געוואָרן אַ פּיאָנער.

ענדיק די זאַצן: אין דער אַרבעטער־שול ________________

אין כיידער ________________

דער לערער פון דער אַרבעטער־שול ________________

דער רעבע פון כיידער ________________

רעליגיע איז ________________

היים־אַרבעט: שרייב אָן אַ פּראָטאָקאָל וועגן דיין לעצטן מיטינג פון דעם קינדער־בראַנטש.

# אַרבעטער-קינדער זיינען קלוגער

פון א. פלאַטנער

עס לייענען קינדער
זייער שיינע מייסע־ביכלעך
פון פרינצעסנס, פון פרינצן
און פון גאָלדענע וואונדער־שיכלעך.

פון אַ אינגל מיט אַ רינגל,
מיט אַ ווייסן צויבער־פערד,
פון קרישטאָלענע פּאַלאַצן
און פון קאַרליקלעך מיט בערד.

אַז עס אַרבעט ניט דער טאַטע,
און מען האָט ניט וואָס צו עסן,
מוז מען אַלע קישעף־רינגלעך
מיט די קאַרליקלעך פאַרגעסן.

וואָס זשע טויגן מייסע־ביכלעך
פון פרינצעסנס און פון פייעס,
אַז מען האָט אַליין קיין שיך ניט,
און מען קען אין גאַס ניט גיין.

לייענען קינדער נייע מייסעס,
און די אויגן לייכטן, ברענען,
לערנען קינדער אַנדערע ביכער
פון סאָוועטן און פון לענין.

פון אַ סערפּ און פון אַ האַמער,
פון אַ פאָן מיט רויטן שטערן,
אַרבעטער־קינדער זיינען קלוגער
און זיי ווערן פּיאָנערן.

יעדעס קינד נעמט זיך אונטער צו רעדן מיט א קינד פון זיין גאס וועגן אונזער ארבעטער־שול. נאָך דער וואָך שרייבן זיי אָן די רעזולטאטן פון זייער שמועס.

# אין סקול

פון ש. דאַווידמאַן

אין אָרעמען געסל
שטייט דאָרט אַ סקול.
איז זי מיט קינדער
פון אַרבעטער פול.

זיי לערנען די קינדער,
אַז אָרעם און רייך —
דער באָס און דער אַרבעטער
זיינען דאָ גלייך.

און אַז די נעגער
און הימע אין לאַנד
מאַכן דאָס לעבן
צו שפּאָט און צו שאַנד.

זיי זאָלן נאָר סטרייקן,
און קערן אַ וועלט,
זיי זאָלן זיך טיילן
מיט אַלעמענס געלט.

האָב פיינט די הימע,
אַזוי זאָגט געבאָט:
גלייב אין דעם פּרעזידענט,
פאַרלאָז זיך אַף גאָט.

די לערער אין סקול רעדן נים מיט ליבע וועגן די אַרבעטער, ווייל ——

---

# ביים קינדער-ברענטש.

אַ טומל! אַ געדויס! אַז מען דאַרף פאַרשטאָפּן די אייערן!

וואָס איז געשען?

די קינדער זיינען געקומען צום מיטינג פון זייער אָרדן-ברענטש!!

סאָ פאַרוואָס איז אַזאַ גרויסער טומל?

ניין, פרעג וועלכן און בענען, ווילן און מילן, און נאָך איינעם, און נאָך צוויי, ווייל אַלע מאַכן זיי איין גרויסן געשריי.

— וועלכי און בענע, ווילי און מילי, און יעדער איינער! איינער

געוואַלטן קלאַפּן דאָך שטאַרקער ווי שטיינער...

נאָר ניי מאַכן שפּיל, אַז יעדער איינער טוט וואָס ער וויל. איינער וויל זיך שלאָגן, צווי ווילן צוזאַמען עפּעס זאָגן... איינער וויל שפּרינגען, און צוויי ווילן באַזונדערע לידער זינגען...

דער לידער איז אַריין: א טומל, א טשיר און א יאָך. און דער טומל הערט אויף, ווי דער רעגן איבערן דאַך...

זאָגט דער לידער:

— נאָך אין דרויסן האָב איך געהערט דעם טומל, דעם גרויסן יעדער איינער קאָן דאָך פאַרשטיין, אַז טומלען אַזוי איז ניט שיין. דעם טיש און די בענקלעך איבערצוקערן איז זיכער ניט קיין אַרבעט פאַר יונגע פּיאָנערן. פון אייער שרייען און לויפן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז איר האָט עפּל און באַנאַנעס צו פאַרקויפן...

טילי פילט זיך שולדיק און ווערט בלאַס, ווילי וואָלט געוואָלט אַרויסלויפן אין גאַס. דזשעני און בעני דערמאָנען זיך, אַז זיי זיינען יונג-פּיאָנערן, וואָלטן זיי געוואָלט שווערן, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל, וואָס זיי רייסן זיך אויפן קאָל.

זעט דער לידער, ווי עס שעמען זיך זיינע יונגע באַאַמטע שוועסטער און ברידער, און זאָגט:

— טיני — פּרעזידענט וועט דעם מיטינג פירן, און מאַרטין סעקרעטאַר וועט פּראָטאָקאָלירן.

דאָס ערשטע: דער „נייער פּיאָנער", מען פאַרקויפט ווייניק, מען דאַרף פאַרקויפן מער.

דאָס צווייטע: א נייע שפּיל מיט א [illegible]. [illegible]

דאָס דריטע: [illegible] די קינדער פון [illegible] און [illegible] פאַר [illegible]

דאָס פערטע: א פּאַרטי מיט [illegible], עס זאָל [illegible] זיין צו זינגען און צו לאַכן.

און דאָס פינפטע:

[illegible]

[illegible]

[illegible]

---

[illegible]

# דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

פֿון ב. פרידמאַן

קענסטו די גרויסע, געטרייע מישפּאָכע,
וואָס ציט פֿון אַטלאַנטיק זיך ביזן פּאַסיפֿיק?
עס איז די מישפּאָכע פֿון גרויסע און קינדער,
וואָס איז זיך אין נויט און אין נאַכעס באַהילפֿיק!

פֿון וועמען באַשטייט אָט די גרויסע מישפּאָכע?
פֿון די, וואָס באַהערשן דעם לויף פֿון מאַשינען!
וואו איז צעשפּרייט אָט די גרויסע מישפּאָכע?
אין אַרבעטער־היימען דו וועסט זי געפֿינען!

עס באַשטייט די מישפּאָכע פֿון אַרבעטער־מענטשן,
פֿון העלדן פֿון אַרבעט פֿון אַלע קאָלירן!
און ס׳וועט זי שוין קיינער ניט קיינמאָל ניט נאַרן,
און קיינער וועט ניט די מישפּאָכע פֿאַרפֿירן!

נעגערן, אידן, סלאָוואַקן און רוסן —
צוזאַמען אַנטקעגן די באָסעס און לאָרדן!
צוזאַמען! און ס׳הייסט אָט די רויטע מישפּאָכע:
דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן!

פֿאַלט איינער פֿון זיי בײַ דער שקלאַפֿערישער אַרבעט,
און בעט האַלט געשמידט זיינע ערלעכע גלידער —
קומען צוהילף, ווי אַ מאַמע צו קינדער,
די פֿיל מאָל צען טויזנט פֿאַרייניקטע ברידער!

וועט שוין דער קראַנקער ניט ווערן פֿאַרצווייפֿלט,
עס קרעפֿטיקט אים וואונטש און די הילף פֿון די ברידער!
ברענגט יעדער טאָג נייע פֿרישקייט און קויכעס,
גיסט יעדער טאָג פֿריש געזונט אין די גלידער!

און ס׳גייט די מישפּאָכע אין וועגן פֿון לענין:
צום גליקלעכן לעבן, געפֿירט פֿון סאָוועטן!
טאָ ווער איך דו, כאַווער, מיט ווייב און־מיט קינדער
אַ טייל פֿון די טויזנטער אָרדן־פֿראַלעטן!

קענסטו די גרויסע, געטרייע מישפּאָכע,

**וואָס ציט פון אַטלאַנטיק זיך ביז פּאַסיפיק?**
**ס'איז די מישפּאָכע פון גרויסע און קינדער,**
**וואָס איז זיך אין נויט און אין נאָכעם באַהילפיק!**

ענדיק דריי זאַצן:

1. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן ______________
2. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן ______________
3. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן ______________

היים־ארבעט: לערן אויס דאָס ליד אָף אויסנווייניק.

# מאַרטינס טאַטע.

מאַרטינס טאַטע איז געקומען פון שאַפּ אַ קראַנקער. ער האָט זיך גלייך געלייגט אין בעט.

מאַרטין האָט דערפון ניט געוואוסט. ער איז געווען אין דרויסן און געשפּילט מיט זיינע כאַווירים אין בייסבאָל.

ווען ער איז אריין אין שטוב און דערזען זיין טאַטן אין בעט, האָט אים געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן:

זיין טאַטע ארבעט דאָך נאָר 3 טעג אַ וואָך און קריגט זייער ווייניק פאַר זיין ארבעט. וואו וועט ער נעמען געלט פאַר אַ דאָקטער, פאַר מעדיצין, אָף עסן פאַר די קינדער? ווי וועט זיין טאַטע קאָנען געזונט ווערן?

ער וואָלט זיך געוואָלט דורכרעדן מיט דער מאַמען. נאָר גיי רעד, ווען דער טאַטע ליגט און קרעכצט.

שטייט מאַרטין פון דער ווייטנס און קוקט אָפן קראַנקן טאַטן.

עפנט זיך די טיר, און עס קומט אריין אַ מאַן. מאַרטין דערקענט, אַז ס'איז אַ דאָקטער.

דער דאָקטער גייט צו צום טאַטן, באַטראַכט אים, פאַרשרייבט אַ מעדיצין אָף אַ פּאַפּירל, פרעגט דעם טאַטן עטלעכע פראַגעס און גייט דערנאָך אַוועק.

וואָס איז דאָס? מאַרטין האָט ניט געזען, אַז די מאַמע זאָל האָבן געגעבן דעם דאָקטער געלט. פון דעסטוועגן האָט דער דאָקטער אַלין געטאָן פאַרן טאַטן. פרעגן ווידער, פאַרוואָס דער דאָקטער האָט קיין געלט ניט גענומען, שעמט ער זיך.

די מאַמע איז אַראָפּ אין גאַס, באַשטעלט פאַרן טאַטן די מעדיצין, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן. מאַרטין שטייט און טראַכט:

— נאָך פאַראַיאָרן איז ער אַליין קראַנק געווען, איז געווען אַ דאָקטער. און ער געדענקט, ווי ער האָט אַליין געזען, אַז זיין מאַמע האָט געגעבן דעם דאָקטער געלט.

ווי ער טראַכט אַזוי, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין די מאַמע מיט צוויי מענער. די מענער זעצן זיך לעבן טאַטנס בעט. דער טאַטע הייבט אָן רעדן מיט זיי. ס'איז אים טאַקע אַ ביסל שווער, אָבער ער שמייכלט, ווען ער רעדט.

ווער זשע זיינען די צוויי מענטשן, וואָס דער טאַטע איז אַזוי צופרידן זיי צו זען און צו זיי רעדן? מאַרטין האָט זיי נאָך קיינמאָל נים געזען, זיינען זיי דאָך פרעמדע...

פאַרן אַוועקגיין זיינען זיי ביידע צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, דערלאַנגט איר אַ טשעק, און מאַרטין האָט קלאָר געהערט, ווי זיי זאָגן:

— דאָס איז סיק־בענעפיט פאַר אייער מאַן. מירן קומען נאָכ־אַמאָל.

די זאָרג איז ווי פאַרשוואונדן פון דער טאַטעס פּנים, אויפן טאַטנס פּנים איז נאָך געלעגן דער שמייכל פון פריער.

— לינע, — האָט דער טאַטע צוגערופן די מאַמע, — זעסט ווי גוט עס איז צו זיין אַ מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. אַז מ'ווערט קראַנק, פילט מען זיך נים פאַרלאָזן...

— הערסט סעם, איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם: אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי אימיצער פון זייער פאַמיליע וואָלט קראַנק געוואָרן...

— וואָס דען מיינסטו, — האָט דער טאַטע ווייטער גערעדט. — ס'איז דאָך אַן אַרבעטער אָרדן, אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע, און פרייד און אין נויט אַלע צוזאַמען, ווי איין מישפּאָכע. ווייסט, לינע, איך פיל זיך שוין, דאַכט זיך, בעסער.

— נו, סעם, רעדן קיין סאַך טאָרסטו נים. דאַרפסט ליגן און רוען.

מאַרטין איז עטלעכע שאָ געלעגן באַנאַכט אין זיין בעט, מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וועגן דעם גוטן אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטער אָרדן, וואָס זאָרגט זיך אַזוי פאַר זיין טאַטן, טאַקע פונקט ווי זיין מאַמע פאַר אים, ווען ער איז פאַראַיאָרן קראַנק געוואָרן.

ענטפער:

אין אַמעריקע קריגן נים די אַרבעטער קיין סאָציאַלע און אַרבעטלאָזע פאַרזיכערונג. פאַרוואָס? ______________________________

אין וועלכן לאַנד קריגן די אַרבעטער פאַרזיכערונג? ______________________________

פאַרוואָס? ______________________________

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן העלפט אין אַמעריקע פירן דעם קאַמף פאַר ______________________________

אונזערע שולן הייסן: אידישע קינדער־שולן ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, ווייל ______________________________

# אַ גאָט

פֿון יאָסל קאָטלער

אַ גאָט אין אַמעריקע
איז אַף ענגליש אַ לאָרד,
קען ער װערן אין קוני־איילאַנד
אַ לײדי מיט אַ באָרד.

דער רײבער גײט אין שול אַרײן,
װײל ער האָט אַ פול טעפל.
קלאַפּט ער זיך אין האַרצן
און קײט אַ קרעפל.

ער האָט אַף װאָס צו בעטן,
ער האָט אַף װאָס צו האָפן.
אַז גאָט זאָל אים העלפן,
ער זאָל קאָנען בלאָפן.

| אײנצאָל | מערצאָל : |
| --- | --- |
| גאָט | ___ |
| אַ לאָרד | ___ |
| אַ באָרד | ___ |
| דער רײבער | ___ |
| אַ טעפל | ___ |

הײם־אַרבעט : שרײב אַ קאָמפּאָזיציע : אַרבעטער און רעליגיעזע יאָנטוװים.

# הײליקע טעג.

פֿון א. מײזל

דער טאַטע האָט גערופן יהושיען :
— קום !
— װאוהין, טאַטע ?
— קום קױפן אַ טיקעט פאַר די הײליקע טעג אין שול.
אַפן װעג האָט עס אים דער טאַטע געגעבן בעסער צו פאַרשטײן :
— זעסט, „סאַני", עס קומען באַלד אָן די הײליקע טעג : ראָשע־

שאנע, דער אידישער ניי־יאר. און יאם קיפער, ווען אלע אידן פאסטן און גאט שענקט זיי זייערע זינד. א קלייניקייט, די טעג! דאמאלסט ציטערן אפילע פיש אין וואסער. דאמאלסט מוז מען זיין פרום. האסט, צי דו האסט נים, א „טיקעט" און שול מוז מען קויפן. מען מוז אייס־בעטן בא גאט, ער זאל קיין שלעכטע זאכן אין זיין בוך נים ארייג־שרייבן. אויב נים, וועט זיין ביטער א גאנץ יאר.

יודזשין האט נים אלין פארשטאנען, וואס דער טאטע האט אים דערקלערט. (אלט איז ער געווען אינגנאצן ניין יאר). די מייסע איז אים אבער אריין אין נאז:

ערשטנס וועגן די פישעלעך. ער וואלט כיישעק געהאט אליין צו זען, ווי זיי ליגן דארט אין וואסער, צאפלען זיך און ציטערן. „דזשי, דזשי!" וואס א הייליקער גאט קען עס מאכן. באטש, וואס האט ער דערפון, וואס די „פור" פיש צאפלען זיך נעבעך? און גאטס שרייב־בוך וואלט ער אויך שטארק וועלן ארייגקוקן. כאטש ער ווייסט נים, צי ער וואלט דארטן עפעס פארשטאנען: קיין „היברו" קען נאך יודזשין נים גום, און דער אידישער גאט שרייבט מיסטאמע בלויז „היברו"...

אז ער איז מיטן טאטן צוגעקומען צו דער ניקאלעט־מאווי, נים ווייט פון זייער הויז (ער האט דארט מיט עטלעכע טעג פריער געזען א מיקי־מאוז בילד, און הערעלד לאידן, וועלכער האט געקלעטערט, ווי א קאץ אף דעכער), האט ער דערזען: א טיש איז געשטאנען אין דרויסן. אפן טיש זיינען געלעגן פעקלעך בילעטן פון דריי־ערליי קאלירן: ווייסע, געלע און גרינע. ערנסטע אידן זיינען געזעסן און געגלעט זייערע בערד. איינער פון זיי האט געפרעגט דעם טאטן:

— מיסטער, וואס פאר א טיקעט ווילט איר? מיר האבן פאר פינף. פאר דריי און פאר צוויי דאלער.

— בע־בע־בע! — האט דער טאטע פארשעמט געלאכט. — גאט איז א דייגע אף וועלכן טיקעט מען דאווגט. גיט מיר איינעם פאר צוויי דאלער.

דער מאן, וועלכער איז געזעסן נעענטער צו די בילעטן, האט פארזשמורעט די אויגן. ער איז געווען א נידעריקער, א דיקלעכער, מיט א קליין פעכיק בערדל, ווי אן אנגעקלעפטע. פון דעם טאטנס געלעכטערל איז ער געווען שטארק אומצופרידן.

— מיסטער! איר זייט דאך בא אונז א שטענדיקער „קאסטא־מער". פאראיארן, אויב איך מאך נים קיין טאעס, האט איר א פינף־דאלערדיקן טיקעט געקויפט. א הייליקן ארט מוז מען אויסהאלטן, ס'קאסט אזוי פיל הוצאעס. און היי־יאר האבן מיר א כאזן, אן אנטיקל, מיט א סאך זינגערלעך. צוויי דאליארעס איין מאל א יאר פאר גאט איז א ביטערע שאנדע.

יודשין האָט געזען, ווי זיין טאַטע איז נאָך מער פאַרשעמט און פאַרלאָרן געוואָרן. זיין קאָל איז געווען שוואַך, ווי ער וואָלט עפּעס געבעטלט:

— פאַרשטייט איר מיך: הײַיאָר איז ניט דאָס, וואָס פאַראַיאָרן, הײַיאָר האָב איך אױף מײַן קאָפּ צאָרעס, מיט אָנשיקעניש, מיט אַ ביטערן סטרייק. שוין צען וואָכן ניט געבראַכט אין שטוב קיין פּעני. איר מיינט: דאָס קען איך זיך פאַרגינען? (דער טאַטע האָט געהאַלטן שוואַך, ווי אַ פויגל מיט צעבראָכענע פליגלען, די צוויי פאַפירענע דאָלער צווישן די פינגער.) נאָר וואָס קען מען זיך העלפן? מ'איז דאָך אַ איד. פאַר גאָט און פאַר זיין יאַנטעוו...

דער מאַן מיטן פּעביקן בערדל האָט דעם טאַטן דערלאַנגט דעם צוויי־דאָלערדיקן טיקעט און צוגעוואונטשן:

— גאָט זאָל העלפן אױפן נייעם יאָר און שיקן מאַזל, גליק און אַ סאַך פּאַרנאָסע.

אַהיים גייענדיק האָט יודשין געבעטן באַם טאַטן דעם בילעט אױף אַ ווײַלע אין האַנט. ער האָט אױף אים געקוקט און געטראַכט מיט וואונדער:

— „דזשי, דזשי“! אין די הייליקע טעג קומט גאָט אין ניקאָלעט צוגיין. דער טאַטע און אַלע פרומע אידן דאַווענען צו אים. ער הערט און טוט אַלץ, וואָס ער וויל: וויל ער, קען ער אַפילע סעטלען דעם טאַטנס סטרייק, „נעווערמיינד“, וואָס דער „באָס“ וויל ניט.

יודשין האָט געוואַרט אױף די הייליקע טעג מיט אומגעדולד...

---

ראַשעשאָנע פאַרנאַכט האָט אים די מאַמע אָרומגעוואַשן, אויסגעפּוצט. ער איז מיטן טאַטן אַוועק אין ניקאָלעט (אין שול אַריין) פּייערן דעם אידישן ניי־יאָר.

אין גאָס האָט יודשין מיט זיינע אייגענע אייגן געזען, ווי גאָט גייט אין מאָאַווי אַריין. די גאָס האָט זיך אַזוי איבערגעביטן: די פּישקאַרט־פּעדלער זיינען אַלע אַוועק. ס'איז געווען אַ מאָדנע שטילקייט, ווען עס זיינען אַנטשוווּנגן געוואָרן זייערע קוילעס. דער גראָסערימאַן, דער לאָנדרימאַן, דער מאַן פון די סאָדעס און לאָלי־פּאָפּס, אַלע האָבן זיי פאַרשלאָסן זייערע קראָמען. און אַ סאַך פענצטער האָבן געפינקלט קליינע צעצונדענע ליכטלעך.

אָט זיינען זיי שוין לעבן דעם ניקאָלעט. היינט איז דער ניקאָלעט אויך אַן אַנדערער: דאָס גלאָז־לעבעלע און ביידל איז פאַרמאַכט, קיינער פאַרקויפט דאָרט ניט פאַר קיין ניקל בילעטן. לעבן דעם „פּאָוסטער“ פון מיקי־מאַוז און דעם מאָאַווי־העלד, וועלכער זיצט אױף אַ פערד רייטנדיק, הענגט אַ בילד פון אַ הייליקן מאַן. אַ הויכער צילינדער־הוט אױף זיין קאָפּ און אַ טאַלעס איבער דער פּלייצע. אַרום

אים — אַ „באַנטש“ אינגלעך, מיט צעעפנטע מיילער. יודזשין פאַר־שטייט גלייך: דאָס איז דער באָן מיט זיינע זינגער.

יודזשין באַקוקט זיין בילד; ערשט לעבן דער טיר איז אַ טומל. ס'שטייט אַ רעדל מענטשן, אינמיטן — דער טאַטע...

אַ מאַן אַ צעקאָכטער, מיט אַ פאַנעם רויט, ווי בוריק, שטייט און טייטלט אָפן מאַטן מיט פינגער, ווי מיט שאַרפע שפּיזן:

— אָט דעם און שול אַריינלאָזן? ניט באַ מיר! ווי לאַנג איך בין דאָ פּרעזידענט! ניין! זיין פוס וועט דעם שוועל ניט איבער־טרעטן...

עס איז אַ טומל אַרום! האָ, וואָס איז? ווער איז ער? יודזשינס מאַטע שטייט אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרלאָרענער, ווי די טייטלדיקע פינגער וואָלטן אים דאָס האַרץ דורכגעשטאָכן און געמאַכט אַ לאָך אין לעבער.

און דער מאַן שרייט העכער:

— איר ווייסט, ווער ער איז? אַ סטרייקער, אַ גאַרגל־שניידער! באַ מיר אין שאָפּ האָבן זיי פאַרסטרייקט. איך צו זיי, ווי אַ טאַטע צו קינדער: ווער זיינען מיר און וואָס זיינען מיר? מיר זיינען דאָך עפּעס אַלע אידן. מיר וועלן שוין אויסקומען, אויסגלייכן זיך. אַ דאָלער אַרויף, אַ דאָלער אַראָנטער. אָבער זיי, ווי די גזלנים! זיי האָבן דאָך קיין גאָט אין האַרצן ניט. גיב זיי! דערלאַנג! און דער קומט נאָך אין אַ הייליק אָרט, ראַשעשאַנע, בעטן גאָט. ניין, איך בין דאָ פּרעזידענט, און איך וועל עס ניט דערלאָזן...

דער מאַטע איז געשטאַנען איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווי איינער, וועלכער קריגט שמיץ פון אַ בייטש און ווייסט ניט פאַרוואָס. און קאָפּ האָט זיך באַ אים געטומלט:

— האָ! ער מאַנט נאָך? דער בלוט־צאַפּער! האָט מען גע־אַרבעט, האָט ער געיאָגט צום טויט. איז מען געקומען צום שאָפּ סטרייקן, האָט ער געהייסן שלאָגן. פון דאַנען טרייבט ער. נאָטס פּרעזידענט? אַ פיינער גאָט, אויב דאָס איז זיין פּרעזידענט!...

· די מענטשן אַרום זיינען געשטאַנען מיט גרויס אַפּשיי פאַר זייער פּרעזידענט און זיי האָבן אים געפּרואווט באַרואיקן.

— מאַקע, אַזאַ סקאַנדאַל! אָבער נו, מיילע: זאָל שוין אייערס איבערגיין, צוליב גאָט און זיין הייליקן יאָנטעוו. ער וועט עס ניט פאַרשווייגן, און איר קענט באַשטיין.

— ניין און ניין! אַז איך זאָג: נ—יי—ן!!

אינעווייניק, פון דער ניקאָלעס, האָבן עטלעכע מיטאַמאָל אָנ־געהויבן שרייען:

—שאַ—שאַ, שטילער! דער באָזן הייבט שוין אָן.

און דער מאַן מיטן פּעקיקן בערדל האָט דעם טאַטן ווייך געגלעט איבער דער פּלייצע:

— מיסטער, פּאַרפאַלן. איך וועט שוין מוזן אַן אַנדער שול אויסזוכן. אַז אונזער פּרעזידענט זאָגט: ניין!

דאָ האָט יודושין דערזען:

דער טאַטע האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם שול־טיקעט פון קעשענע. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן פאַר צוויי שפּיצן און צעריסן אַף דער העלפט. די פינגער האָבן בא אים פון קאַעס געציטערט, די וויעס פון די אויגן האָבן געציטערט, און די ליפּן. יודושין האָט געזען, ווי די ציינער אין מויל זיינען בא אים מאָדנע אַרומגעשפּרונגען און אַנגעקלאַפּט זיך: אַ צאָן אָן אַ צאָן.

און אַ ביטערער געלעכטער האָט זיין פּאָנעם אויסגעקרימט. ווערטער זיינען בא אים געלאָפן פון מויל, אויסגעמישט מיטן געלעכטער און אויך אַזוי, ווי צעקרימט:

— אַז דאָס איז גאָט, און דאָס — זיין פּרעזידענט, האָב איך מיט אים ניט וואָס צו טאָן.

— יודושין, קום אַהיים...

ס י נ אָ נ י מ ע ן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ציטערן — | ____________ | הויצאָעס — | ______ ______ |
| פרום — | ____________ | אַ שאַנדע — | ____________ |
| ביישעק — | ____________ | פאַרשלאָסן — | ____________ |
| נעפלעטערט — | ____________ | גאַזלאָנים — | ____________ |
| אַ דיינע — | ____________ | אַפּשיי — | ____________ |

רעליגיע זאָגט: אַלע אידן (רייכע און אָרעמע) זיינען באַוויירים. איז דאָס עמעס? דערקלער:

די אַרבעטער דאַרפן ניט בעטן צו גאָט, ער זאָל זיי העלפן, נאָר ——————

וואַלן.

פּלאַטפאָרמע פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

פּלאַטפאָרמע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן.

די רוסישע רעוואָלוציע. דאָס יאָר 1917.

דער פינפיאָר פּלאַן.

דער איקאָר. אידן פאַר דער רעוואָלוציע.

ביראָ־בידזשאַן.

די וועלט־מלחמה. אַרמיסטיס.

---

וואַנט־צייטונג:

צוויי לענדער — די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צייט:

פון 15טן אָקטאָבער ביזן 20טן נאָוועמבער.

# היימיס טאַטע שטימט רויט.

פון מ. שיפריס

היימי האָט געוואוינט אויף דער זעקסטער גאַס. זיין טאַטע האָט געאַרבעט אין אַ קליידער־שאַפּ. ער האָט זייער ווייניק פאַרדינט. זיי האָבן געוואוינט אין דריי טונקעלע צימערן, אָן זון.

היימין איז געווען אומעטיק אין שטוב, פלעגט ער אַלעמאָל שפּילן אין גאַס. ער איז געווען אַ לעבעדיק אינגל. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גענג און געשלאָגן זיך מיט קינדער פון דער צווייטער גאַס.

אין שטוב פלעג ער אַריין ערשט שפּעט אין אָונט, ווען מען דאַרף גיין שלאָפן.

פאַר די וואַלן איז היימי אַלעמאָל געווען פריילעך. ניט ווייט פון זיין הויז, אויפן ראָג גאַס, פלעגן שטיין רעדנער און אַגיטירן פאַר זייערע פּאַרטייען.

היימי מיט זיין גענג פלעגן זיך אויסשטעלן, ווי סאָלדאַטן, און לאָפן מיט שטעקנס אין בלעכענע קאַנען און מאַכן אַ גרויסן טומל.

אַז עס פלעגט רעדן אַ קאָמוניסטישער רעדנער, פלעגט זיך היימי אַוועקשטעלן און מאַכן מעשוגענע שטיק. זיין גענג האָט געקלאַפּט אין די בלעכן און היימי האָט זיי דיריגירט מיט אַ שטעקן.

אין היימיס הויז האָט זיך אַריינגעקליבן אַ נייע פאַמיליע. און היימי האָט געקראָגן אַ נייעם כאַווער. זיין נאָמען איז געווען מאַרי. אַ פריילעכער אינגל מיט רויטע האָר. אַ גוטער באָל־שפּילער און ניט קיין שרעקעדיקער.

דערזעט איינמאָל היימי, ווי מאַרי קומט אַרויס פון שטוב אין אַ שיינעם בלויען יוניפאָרם, מיט אַ בלוי היטעלע. פרעגט ער בא אים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ יוניפאָרם?

— דאָס איז אַ יוניפאָרם פון מיין קלוב, — ענטפערט מאַרי.

— וואָר פאַר אַ קלוב?

— דער קלוב פון די פּיאָנערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלוב?

— קום מיט מיר, וועסטו זען.

דערמאָנט זיך היימי, אַז דאָס איז אַ קלוב פון רויטע. גיט ער אַ זאָג:

— אַ נאָ, איך בין ניט קיין היטער, און מיין טאַטע איז אַ דעמאָקראַט.

— אָבער וואָס אַרט דיר, קום מיט מיר איינמאָל, וועסטו זען.

היימי איז אַוועק מיט מאַרין צום מיטינג. ער איז געקומען איינמאָל און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל, ביז ער איז געוואָרן אַ פּיאָנער.

אײן אָונט קומט הײמי אַהײם מיט אַ רױטן קנעפּל אין סװעטער. אױפן קנעפּל איז געװען אָנגעשריבן: „װאָוט קאָמוניסט".

דער טאַטע האָט דערזען דאָס קנעפּל, איז ער געװאָרן בײז, און האָט געשריען:

— װאָס איז דאָס? אַ קאָמוניסטל װעסטו מיר װערן? אַ באָל־שעװיק? װוּ האָסטו דאָס געקראָגן?

— בײַ די פּיאָנערן.

— װער זײַנען דײַנע פּיאָנערן?

— טאַטע, פּיאָנערן זײַנען אַרבעטער קינדער. דו ביסט דאָך אױך אַן אַרבעטער, טאַטע! טאָ פאַרװאָס טאָר איך ניט זײַן קײן פּיאָנער?

— שװײַג, שײגעץ! איך בין ניט קײן קאָמוניסט. איך שטים פאַר די דעמאָקראַטן. פון זײ קריגט מען עפּעס. װאָס קען מען קריגן פון די קאָמוניסטן?

— אָט האָסטו ניט, טאַטע, קײן רענט. דער לענדלאָרד װיל דיך אַרױסװאַרפן פון הױז. פאַרװאָס צאָלן ניט פאַר דיר דײַנע דעמאָ־קראַטן?

— עפּשער װעלן דײַנע באָלשעװיקעס צאָלן רענט פאַר מיר?

— קײן רענט צאָלן זײ ניט, װײַל זײ זײַנען אַלײן אָרעם. נאָר אַז מען שטעלט אַרױס אין גאַס, קומען זײ אַלע צוגײן און שטעלן אַרײַן צוריק די זאַכן.

— מוחל. מיר װעלן העלפן מײַנע דעמאָקראַטן.

הײמי איז געװען זײער טרױעריק פאַרװאָס דער טאַטע פאַר־שטײט אים ניט. ער אַרבעט דאָך אַלע זײַנע יאָרן אין שאַפּ און װאױנט אין פינצטערע צימערן, און ער זעט ניט װי עס איז שלעכט. ער װײסט ניט װער עס זײַנען זײַנע עמעסע פרײַנט.

יענעם אָונט האָט הײמי אָרגאַניזירט די קינדער, אַז זײ זאָלן אַרומגײן איבער די גאַסן און שרײַען: שטימט רױט! אָבער ער אַלײן איז אַן אומעטיקער געגאַנגען שלאָפן.

עס זײַנען אַװעק אַ פּאָר טעג און דער לענדלאָרד האָט אַרײַנ־געשיקט זײַן טאַטן אַ „דיספּאָזעס". דער טאַטע איז אַװעק אין דעמאָ־קראַטישן קלוב. ער האָט דאָרטן געבעטן:

— אַכצן יאָר אַז איך שטים פאַר אײַך. איצט װאַרפט מען מיך אַרױס אין גאַס. טוט עפּעס פאַר מיר.

דער פירער פון קלוב האָט געדרײט אַ גראָבן סיגאַר אין זײַנע ליפּן און האָט דעם טאַטן געקלאַפּט איבער דער פּלײצע:

— אָלרײַט, מיסטער ראָזען. מירן עס שױן פיקסן. גײט אַהײם און װאָרגט זיך ניט.

הײמיס טאַטע איז געזעסן אין הױז און געװאַרט, מען זאָל אים

קומען העלפן. ער האט געוואַרט און געוואַרט, אָבער קיינער איז ניט געקומען.

עס איז געקומען דער מאַרשאַל און אַרויסגעשטעלט די זאַכן. דער טאַטע האט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די מאַמע האט געוויינט. הויטי איז ערגעץ אַנטלאָפן.

מיטאַמאָל האט זיך דערהערט איבער דער גאַס אַ געזאַנג. טאַטע און מאַמע האבן אויפגעהויבן די אויגן און דערזען זייער הוימין מיט נאָך אַ סאַך אַרבעטער, מענער און פרויען. זיי האבן געטראָגן אַ גרויסן פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן:

## נאָ וואָרק, נאָ רענט!

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום הויז און אַלין געשריען:

— לאָזט ניט אַרויסוואַרפן קיין אַרבעטער אין גאַס! קעמפט!

זיי האבן גענומען די זאַכן און אַריינגעשטעלט צוריק אין הויז.

אַז די מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען, איז הוימי צוגעגאַנגען צום טאַטן און געזאָגט:

— נו, פּאַ, ווי געפעלן דיר די רויטע? וואו זיינען געווען דיינע דעמאָקראַטן?

דער טאַטע האט געשמייכלט אַ פאַרלאָרענער און גאָרניט געענטפערט.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ פעטער מאַן מיט אַ ברייטן שמייכל.

— גוט איווינג, מיסטער ראָזען. איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז מיר טוען פאַר אייך, זאָלט איר אונז אויך ניט פאַרגעסן. מאָרגן איז עלעקשאַן.

דער טאַטע איז געוואָרן רויט פון קאַעס און גענומען שרייען:

— שנעל אַרויס פון דאַנען! טראָגט זיך אָפּ, שווינדלער! שטימען ניט זיי! אַרויס פון מיין שטוב!

פאַר וועמען, קינדער, דענקט איר, האט הוימיס טאַטע געשטימט?

אין די סקולס זאָגן די לערער צו די קינדער, אַז די עלטערן דאַרפן שטימען פאַר רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן. פאַרוואָס זאָגן ניט די לערער, אַז די עלטערן קאָנען אויך שטימען פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציגע ______________________

די קינדער פון דער אַרבעטער־שול העלפן ______________________

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: „ווי אַזוי איך האָב געהאָלפן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די וואַלן.”

# יאַנטעוו

(סאָוועטיש)

ע׳־אַפּלאַנען פליִען *
אין הויכן דרויסן.
קליינע קינדער פירט מען
אין אויטאָס אין גרויסע.

אַנדערע גייען
צופוס זייער גאַנג.
פאַנען, פלאַקאַטן,
רויש און געזאַנג.

קינדערלעך, זאָגט:
— וואָס ווילט איר זיין?
זעען די קינדער
יוניאָנס שפּאַנען,
זאָגן די קינדער:
— ווי די פון דאַנען,
אַרבעטער ווילן מיר זיין.

דערזעען זיי באַלד
רויטע אַרמייער שפּאַנען,
שרייען זיי אויס:
— ווי די פון דאַנען,
רויטע אַרמייער ווילן מיר זיין.

און באַלד ווי דערזעען
עס פליִען עראָפּלאַנען,
שרייען זיי אויס:
— ווי די פון דאַנען,
פליִער ווילן מיר זיין!

פאַנען, טרומייטן,
שאָטן און שיין,
בויער און קעמפער
ווילן זיי זיין!

* לערן אויס דאָס ליד אַף אויסנווייניק.

# אין די אָקטאָבער-טעג

דאָס איז געווען אין פּעטראָגראַד (איצט איז דאָס לענינגראַד) דעם 7טן נאָוועמבער בײַנאַכט. אויפן גאַס איז פינצטער. אויף די ראָגן שטייען סאָלדאַטן מיט באַיאָנעטן, הין און צוריק איבערן גאַס פליען אַרום אויטאָמאָבילן, אָנגעלאָדענע מיט אַרבעטער און האַרמאַטן.

די סאָלדאַטן מיט די באַיאָנעטן שטעלן אָפּ יעדן אויטאָמאָביל און פרעגן אויף דערלויבענישן. אָט פליט דורך אַ גאַנצע מאַכנע רייטער. מע בעט בײַ זיי אַ דערלויבעניש. זיי ענטפערן ניט און פאָרן אַוועק. דער פּאַטרול הויבט אָן אויף זיי שיסן. זיי ענטפערן אָפּ מיט שיסערײַ און ווערן פאַרשוואונדן.

אין גאַס איז פול און פול: אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן, אָפיצערן.

איך און נאָך עטלעכע כאַווײרים זײַנען אַוועק אין סמאָלני, צום גרויסן פּאַלאַץ. דאָרט האָט זיך געפונען דער באָלשעוויסטישער שטאַב.

אויפן גאַס איז קאַלט. בײַם סאַמע טויער פון סמאָלני האָבן די רויטע גוואַרדייער אָנגעצונדן אַ פײַער. זיי שטייען און וואַרעמען זיך, מיר ווילן אַרײַן אין טויער — מע לאָזט ניט.

— אַ דערלויבעניש!

מיר ווײַזן אונדזערע פּאַפּירן. די רויטע גוואַרדייער נעמען בײַ אונדז צו די פּאַפּירן און באַטראַכטן זיי בײַם שײַן פון שײַטער.

דער עלטסטער באַטראַכט אונדז פון קאָפּ ביז די פיס און הייסט אַרײַנלאָזן.

מיר גייען אַרײַן אין הויף.

עס קאָכט דאָרט ווי אין אַ קעסל. דער גאַנצער הויף איז פול מיט אויטאָמאָבילן, פורן, פערד, וועגענער.

אויף די אויטאָמאָבילן שטייען האַרמאַטן, הויפנס ביקסן, קוילן. אַלע אויטאָמאָבילן האָבן געהאַלטן אין איין רוישן, אַז מע האָט בעשום אויפן קיין וואָרט ניט געקענט הערן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע לופט טרייסלט זיך.

אינעווייניק אין פּאַלאַץ איז אַ טומל, אַ געפילדער: אַרבעטער מיט ביקסן און אָן ביקסן, סאָלדאַטן אין גראָבע שינעלן, גרויע היטלען, מאַטראָסן — אַלע מיט אויפגערעגטע פּנימער זײַנען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ פון די טרעפּ. אַלע רעדן גיך און פאַראַמאָל.

— דער וואָקזאַל איז שוין אויך אין אונדזערע הענט.

— הײַנט פאַרטאָג מוז מען אַרעסטירן קערענסקין מיט זײַן רעגירונג און פאַרנעמען דעם טעלעגראַף.

— אַלע סקלאַדן מיט די געווער זיינען שוין אין אונזערע הענט.
— מע דאַרף שיקן סאָלדאַטן פֿאַרנעמען די פּאָסט.

## ווי־אַזוי מע האָט אַרעסטירט קערענסקיס רעגירונג

מיר זיינען צוריק אַרויס אַפֿן הויף. פֿול אין פֿול מיט אויטאָמאָבילן. פֿון וויטן הערט זיך אַ שיסעריי פֿון האַרמאַטן. אַרבעטער מיט ביקסן און אָן ביקסן, מאַטראָסן אין היטלען און אָן היטלען, סאָלדאַטן — אַלע קריכן אַף די אויטאָמאָבילן.

— וואוהין פֿאָרט איר דאָס, באַוויירים?
— אַרעסטירן די בורזשויען.
— וועלכע בורזשויען?
— קערענסקי מיט זיין רעגירונג.

מיר זיינען אַרויפֿגעקראָכן אַף די אויטאָמאָבילן און אַוועקגעפֿאָרן.
אין גאַס איז שוין קימאַט קיינער ניטאָ.
אַף יעדן ראָג איז פֿאַנאַנדערגעלייגט אַ פֿייער. סאָלדאַטן מיט ביקסן שטייען אין רעדלעך און וואַרעמען זיך.

— דאָקומענטן!

דער שאָפֿער באַווייזט זיי אַ פּאַפּירל, און מיר פֿאָרן ווייטער.

— אָט אין דעם מויער, זאָגט איינער, זיינען דאָ אַ סך קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. זיי קענען נאָך אָנהויבן שיסן אַף אונז. אַלע גרייטן אָן די ביקסן... מיר פֿאָרן ווייטער.

— וואוהין פֿאָרן מיר? — פֿרעג איך אַ סאָלדאַט, וואָס האַלט אַ פּאַק ציי‌טונגען מיט אויפֿרופֿן אין די הענט.

— אין ווינטער־פּאַלאַץ, אַרעסטירן די צייטווייליקע רעגירונג, — ענטפֿערט ער. אַפֿן וועג באַגעגענען מיר אויטאָמאָבילן געפּאַקטע מיט מענטשן מיט גרויסע פּלאַקאַטן און פֿאָנען. אין דער פֿינצטער דער־קענט מען ניט, וואָס איז דאָס פֿאַר אָן אויטאָמאָבילן.

מיר דערנענטערן זיך צום ווינטער־פּאַלאַץ. די אויטאָמאָבילן שטעלן זיך אָפּ. מע קען ווייטער ניט פֿאָרן. עס הערט זיך אַ גערודער פֿון האַרמאַטן. עס הויבט שוין אָן צו טאָגן.

פֿון וויטן זעען זיך האַרמאַטן שטייען אינדערהויך, אָנגעשטעלטע אַף אונז מיט די מיילער. סאָלדאַטן, מאַטראָסן און אַרבעטער לויפֿן אַרום הין און צוריק. אַ גרויסער רויך.

אַנטקעגן דעם ווינטער־פּאַלאַץ האָבן די רויטגוואַרדייער אָנגע־שטעלט פֿון ביידע זייטן האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿערס. ס'הערט זיך אַ גרויסע שיסעריי.

איינער אַ סאָלדאַט לויפֿט אונטער צו אונזער אויטאָמאָביל און

זאָגט, אַז די ווייסע גיבן זיך אונטער, זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ווייסן פֿלאַג. די שיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מיר זיינען אַלע צוגעלאָפֿן צו די טויערן פֿון ווינטער־פּאַלאַץ. די פּאַטרולן פֿון די ווייסע זיינען שוין ניטאָ. זיי זיינען זיך צעלאָפֿן. לעבן די טויערן ליגט אָנגעוואָרפֿן האָלץ, אַלטע מעבל, בעטלעך, וועגע־נער, קעדיי מע זאָל אַזוי גיך ניט קענען דורכגיין. אויפֿן הויף וועט זיך קיינער ניט, זיי האָבן זיך באַהאַלטן. לעבן טויער שטייען שוין אונ־זערע פּאַטרולן — מאַטראָסן. אין אַ ווײַלע אַרום, ערשט מע פֿירט פֿון פּאַלאַץ אַרעסטירטע אָפֿיצערן און נאָך זיי קערענסקיס מיניסטאָרן. קערענסקין אַליין האָט מען ניט געכאַפּט. ער האָט זיך מיט אַ טאָג פֿריער ערגעץ אַוועקגעטראָגן. מע האָט די אַרעסטירטע צוגעפֿירט צום טויער.

— אָט זיינען זיי, די פֿיינע לייט, — זאָגן די מאַטראָסן. מע האָט זיי אָפּגעפֿירט אין פֿעסטונג.

ווען מיר זיינען געפֿאָרן צוריק, איז שוין געווען גרויסער טאָג. אויטאָמאָבילן, באַפּוצטע מיט פּלאַקאַטן און רויטע פֿאָנען, זיינען גע־פֿלויגן איבער די גאַסן און געוואָרפֿן צייטונגען און אויפֿרופֿן. מענטשן זיינען נאָכגעלאָפֿן און געכאַפּט די אויפֿרופֿן. איך כאַפּ אויך אַן אויפֿ־רוף און לייען:

„באַוווירים!

„די צייטווײַליקע רעגירונג איז אַראָפּ. די מעלוכע־מאַכט איז אַריבער אין די הענט פֿון סאָוועט פֿון די אַרבעטער און פּויערים.

„די זאַך, פֿאַר וואָס דאָס פֿאָלק האָט געקעמפֿט — פֿאַר אויס מיל־כאָמע, פֿאַר אָפּגעבן די פּריצישע ערד די פּויערים, פֿאַר אָפּגעבן די פֿאַבריקן און זאַוואָדן אין די הענט פֿון די אַרבעטער — אָט דאָס אַלץ איז באַוואָרנט.

„זאָל לעבן די מאַכט פֿון די אַרבעטער און פּויערים!"

# פֿעברואַר 1917

עס איז געווען אין סאָף פֿון מאָנאַט פֿעברואַר. איבער די גאַסן זיינען געגאַנגען דעמאָנסטראַנטן און געפֿאָדערט ברויט. רייטער־פּאָליציאַנטן האָבן געריטן איבער זיי טראָטואַרן און צעטריבן דעם נייגעריקן עולם. די טראַמווייען זיינען ניט געגאַנגען.

איבער אַ גאַס איז געגאַנגען אַ גרופּע אַרבעטערנס מיט בלייכע פּנימער, רויטע אויפֿגעלאָפֿענע אויגן און מידע טריט. געגאַנגען

זיינען זיי שוויינגדיק. פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ מאַכנע פּאָליציאַנטן.

די דעמאָנסטראַנטקעס זיינען צעטומלט געוואָרן, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איין אַרבעטערן האָט אויסגעשריען:

— זיי ווילן אונז נים משפּען! מיר פאָדערן דאָך ברויט...

טאַקע, מע קאָן דען שלאָגן, ווען מע פאָדערט ברויט? שווייגנדיק זיינען די פרויען ווייטער געגאַנגען.

די פּאָליציאַנטן האָבן אונטערגעטריבן זייערע פערד, זיך אַריינגעריסן צווישן די הונגעריקע, אומבאַוואָפנטע פרויען און אָנגעהויבן שלאָגן.

אָט אַן אַנדער גאַס האָט אַן עלטסטער באַפוילן די פּאָליציאַנטן מיט די בלויזע שווערדן האַקן די אומבאַוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן.

— קאָזאַקן, שטעלט זיך איין פאַר אונז! — האָט זיך אימיצער געווענדעט צו די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי.

דאָ איז אַ וואונדער געשען:

די קאָזאַקן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו הילף דער מאַסע. אין אַ פּאָר מינוט האָבן זיי צעהאַקט דעם עלטסטן און צעטריבן די פּאָליציאַנטן. דעם עלטסטן האָט מען אוועקגעטראָגן אַ טויטן.

און פּלוצלונג... וואָס איז דאָס? פון ערגעץ הערט זיך מוזיק... יאָ, יאָ, — מיליטער-מוזיק. עס הערט זיך אַ הילכיקער, פעסטער סאָלדאַטן-טראָט. די מוזיק איז שוין נאָענט. עס הערט זיך די מאַרסעליעזע.

פון הינטערן ראָג האָט זיך באַוויזן אַ סאָלדאַטן-קאָלאָנע אַרומגערינגלט פון מאַסן אַרבעטער. עס האָט אויפגעפלאַטערט די רויטע פאָן.



שרייב אָן צוויי פּאַראַגראַפן: 1) די קערענסקי-רעגירונג. 2) די לעניןרעגירונג.

# די באַלאַדע פון דער רוסישער רעוואָלוציע

פון נ. ווייסמאַן

1

אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
ווי אַן אָדלערס בליק —
האָט אַ צאַר געלעבט דאָרט
גאָרניט לאַנג צוריק.

איז דער צאַר געווען
אַזוי שלעכט און ביטער,
אַז ווען מען דערמאָנט אים,
כאַפּט אַוש אַן אַ ציטער!

האָט דער צאַר געוועלטיקט
איבער זיינע שטאַטן,
ווי אַ בייזער הערשער
פון די יאַם פּיראַטן.

האָט דאָס פאָלק געהונגערט,
האָט דאָס פאָלק געליטן,
האָט אין יעדן שטיבל
נויט אַריינגעריטן.

נאָר אין צאַרסקן פּאַלאַץ
און אין רייכע הויפן
האָט מען דאָרט געהוליעט,
טעג און נעכט געזויפן.

נאָר אין פעלד האָט פויער,
אין זאַוואָד האָט בויער
פּעסט געקריצט מיט ציינער
אין אַ טיפן טרויער.

אין דער שטיל געגרייט זיך
און געשמידט די רייען
ווי אַזוי אַמשנעלסטן
זיך פֿון אים באַפֿרייען.

האָט מען ווען אַף גאַסן
רויטע פאָן דערהייבן,
זיינען באַלד קאָזאַקן
ווילדע אָנגעפלויגן —

האָט מען קעפּ געשפּאָלטן,
האָט מען ביין צעשלאָגן,
האָט זיך גרויסער צאָרן
הייסער נאָך צעטראָגן.

2

מענטשן לויפן, מענטשן שרייען
היים און הייסער אין די רייען :
טראָגט מען העק און לאַנגע קאָסעס —
— אַ קאַפּאָרע צאַר און באָסעס!

פרייהייט! פרייהייט! פאָנען רויטע!
אין די גאַסן ליגן טויטע!
ברעכט מען שויבן אין די הויפן!
מענטשן שרייען, מענטשן לויפן

צו דעם קעניגס ווינטער־פּאַלאַץ
טראָגט מען ביקסן, לאַנגע קאָסעס —
— אַ קאַפּאָרע צאַר און באָסעס!

---

— אויב מילכאָמע — איז מילכאָמע
קעגן צאַר און זיינע פּריצים.

---

מענטשן לויפן, מענטשן שרייען
היים און הייסער אין די רייען :
ברענען הייזער, ברענען הערצער —
— טויט דעם צאַר און זיינע פּריצים!

אין פארשוואונדן צאר און פריצים
און מיט אים — די נויט, דער טרויער.
אין פאבריקן און אף פעלדער
הערשן ארבעטער און פויער.

3

## פיאטילעטקא

אין דעם לאנד דעם ווייטן,
אין סאוועטן־לאנד,
זיט דאס לאנד, דאס נייע
היט־ארמייערס האנט!

בויט מען און מען בויט
דארטן נאכט און טאג
ליכטיקע זאוואדן
אף א יעדן טאג.

און אין די זאוואדן
פון באפרייטן לאנד —
ארבעט פלייסיק, מונטער
באלעבאס פון לאנד!

און בא יעדער גרענעץ
פון באפרייטן לאנד,
היט א היט־ארמייער
מיט דער ביקס אין האנט!

פארגלייך אין א קאמפאזיציע:
די צארישע רעגירונג און די אמעריקאנער רעגירונג.

# א מייסע.

אמאל, אמאל איז געפארן א־שיף איבערן יאם. איז געקומען א שטורעם און צעבראכן די שיף. די מענטשן האבן זיך געראטעוועט אף א ברעט. און זיי זיינען צוגעשוואומען צו אן אינזל.

דאָרטן זיינען נים געווען קיין מענטשן, קיין הייזער, קיין קליידער און קיין עסן.

עס זיינען געווען וועלדער, פעלדער, טייכן און פיש.

די מענטשן האָבן זיך זייער שטאַרק געזאָרגט.

— וואָס וועלן מיר טאָן? מיר וועלן דאָך שטאַרבן פון הונגער. מיר וועלן געפרוירן ווערן פון קעלט. די טייכן וועלן אונז אויפעסן.

אָבער איינער פון זיי איז געווען אַ פרייליכער און אַ בראַווער, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אַ גוטן פּלאַן. — און ער פרעגט דעם ערשטן:

— זאָג מיר, וואָס קענסטו טאָן?

— איך בין אַ גוטער גערטנער.

— און דו? — פרעגט ער דעם צווייטן.

— איך קען בויען הייזער.

— און דו?

— איך קען קאָכן.

— און וואָס קענסטו? — פרעגט ער באַם פערטן.

— איך האָב קיינמאָל נים געאַרבעט. מען האָט געאַרבעט פאַר מיר.

אַף מאָרגן אין דער פרי האָט דער פרייליכער אַלעמען אויפגעוועקט. און אַלע האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דער פרייליכער האָט געכאַפּט אַ העזעלע. דער קוכער האָט עס אָפּגעקאָכט. דער גערטנער האָט צעגראָבן אַ גאָרטן. און דער פערטער האָט גענומען בויען אַ הויז. דער פינפטער האָט גאָרנישט נים געטאָן, נאָר געגעסן און געשלאָפן.

איינמאָל רופט זיך אָן דער פינפטער:

— ווייסט איר גאָר וואָס, מיינע פריינט? פאַרוואָס דאַרפט איר אַרבעטן פאַר גאָרנישט? איך האָב געלט, וועל איך אייך צאָלן פאַר אייער אַרבעט. און איר וועט אַרבעטן פאַר מיר. איך וועל אייך געבן אַ דאָלער אַ וואָך, וועט איר מיר צאָלן 75 סענט פאַר עסן און 25 סענט פאַר שלאָפן.

די פיר אַרבעטער האָבן נים פאַרשטאַנען און זיי האָבן איינגעשטימט.

אַזוי שנעל, ווי ער האָט אָנגעהויבן צאָלן, האָט ער זיך אָנגעהויבן שאַפן מיט זיי. דאָ האָט ער געשריען, אַז זיי אַרבעטן נים שנעל. דאָ, אַז זיי אַרבעטן נים גענוג, און נאָך אַנדערע זאַכן.

איינמאָל רופט זיך אָן דער פרייליכער:

— איך פאַרשטיי נים. וואָס האָבן מיר פון דעם, וואָס מיר קריגן געלט? מיר גיבן אים דאָך אָפּ צוריק. און ער שרייט נאָך אַף

אונז. ווייסט איר וואָס? זאָלן מיר אַלע מאָרגן ניט גיין צו דער אַרבעט, סיידן ער וועט אונז געבן נאָך אַ דאָלער אַ וואָך.

אַלע האָבן איינגעשטימט.

פינף טעג און פינף נעכט האָבן זיי ניט געאַרבעט. דער גערטנער האָט ניט געזייט. דער קיכער האָט ניט געקאָכט. און דער בויער האָט ניט געבויט דאָס הויז.

דער מאַן מיטן געלט האָט געמוזט נאָכגעבן. די פיר מענטשן האָבן איצט פאַרשטאַנען, אַז אייניקייט איז טאַקע מאַכט.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע טעג. זאָגט דער מענטש—מיטן געלט צו די אַרבעטער:

— איצט מוזט איר מיר צאָלן אַ דאָלער אַ וואָך פאַרן עסן און אַ דאָלער אַ וואָך פאַרן שלאָפן, ווייל איך צאָל איצט טייערער, מוז איך נעמען טייערער.

די פיר אַרבעטער האָבן געמיינט, אַז ער איז גערעכט, האָבן זיי געצאָלט צוויי דאָלער.

האָבן זיך די מענטשן פאַרטראַכט:

— וואָס טוט זיך דאָ? דאַכט זיך, מיר קריגן שוין מער באַצאָלט, און מיר האָבן ניט מער. אַלץ, וואָס מיר מאַכן, געהערט צום מאַן מיט דעם געלט. מיר אַרבעטן שווער, ער שאַפט זיך מיט אונז, ער יאָגט אונז. מיר וועלן אים זאָגן, אַז מיר ווילן נאָך צוויי דאָלער אַ וואָך.

דער מאַן מיטן געלט האָט ווידער געמוזט נאָכגעבן. אָבער ער האָט ווידער גענומען טייערער פאַרן עסן און פאַרן שלאָפן. איז זיי ווידער געבליבן גאָרניט.

איינמאָל זיצן זיי אַזוי און טראַכטן און קלערן. און דער פרייַ־לעכער טוט מיטאַמאָל אַ זאָג:

— מיר האָבן שוין אַזויפיל מאָל געקראָגן מער געלט פאַר דער אַרבעט און מיר האָבן נאָך אַלץ גאָרנישט. צו וואָס דאַרפן מיר דעם מאַן מיטן געלט אינגאַנצן? מיר קאָנען בויען, אַרבעטן און קאָכן אָן אים!

אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער איז גערעכט. זיי זיינען אַוועק צו דעם מאַן מיטן געלט. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט צום ברעג יאַם. דאָרטן איז נאָך געלעגן די צעבראָכענע ברעט, אויף וועלכער זיי זיינען געקומען צושווימען. זיי האָבן אים צוגעבונדן מיט גרינע שטאַרקע צווייגן און אים אַוועקגעלאָזט אויפן יאַם שווימען.

ענטפער:

קאָנען די באָסעס עקזיסטירן אָן אַרבעטער? ——— פאַרוואָס? ———
קאָנען די אַרבעטער אויסקומען אָן באָסעס? ——— פאַרוואָס? ———
אין וועלכן לאַנד בויען די אַרבעטער אַ גליקלעך לעבן אָן באָסעס? ———

# דעם פּאַרעצס קאַנטשיק.

(סקיצע)

אין דער קאַזאַרמע „רויטע פאָן" האָט געוואוינט אן אלטער מאַן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן די קינדער מייסעס. איינמאָל האָט ער זיי דערציילט אזא מייסע:

דאָס איז געשען מיט א סאַך יאָרן צוריק. איך אליין געדענק עס שוין קוים. איך בין דעמאָלט אלט געווען א יאָר צוואַנציק. אייערע טאַטעס זיינען דעמאָלט געווען קליינע איינגלעך, און אייערע מאַמעס — קליינע מיידעלעך. אין דעם הויז, וואו עס געפינט זיך איצט די קאַזאַרמע „רויטע פאָן", האָט געלעבט א פּאַרעץ. די פּויערים האָט ער געהאַלטן אין אייזערנע הענט. ער האָט געטאָן מיט זיי וואָס ער האָט געוואָלט. הונדערטער מענטשן האָט ער פאַרשיקט צום טויט. מיר האָבן אף אים געאַרבעט זעקס טעג א וואָך.

מיר האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן, און ער האָט געלעבט אין פּאַלאַצן.

באַשטראָפן די פּויערים פלעגט דער בורמיסטער. דאָס איז געווען דער גרעסטער דינער באַם פּאַרעץ. פאַר דער קלענסטער זאַך פלעגט דער פּאַרעץ הייסן אריינגעמען דעם שולדיקן אין א שטאַל און שמייסן אים מיט געזאַלצענע ריטער. אָדער פאַרשפּאַרן אין א צימער, געבן אים עסן נאָר הערינג, און לעבן די גראַטעס פון יענער זייט אוועקשטעלן א קרוג מיט וואַסער. עס ווילט זיך זייער שטאַרק טרינקען, די ברענסט אין גאַנצן, לעבן דיר שטייט וואַסער. אָבער דערלאַנגען קענסטו ניט.

א סאַך פלעגן מענטשן ווי[illegible] פון ליידן.

איינמאָל האָט אין אונזער פאַמיליע געטראָפן אן אומגליק. דער פּאַרעץ האָט געדאַרפט שיקן סאָלדאַטן אין דעם צאַרס אַרמיי. שיקן פלעגט ער וועמען ער האָט געוואָלט. געדינט האָט מען דעמאָלט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

מיט איין וואָרט, גיין אין דער אַרמיי איז געווען פונקט ווי גיין אין קייווער אריין. אָדער מען קומט צוריק אן אלטער מאַן, אָדער מען ווערט דערהאַרגעט אף דער מילכאָמע. אָדער מען ווערט א קאַליקע.

פרעגט דער פּאַרעץ באַ זיין בורמיסטער:

— אנו, געטרייער הונט מיינער, זאָג מיר וועמען אָפּגעבן אין סאָלדאַטן?

מיך האָט ער ניט ליב געהאַט. א יונג בין איך געווען א דרייסטער, א בראַווער. אַלעמאָל געזאָגט דעם עמעס אין די אויגן.

ער האָט אָנגעוויזן דעם פּאַרעץ אף מיר.

מען איז געקומען צו אונז אין שטוב. אַלע האָבן אויפגעהויבן אַ גערודער. און איך זאָג צו זיי:

— הערט אויף רודערן. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז, גיי איך.

איך בין אַוועק צום פאַרעין אין פּאַלאַץ. געקומען אַהין האָב איך געטראָפן נאָך בעווערע אין מיין עלטער. יענע ציטערן, ווי די שאָף. און איך — גלייך ווי גאָרניט.

האָט דער פאַרעין אַ קוק געטאָן אויף אונז, האָט אַלעמען אַרויס־געשיקט און מיך איינעם געהייסן וואַרטן. איך האָב אַפילע קיין ציטער ניט געגעבן.

— דו ביסט עס, פּיטער?

— איך.

— וואָס פאַר אַ רעדעס האָלטסטו אין דאָרף?

— אַזוי ווי אַלע מענטשן, — קוק איך אים בראָוו אין די אויגן אַריין.

— וואָס פאַר אַ געדאַנקען לערנסטו?

— מיינע געדאַנקען האַלט איך באַ זיך, פרעמדע הער איך אויס.

— אַ געשליפן צינגל באַ דיר.

— אַזאַ בין איך שוין, — ענטפער איך.

— איך ווייס, אַז קעגן גאָט און דעם גאַלער רעדסטו. דו רעדסט אַז די פּויערים, ווי זאָלן ניט אַרבעטן פאַר מיר.

— לאָמיר ניט רעדן וועגן גאָט און גאַלער. אָבער פאַר אייך אַרבעטן מיר זעקס טעג אַ וואָך. באַנאַכט אַרבעטן מיר פאַר זיך. גיט אַ קוק, ווי מיר לעבן.

איך זע, ווי באַם פאַרעין האָבן זיך אָנגעבלאָזן די באַקן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט קאַעס.

— נו, — טראַכט איך, — עס איז שלעכט. מיין האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן. איך בין צוגעפאַלן דעם פאַרעין צו די פיס.

— האַרגע מיך ניט, פאַרעין, ווי מיכל. עס איז גאָרניט ניט געווען. דער בורמיסטער האָט אויף מיר אָנגערעדט. ער איז מיינער אַ סוינע.

דער פאַרעין האָט מיך ניט אויסגעהערט. ער האָט זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף מיר און גענומען שלאָגן וואוהין עס האָט זיך געלאָזן.

איך בין אויפגעשפּרונגען, ווי אַ מעשוגענער. דערזען אַרום זיך אַ סאַך מענטשן און אָנגעהויבן שרייען:

— ברידער, פאַרוואָס?

דער גאַנצער אוילעם האָט אַ ציטער געטאָן. און דער פאַרעין שטייט לעבן מיר, ווי אַ ווילדע בהיימע.

איך בין אויך שטאַרק צערייצט. דער פאַרעין איז אַ געזונטער,

און איך בין נאָך געזינטער. מיר קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, און איך גיב אַ געשריי גלייך אים אין פּנים אַריין:

— דו בלוטיקע כייע! שלאָג, שלאָג צום טויט! ס'איז אַלץ איינס!

— נעמט אים און בינדט אים! — האָט דער פּאָריץ אַ געשריי געטאָן צו זיינע מענטשן.

מען האָט מיך גענומען בינדן. עס זיינען געקומען צולויפן מיינע ברידער און די מאַמע. די מאַמע קושט דעם פּאָריצס שיך. און ער היצט זיך נאָך מער.

איך זע, ווי דער קאַנטשיק האָט גענומען שלאָגן מיינע אייגענע. די מאַמע איז געווען אַ דאַרינקע, אַ מאַגערע. אָבער מען שלאָגט זי אויך. זי האָט זיך איינמאָל אַרויסגעריסן, האָט מען זי געשלעפּט צוריק פאר די האָר. איך אַליין רייס זיך אויך. איך שריי. מען האלט מיך צו. איך זע, מיין מאַמע ליגט שוין און קרעכצט.

איך האָב נים אויסגעהאַלטן. געגעבן זיך אַ ריס מיטן גאַנצן קויעך, אַז אַלע שטריק זיינען אַראָפּ. איך וויל שלאָגן דעם פּאָריץ. פּלוצלונג זע איך, מיין מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעלאָפן צום פּאָריץ און מיט איר גאַנצן קויעך אים אַ פּאַטש געגעבן אין איין באַק און אין דער אַנדערער.

דאָ האָט שוין דער אוילעם גיט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אָפן פּאָריץ, אָף זיינע געטרייע דינער, געבונדן זיי און אַוועקגעשלעפּט צום טייך.

— און ווייטער וואָס איז געווען? — האָבן מיר נים אויסגעהאלטן און אַ פרעג געטאָן.

— ווייטער איז געווען אָט וואָס. עס זיינען אָנגעקומען דעם צאַרס סאָלדאַטן. מען האָט געשמיסן יונג און אַלט ביז בלוט. דאָס דאָרף איז פאַרטויבט געוואָרן פון געשרייען און קרעכצן.

נאָר דאָ האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד אויך אַנדערע פּויערים. מיך האָט מען אויסגעקליבן פאַרן עלטסטן.

באַנאַכט פליען מיר אָנפאַלן אָף סאָלדאַטן און אָנצינדן פּריצישע פּאַלאַצן..

פאַר מיין קאָפּ האָט דער צאַר צוגעזאָגט טויזנטער רובלס. נאָר קיינעם איז נים געלונגען אים אָפּצוהאַקן.

דער זיידע פאַררויכערט זיין ליולקע און זאָגט פריילעך:

— איצט, טייערע אייניקלעך, איז בא אונז אַ ניי לעבן. ניטאָ קיין קייסער, קיין פריצים, קיין באַסעס. דעריבער זאָג איך:

— גליקלעכע זייט איר, קינדערלעך, און אויך מיר, דעם זיידן, איז מיט אייך פריילעך.

פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דאָס זיינען די קאָמונאַרן געקומען פון פעלד עסן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געפירט די אַרבעטער און פּויערים פון רוסלאַנד אין דעם קאַמף ______

ווער פירט אין אַמעריקע דעם קאַמף פאַר סאָוועטן? ______

אין אַמעריקע הערשן ______ און אין סאָוועטן־לאַנד הערשן ______

# אין די יאַסלעס.

אין די יאַסלעס שטראַלט מיט זילבערנער ריינקייט. די צימערן זיינען הויכע, ברייטע, גראַבע [illegible]. די פינף און דרייסיק קינדער לאָזן זיך קימאַט ניט הערן. [illegible] זיינען נאָר די פּיצעלעך — פון צוויי כּאַדאַשים און.

די פּיצעלעך ליגן, קוקן מיט [illegible] אייגעלעך אַרום זיך. די דערציערן גייט אַלע ווײַלע צו צו די [illegible], קוקט, צי באַס קינד איז אַלץ אין אָרדענונג.

אינם צווייטן צימער געפינען זיך די גרעסערע — די, וואָס קענען שוין גיין. מיט יענע איז שוין ווינציקער אַרבעט. קוים שטעלט זיך דאָס קינד אויף די פיס, דאַרף עס אָנהייבן געוויינען זיך באַדינען זיך אַליין.

צום עסן נעמט זיך יעדעס קינד אַליין אַרויס פון שאַפע דאָס אייגענע געפעס, טוט זיך אָן אַ פאַרטעכל און זעצט זיך אויף זיין אָרט.

אָבער דאָ ווערן דערצויגן ניט נאָר די קינדער.

די מוטערס זיינען אויך אַלע אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון די יאַסלעס.

נאָך זייער אַרבעט קומען די מוטערס אַהער און לערנען זיך מיט די דערציערנס לייענען און שרייבן. אַלע טאָג העלפן די מוטערס אין די יאַסלעס, פאַרצייכענען אין אַ באַזונדער בוך זייערע איינדרוקן פאַר דעם טאָג.

אין די יאַסלעס לאָזן איבער די סאָוועטישע אַרבעטער זייערע קינדער, קעדיי זיי זאָלן קאָנען גיין צו דער אַרבעט. מען גיט דאָרט אַכטונג אויף די קינדער און מען לערנט זיי. אין אַמעריקע זיינען קיין יאַסלעס פאַר די אַרבעטער קינדער ניטאָ, ווייל ______

| איינצאָל: | מערצאָל: | מערצאָל: | איינצאָל: |
|---|---|---|---|
| דאָס קינד | ______ | די יאַסלעס | ______ |
| אַ שאַפע | ______ | די צימערן | ______ |
| אַ פאַרטעכל | ______ | די קינדער | ______ |
| אַן אָרט | ______ | די פּיצעלעך | ______ |
| אַ בוך | ______ | כּאַדאָשים | ______ |

# שלאָגלער

(סאָוועטיש)

פון וואַוואָרן, פון פאַבריקן,
צו וואַוואָרן, צו פאַבריקן,
איבער באַרג און איבער טאָל,
איבער טייכן, איבער בריקן,
דאַרף מען יאָגן, דאַרף מען שיקן
האָלץ און אייזן, שטיין און שטאָל,
קאָרן, ווייץ און קוילן, און נאַפט,
אַלץ, וואָס גיט אונז מאַכט און קראַפט.

# אידישע בויער

פון ב. פרידמאַן

טויזנטער, טויזנטער מײַלן פון דאַנעו,
אין אוראַלטן וואַלד און אַף פעלד —
האָט זיך דער אידישער לופטמענטש
צו ערלעכער אַרבעט געשטעלט!

טויזנטער, טויזנטער מײַלן פון דאַנעו,
אין גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד —
האָבן די אידן גענומען זיך — ווערן
ווירדיקע בויער פון לאַנד!

פאַרוואָרפן די אַלטע פאַרנאָסעס און „גליקן",
נישטאָ מער קיין לעבן פון לופט!
די ערד און די טייכן, דאָס אייזן, די קוילן
די ערלעכע הענט צו זיך רופט!

האָט זיך דער אידישער פויער גענומען
צום רידל, צו ראָד און צום האַמער, —
עבט מען שוין ברויט פון דער אייגענער אַרבעט,
האַקט מען דעם וואַלד פאַר אַ קאַמער!

שמעקן צעאַקערטע פעלדער,
ווי פרישער צעשניטענער ברויט: —
אַזוי איז דאָס לעבן פון אידישן פּויער
אַריין אין סאָוועטישן בוי!

און מיט מאַשינען, מיט זעגן און האַמערס,
געהאָלפן האָט היגער איקאָר —
האָט לעבן אין קרים און אין ביראָ־בידזשאַן
זיך צעזונגען, ווי פרייליכסטער כאָר!

„האָט זיך דער אידישער לופטמענטש
צו ערלעכער אַרבעט געשטעלט".

דערקלער דעם זאַץ אין אַ פּאַראַגראַף.

# צוליבוואָס מען דאַרף די רויטע אַרמיי

(סאָוועטיש)

אין שטעטל זיינען אָנגעקומען רויטאַרמייער. זיי האָבן געשפּאַנט אין רייען, אַף די פּלייצעס ביקסן געטראָגן. זיי האָבן געזונגען לידער.

צוויי אינגלעך האָבן זיך געשפּילט אַף דער גאַס אין פערדלעך. אַז זיי האָבן דערזען די רויטאַרמייער, האָבן זיי געוואָרפן די שפּיל און זיך געשטעלט קוקן, ווי רויטאַרמייער מאַרשירן.

— שימעק, האַ, שימעק?

— וואָס?

— פאַרוואָס דאַרף מען די רויטע אַרמיי?

שימעק האָט זיך צעלאַכט:

— אַ נייס! ווייסט ניט פאַרוואָס? זעסט דאָך. די רויטע אַרמיי איז אַף צו זינגען לידער.

— עס קען ניט זיין, נאָר לידער זינגען, וואָלטן זיי דאָך געשטאַנען אַף אַן אָרט. גיב נאָר אַ קוק: זיי גייען אַלע אין שטייגל, מאַרשירן גלייך. מיסטאָמע איז זייער אַרבעט — גיין איבער די גאַסן.

— און איך זאָג: לידער זינגען.

האָבן זיי זיך געלאָזט גיין נאָך די רויטאַרמייער. גיין איז געווען ניט ווייט. הינטערן שטעטל אין פעלד האָבן די רויטאַרמייער אַרויסגענומען רידלען, אויסגעגראָבן אַ גרוב ניט קיין טיפע. נאָכדעם האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אין דער גרוב און די ביקסן אָנגעצילט.

זאָגט יאָסל:

— זעסט, שימעק, לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן ביידע ניט גע־

טראַפֿן. ניט קיין לידער זינגען זיי, ניט זיי גייען, נאָר באַהאַלטן זיך אין גרוב, אַז קיינער זאָל זיי ניט זען.

— עמעס, — זאָגט שימעק, — דאָס איז זייער אַרבעט — אין באַהעלטערלעך שפּילן. קום אַהיים. זיי קענען נאָך אַרויסשפּרינגען אויך.

פּלוצלונג האָט אַ דונער געטאָן. זיי האָבן זיך דערשראָקן און באַהאַלטן הינטער די ביימער. אַבּיסל אָפּגעוואַרט און גענומען קריכן אָפּן בויך. זעען זיי — אין פעלד שטייט אַ האַרמאַט אַ גרויסער און שיסט אָפּן וואַלד. באַם האַרמאַט שטייען רויט־אַרמייער. ווי נאָר מען שיסט אויס, אַזוי דערלאַנגט מען שוין אַ נייע קויל. —

יאָסל איז געוואָרן ניט־טויט ניט־לעבעדיק און נאָר באַווייזן זאָגן שימעקן:

— זעסט, שימעק, ס'אַרא שטיקל אַרבעט דאָס איז. זעסט, — און ביידע האָבן זיך געלאָזן לויפן פאַר שרעק. זיי לויפן אַזוי — ערשט רייטער פאָרן אָן. זיצן רויטאַרמייער אָף פערד, באַ יעדן אַ ביקס אָף די פּלייצעס, אַ שווערד באַ דער זייט און פון פאָרנט פּיקעס. די אינגלעך האָבן קוים באַוויזן אין וועלדל אַריינלויפן.

— אַהאַ, — זאָגט שימעק, — זיי יאָגן זיך אָף פערד.

שטייט באַם קוסט אַ רויטאַרמייער מיט אַ ביקס, קוקט זיך אַרום אָף אַלע זייטן. האָט ער באַלד דערזען די אינגלעך און אויסגעשריען:

— שטיי! ווער איז דאָרט?

שווייגן די אינגלעך. דערשרעקן זיך זייער.

צום סאָף איז יאָסל געוואָרן דרייסטער.

— מיר זיינען דאָ פון שטעטל ניט ווייט. מיר האָבן זיך נאָר געוואָלט דערוויסן, אָף וואָס מען דאַרף די רויטע אַרמיי.

— נו, האָט איר זיך דערוואוסט?

— מיר האָבן זיך יאָ עפּעס דערוואוסט, אָבער מיר פאַרשטייען ניט, צי אָף לידער זינגען, צי אין באַהעלטערלעך שפּילן. מיר פאַר־שטייען ניט גוט.

האָט זיך צעלאַכט דער רויטאַרמייער און זאָגט:

— גערזען האָט איר, כעוורע, גוט, אָבער פאַרשטאַנען ניט אינ־גאַנצן. די רויטע אַרמיי איז אָף דעם, אַז זי זאָל די אַרבעטער און פּויערים פאַרהיטן פון סאָנים. זי דאַרף דעריבער אַלין זען, אַלין קענען און אומעטום צו דער צייט זיין.

ניט אין באַהעלטערלעך שפּילן מיר, נאָר אונזער סאָוועטן־לאַנד פאַרהיטן מיר פון די סאָנים. פון די האַרמאַטן לערנען מיר זיך שיסן אָף די ווייסגוואַרדייער, אָף די רייכע און פּריצים, וועלכע ווילן אָף אונזער לאַנד אָנפאַלן. ווען מיר וועלן אַלע סאָנים פון די אַרבעטער און פון די פּויערים צעקלאַפּן, וועלן מיר אַהיים גיין מיט געזאַנג.

— איצט פֿאַרשטייען מיר שוין. אָבער איינס איז אונז ניט קלאָר, — ענטפֿערן די כעוורע, — פֿאַרוואָס קומט ניט דער סוינע, אַז אַלץ איז גרייט בײַ אונז?

— דערפֿאַר, כעוורע, גייט ער טאַקע ניט, ווײַל בײַ אונז איז אַלץ גרייט צו באַגעגענען אים. איצט גייט אַהיים און גריסט פֿאַר מיר אין שטעטל.

ס י נ אָ נ י מ ע ן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| נעשפּאַנט | ______ | טאָגיס | ______ |
| מיסטאָמע | ______ | אָנגעצילט | ______ |
| שרעק | ______ | פֿאַרהיטן | ______ |
| פּיקעס | ______ | צעקלאַפּן | ______ |
| דרייסט | ______ | גרייט | ______ |

די רויטע אַרמיי

די אַמעריקאַנער אַרמיי

# ביראָ-בידזשאַן

אין דעם לאַנד פֿון די סאָוועטן
איז אַ געגנט דאָרט פֿאַראַן,
אין די ווײַטע מיזרעך סטעפּעס,
מיטן נאָמען „ביראָ־בידזשאַן“.

איז די ערד דאָרט ניט באַאַרבעט,
און דער געגנט פּרימיטיוו...
האָט סאָוועטן־לאַנד באַשלאָסן
עס צו מאַכן פּראָדוקטיוו...

איז דער איד אין צײַט פֿון צאַרן
פֿאַרשקלאַפֿט געווען, געלעבט פֿון ווינט.
זאָגט סאָוועט איצט צו די אידן:
פֿאָר אַהין מיט ווײַב און קינד.

רוישן מאָטאָרס, הודיען טראַקטאָרס,
קלאַפּט דער האַמער, קלינגט דער נערף;
בויען אידן זיך אַ היים דאָרט —
אין דעם ווײַטן פֿרײַען סטעפּ.

דערקלער און וואָס עס באַשטייט די אַרבעט פֿון „איקאָר“.

# ברידערלעך.

(סאָוועטיש)

## 1

אין עלעקן איצט אַ יאָטל פון אַ יאָר זיבן, אָן אָקטאָבערל. עלעקס מאַמע איז אַ קרומע אַף אַ פוס. קרום געוואָרן פון אַ קויל, וואָס האָט זי געטראָפן אין דער צייט פון בירגער־קריג. נאָר עלעק האָט ליב זיין קרומע מאַמע און האָט ליב אויסצוהערן די מייסעלעך פון יענע טעג.

— דערציי, מאַמע, דערציי, ווי אַזוי איז געווען?

און די מאַמע הייבט אָן דערציילן:

— געווען... אָט ווי געווען. מאַמע — אַ רויטגוואַרדייער. ערגעץ ווייט אין קאַמף מיט די ווייסע. די מאַמע — אַליין. נאָר מיט דיין עלטערן ברודערל, שימקעלע. און שימקעלע אַ קליין אינגעלע. פינף יאָר אינגאַנצן.

הונגעריק — מאַמע. הונגעריק — שימקעלע, דאָס ברודערל דיינס.

— מיין ברודערל? — פרעגט עלעק, שטייענדיק אַף די קני מיט די עלנבויגנס אין מאַמעס שויס.

— דיין ברודערל — יאָ... — ענטפערט די מאַמע און טוליעט עלעקן צום האַרצן און שווייגט.

וויל עלעק וויסן, פאַרוואָס שווייגט די מאַמע, פאַרוואָס טרייסלט זי מיט די אַקסלען...

די מאַמע וויינט.

— דערצייל, מאַמע, — רעדט עלעק אַריין אין דער מוטערס בוזעם.

— דער טאַטע וועט קומען פון פאַבריק, וועט ער דערציילן.

הודיק — אָן אַרבעטער מיט צוויי פאַרהאַרטעוועטע הענט — עלעקס טאַטע — קומט אַהיים פון פאַבריק. עסט ער אָפּ. דערנאָך פאַרויכערט ער. דערנאָך נעמט ער עלעקן אַף די הענט און העצקעט אים, און העצקעט אים. ביז מען צעזינגט זיך, אַלע אינאיינעם:

„לייכטע ווי ווינטן
שפּאַנען מיר, גייען —
אַרבעטער־קינדער
אין אונזערע רייען.“

אָבער עלעק וויל וויסן דעם סאָף פון דער מייסע. הערט מען אויף צו זינגען. און הודיק, דער אַרבעטער, מיט די צוויי שטייפע הענט, דערציילט:

— איז געקומען דער הונגער. זאָגט די מאַמע צו שימקעלען: „שימקעלע! קום צו דער אַלטער באָבען. באָבע האָט אַ הינדעלע. הינדעלע לייגט אַן איי'עלע. באָבע וועט געבן שימקעלען אַ שטיקעלע איי."

גייט מאַמע מיט שימקעלען צו באָבען. גייט מען אַזוי איבער גאַסן. לויפן אַן די הייזער. און טראָך אַזוי אַף די גאַסן. און טראָך-טאַראַראַך! און באַם-בערע-באַם! זאָגט מאַמע: „שימקעלע! וואו ביסטו? לאָמיר אַנטלויפן! מען שיסט!" אָבער מאַמע קען שוין נים אַנטלויפן. מאַמע איז געפאַלן. אַ קויל אין פוס. בלייבט מאַמע ליגן אַזוי אינמיטן גאַס. מיט נאָך געפאַלענע. מיט נאָך... מיט נאָך . . .

און ווען מאַמע האָט זיך איפגעכאַפט — איז זי שוין געווען אין שפּיטאָל. און שימקעלע איז נישטאָ לעבן איר. איז מאַמע געלעגן און געוויינט: וואו איז שימקעלע? אָבער שימקעלע — נישטאָ.

און אַז מאַמע איז אַראָפּ פון בעט, האָט זי גענומען אַ שטעקן און זיך געלאָזט הינקען אַהיים. אָבער אינדערהיים איז אויך נישטאָ שימקעלע. איז — זיך געלאָזט הינקען צו באָבען. אָבער באָבע איז שוין אויך נישטאָ. און הינדעלעך אויך נישטאָ. ביידע פון הונגער גע-שטאָרבן. און — אויס.

און אַז טאַטע איז געקומען אַהיים פון דער רויטער אַרמיי און געטראָפן די מאַמע אַ קראַנקע, און שימקעלע — נישטאָ, האָט טאַטע געזאָגט צו דער מאַמען אַזוי: קום וועלן מיר אַוועקפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, וועל איך אַריין אין אַ פאַבריק, און דו, אַז דו וועסט געזונט ווערן — וועסטו אויך אַריין אין אַ פאַבריק. וועלן מיר בויען אינאיינעם דאָס באַרעוועטע לאַנד. וועלן מיר זיך טרייסטן מיט דער גרויסער באַפרייטער אַרבעט פאַר אונז און פאַר אַלעמען.

זיינען מיר געקומען אַהער. אַרבעט טאַטע, נאָר מאַמע קען נאָך נים אַרבעטן, ווייל ס'טוט וויי דער פוס. נאָר זינגען — זינגען מיר אַלע אינאיינעם:

„לייכטע ווי ווינטן,
שפּאַנען מיר, גייען —
אַרבעטער-קינדער
אין אונזערע רייען."

2

ס'האָט זיך דערנענטערט דער גרויסער יאָנטעוו. פון צענטן אָקטאָבער-יאָרטאָג.

און די פּיאָנערן אין אָקטאָבערלעך האָבן זיך אויך געגרייט. דער

גורל איז געפאַלן אַף עלעקן. עלעק דאַרף באַגריסן דעם גרויסן יאָנ־טעװ אין נאָמען פון די אָקטאָבערלעך, װײַל ער — עלעק — איז דאָך דער סעקרעטאַר פון אַפּטייל!

— און װער װעט באַגריסן אין נאָמען פון די פּיאָנערן?

— פון די פּיאָנערן װעט באַגריסן זייטשיק.

װער איז זייטשיק?

אַ צװעלפיאַריקער פרײלעכער יאַט. אַ געװעזענער פאַרװאָרלאָזטער. זיך געװאַלגערט אין קעסלען. הינטער טירן. געטראָגן אַ לאַנגן צעפּליקטן ראָק מיט אָפּגעשײלטע װאַטענע אַרבל.

נעמען זיך קינדער צונויף אין אַפּטייל. האַלטן אַפּ אַ באַראַטונג, און מ׳זאָגט:

— זייטשיק איז ניט װי יענע פאַרװאָרלאָזטע, װאָס װילן לעבן אַף הפקר. זייטשיק איז אַן אונזעריקער. זייטשיק זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגן. ער קומט אַלע מאָל אין אַפּטייל. װיל װערן אַ פּיאָנער. איז דערפאַר נעמען מיר אים אַרײַן. און פון הײַנט און װײַטער איז זייטשיק אַ פּיאָנער. מיט אַלע פּיאָנערן צוגלײַך.

און איצט —

צום צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע איז געפאַלן דער גורל אַף זייטשיקן צו באַגריסן דעם יאָנטעװ אין נאָמען פון זײַן אַפּטייל.

3

דער קלוב איז אויסערגעװײנלעך אויסגעפּוצט.

אין די פאָדערשטע רייען איז געזעסן דאָס יונגװאַרג. און הינטן — טאַטעס און מאַמעס, אַרבעטער עלטערן.

און —

ענדלעך!

דער פאַרהאַנג עפנט זיך. דער פאָרזיצער מעלדט די פּראָגראַם. צום ערשטן װעלן פאָרקומען באַגריסונגען, נאָכדעם אַ קאָנצערט, נומערן פון גימנאַסטיק, און נאָכדעם װעלן אַלע קינדער מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, אַף אַטאָמאָבילן. און דער פאָרזיצער ענדיקט:

— די ערשטע באַגריסונג װעט האַלטן דאָס קלענסטע אָקטאָבערל פון שול.

אַף דער בינע באַװײַזט זיך עלעק. אין קלוב ברעכט אויס אַ דונערנדיקע פּאַטשערײַ. אין קלוב װערט שטיל. צװישן די עלטערן זיצט אויך הודיק, דער אַרבעטער, מיט צװײ פאַרהאַרטעװעטע הענט. קוקט ער אַזױ אַף עלעקן.

ער איז גליקלעך. און גרויס איז זיין פרייד. און אים טוט וויי, וואס די מאמע איז שוואך, און דער פוס איז קראנק, און זי האט ניט געקענט קומען זען — עלעקן.

— ששש... א העל שטימעלע האט זיך מיט א זילבער־קלאנג צעטראגן איבערן גאנצן קלוב:

— כאווערים! איך באגריס אייך אינם גרויסן טאג פון צענטן אקטאבער־יובילייַ!... מיר זאגן צו, אז מיר וועלן זיך גרייטן איבער־צונעמען די ארבעט פון אונזערע טאטעס!... מיר זאגן צו, אז מיר וועלן די דאזיקע ארבעט פארזעצן געטריי!... מיר וועלן שטענדיק גיין אין וועג, וואס אונז האט געוויזן דער זיידע איליטש!...

— זאל לעבן דער גרויסער אקטאבער־יאנטעוו!

א שטורעם פון פרייד האט זיך ארויסגעריסן פון אלעמענס הער־צער. דער גאנצער אוילעם איז געשטאנען אף די פיס און געפאטשט. די קאמיוגישע קאפעליע האט אויפגעשפילט דעם אינטערנאציאנאל. אף דער בינע האט זיך באוויזן זייטשיק. דער פארזיצער האט גע־מאלדן:

— אין נאמען פון די פיאנערן וועט באגריסן — זייטשיק.

4

און זייטשיק האט אנגעהויבן:

— איך בין א געוועזענער פארוואָרלאָזטער!...

אין קלוב איז געווארן שטיל, שטיל. אלע האבן געקוקט אף זייטשיקן מיט גרויס ליבשאפט, אף זייטשיקן — דעם געוועזענעם פארוואָרלאָזטן און איצטיקן פיאנער.

— אף מיין פינפטן יאר האב איך פארלוירן מיינע עלטערן. פרי האב איך אנגעהויבן וואנדערן. פון פעלד אף פעלד. פון וועג אף וועג. פון שטאט צו שטאט. מיט כעווערע, ווי איך, מיט זיי אינייִנעם געוואנדערט. כעווערע האט מיר א נאמען געגעבן זייטשיק. מיין ריכטיקן נאמען געדענק איך שוין נים. מיין מאמע געדענק איך יא. אבער איך ווייס נים, צי זי לעבט. דאס לעצטע מאל, וואס כ׳האב זי געזען, איז זי געלעגן אין בלוט מיט א פארוואונדעטן פוס. געוועקט זי, געוועקט זי, אבער זי האט זיך נים אויפגעכאפט. מיין טאטן געדענק איך ווייניק. געווען א רויטארמייער. און איצט אין גרויסן יאנטעוו פון — — — —

אבער זייטשיק האט נים געענדיקט.

אימעצער איז פלוצלונג ארויף אף דער בינע. אימעצער האט אים פלוצלונג ארומגעכאפט און צוגעדריקט צום הארצן און געטורמלט קוים־קוים, שטיל־שטיל:

— מיין זון... מיין זון... מיין שימקעלע!...

און דער אימעצער איז געווען הודיק דער ארבעטער.

און אז דער פארזיצער האט הודיקן אפגעשטעלט און אים גע־פרעגט, וואס איז מיט אים — האט הודיק אויפגעהויבן זיין קאפ און געוואלט א געשריי טאן פארן גאנצן אוילעם: ער איז מיינער! זיימשיק איז מיינער! מיין בלוט און פלייש! שימקעלע!

האבן פריידיקע שטימען זיך צעגאסן אין הונדערטער עכאס:

— זאלן לעבן די קינדער פון דער רעוואלוציע!

און אז די קאמיגישע קאפעליע האט אנגעהויבן שפילן דעם אינטערנאציאנאל — איז הודיק נאך אלין געשטאנען אף דער בינע, א גליקלעכער, און אויפגעשטראלטער. פון איין זייט און אקטאבערל, פון דער צווייטער — א פיאנער: עלעק און זיימשיק.

אמאל זיינען געווען אין סאוועטן־לאנד א סאך היימלאזע קינדער. וואס האט די סאוועטן־רעגירונג געטאן פאר זיי? ________________

מיר דארפן אין אמעריקע קעמפן, אז די ארעמע קינדער זאלן קריגן שפייז, שיך און קליידער. די רעגירונג וויל עס מיט גוטן נים געבן. פאר־וואס? ________________

אין סאוועטן־לאנד מאכן די ארבעטער און פויערים א גרויסן יאָנטעוו דעם זיבעטן נאוועמבער, אין טאג פון זייער באפרייאונג. פארוואס פייערן אויך די ארבעטער פון אמעריקע דעם יאָנטעוו פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע? ________________

די פאבליק סקול פייערט נים דעם יאָנטעוו פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, ווייל ________________

# איקאר

פון נ. ווייסמאן

איז אַ־דוים אַ דערקרעט
פונם העכסטן סאוועט —
האט לענין דער פירער געזאגט:
עס זיינען דא אידן
באַ אונז אינם לאַנד
פון סאוועטן־פאַרבאַנד,
וואס האבן
אַ שטעקן אין האַנט נאַר פאַרמאַגט,
און אַ שטערן
אַ בריטן,

פֿאַרשפּרייטן מיט קנייטשן
פֿון וואָרגן,
פֿון טראַכטן:
— וואו נעמט מען כעיזנע?
איז אַרויס אַ דעקרעט
פֿונם העכסטן סאָוועט:
גענוג זיך געפּלאָגט!
גענוג שוין געמיסבערט,
פֿאַרמיסבערט,
פֿאַרדרייט — —
זיך
און יענעם דעם קאָפּ!
אַלץ אַראָפּ!
זאָל איינגעטיילט ווערן
די ערד.
און אידן,
וואָס האָבן
אַ שטעקן אין האַנט נאָר פֿאַרמאָגט
און אַ שטערן אַ ברייטן,
פֿאַרשפּרייטן מיט קנייטשן
פֿון וואָרגן,
זאָלן פֿאָרן
באַזעצן זיך
אַף ערד.
און לעניגס וואָרט
צעטראָגן איז געוואָרן
אַף יעדן שפּאַן,
פֿון קרים
ביז בירָאָבידזשאַן.

# סעמי אין בירָאָ-בידזשאַן

### פֿון בערטאַ לעלטשוק

שוין דריי מאָנאַטן, ווי סעמי געפֿינט זיך אין בירָאָ-בידזשאַן. ער הערט, ווי דער טאַטע זאָגט:

— מיר בלייבן אין בירָאָ-בידזשאַן. סעמי, ביסט אַ סאָוועטישער בירגער, אַ בירגער פֿון בירָאָ-בידזשאַן.

די ערשטע צייט האָט דער אַכט-יאָריקער סעמי געהאַלטן-אין איין

אַרויסרעדן דאָס וואָרט: בירע־בידזשאַן. ער האָט ליב געהאַט דאָס וואָרט. בירע, ביר, ביר, בידזשאַן.

— הערסט, מאַמע? דזשאַן! דער נאָמען פון מײַנעם אַ כאַווער אין אַמעריקע.

ער האָט זיך געשפּילט מיטן וואָרט בירע־בידזשאַן, ווי מיט אַ פּילקע.

אַלײן איז גוט. נאָר אײן זאַך — סעמי האָט ניט מיט וועמען צו שפּילן זיך. איז אים אומעטיק. ער הערט ווי די גרויסע רעדן:

— וואָס דרייט ער זיך אונטער די פיס?

סעמי גייט אַרום צווישן די גרויסע.

און וואוהין זאָל ער גיין?

ער שטייט צו צום טאַטן:

— מיר איז אומעטיק אָן קינדער. און וואו איז מײַן שול?

— ס'וועט גרעסער ווערן דער אישעוו, וועלן קומען נאָך קינדער, וועט אַ שול אויך זײַן.

אָבער דערווײַל האָט סעמי ניט וואָס צו טאָן.

אַפּט דערשרעקט זיך די מאַמע. זי הערט, ווי סעמי רעדט צו זיך אַלײן:

— דו וועסט־זײַן דער לערער און איך — דאָס קינד. סעמי מאַכט נאָך אַ גרויסן:

— אויב דו וועסט ניט פאָלגן, וועל איך דיך באַשטראָפן!

— באַשטראָף! — ענטפערט סעמי און ער לאַכט זיך פאַנאַנדער.

נאָך אַ רעגן שפּילט זיך סעמי אין שטײנדלעך. ער קלײַבט זײ צונויף אַ גאַנצן באַרג און וואַרפט זײ אין וואַסער אַרײַן. ער וואַרפט אַרײַן אַ שטײנדל און וואַרט. אָט קומען קלײנע כוואַליעס, ווי אַ פישל וואָלט אַרויפגעשוואומען.

סעמי כאַפּט זיך אײנמאָל אויף אין דער פרי און דערהערט, ווי מען רופט אין דרויסן:

— געקומען! געקומען!

אַזוי אַ סאַך שטימען מיטאַמאָל.

ער שפּרינגט אַרויס אין גאַס:

מ'האָט געבראַכט אַן עקסקאַוואַטאָר. אַזאַ גרויסער, ווי אַ ריז.

סעמי הערט, ווי מ'רעדט:

— איצט וועלן מיר אָנהויבן אַרבעטן.

— הערסט, סעמי, זאָלסט זיך ניט צורירן צום עקסקאַוואַטאָר! — שרײַט די מאַמע, — וועסט נאָך אָפּהאַקן זיך אַ פינגער.

סעמין קלאַפּט אין האַרצן, און עס ציט אים דאַפקע צום עקס־קאַוואַטאָר.

ער זיצט פון ווייטנס און קוקט. ער זעט, ווי דער עקסקאוואטאר גראבט זיך איין מיט זיין מויל אין דער ערד, ער עפנט א מויל ווי צען לייבן.

די מאמע ווארנט אים:

— סעמי, שטיי פון דער ווייטנס. ער דארף נאר פארטשעפען דיינע הויזן, ביסטו פארטיק!

סעמי פארשטייט נים גענוי, וואס עס מיינט, „פארטיק!" נאר פון דער מאמעס ווייד פארשטייט ער, אז ס'איז עפעס שרעקלעכס.

אבער סעמי האט ליב דעם עקסקאוואטאר. אים דאכט זיך, ווען דער עקסקאוואטאר גייט ארויס אף א מילכאמע, וואלט ער אלע באזיגט...

וואס ווייטער פארלירט סעם די מוירע. ווען קיינער איז ניטא דערביי, באטראכט ער די מאשין און יעדעס שרייפעלע. פלוצלונג דערהערט ער:

— סעמי, אוועק פון דער מאשין!

דאס איז דער כאוועד, וואס טרייבט דעם עקסקאוואטאר.

סעמי ליגט גאנצע טעג לעבן דער מאשין.

די מאמע שרייט:

— האסט שוין גענוג א קינד! קען זיך נים אפטשעפען פון דעם עקסקאוואטאר.

איינמאל איז סעמי צוגעגאנגען נאענט צום עקסקאוואטאר און געפרעגט דעם כאוועד:

— ווילסט א טרונק? כ'וועל דיר ברענגען א קאלטן טרונק.

דער כאוועד שמייכלט. ער פארשטייט פארוואס סעמי איז אזוי גרייט.

באנאכט האט געגאסן א שטארקער רעגן. סעמי האט נים געקאנט איינשלאפן:

פאר זיינע אויגן איז געשטאנען א נאסער עקסקאוואטאר.

ער איז אראפ פון בעט, אראפגעשלעפט דעם ליילעך און ארויס אין דרויסן.

ער פאטשט מיט די בארוועסע פיס אין דער בלאטע. זיין העמד איז שוין נאס און קלעפט זיך צום לייב. ער ציטערט פון קעלט, אבער ער איז פארנומען מיט איין געדאנק:

פארהיטן דעם עקסקאוואטאר פון רעגן.

אט קריכט שוין סעמי אפן עקסקאוואטאר און דעקט אים איבער מיטן ליילעך.

סעמי לויפט צוריק. ער איז גליקלעך. ער האט געטאן א גוטע

אַרבעט. זיי, די גרויסע, האָבן אין גאַנצן פֿאַרגעסן דעם עקסקאַוואַ־טאָר. אָבער ער, סעמי, האָט נישט פֿאַרגעסן.

סעמי כאַפּט נאָך אַ קוק אויפֿן עקסקאַוואַטאָר, וואָס זעט אויס אינעם פֿינצטער ווי אַ באַרג שניי.

דער לערער פֿירט דורך אַ שמועס: „ביראָבידזשאַן און פּאַלעסטינע".
די קינדער שרייבן דערנאָך אַ קאָמפּאָזיציע.

# דער סאָלדאַט אַנדרושעלאַ

פֿון י. אַ. ראָנטש

וועמען הייסטו שיסן, קאָרנעל פּעטאַן ?
מיך, דיין באַדי דזשאַ אַנדרושעלאַ ?
זעסט די מעדאַלן אויף מיין ברוסט ?
האָסט אַליין זיי אָנגעשפּיליעט.

געדענקסט אַ נאַכט אַ פֿינצטערע אין פֿלאַנדערס
אין יאָר 1918 ?
ווען דו, קאָרנעל פּעטאַן, האָסט באַפֿעלן :
אין אַטאַקע גרייט !

איך האָב געפֿאָלגט, ווי אַ סאָלדאַט,
נאָר נישט געפֿאָלגט האָט דער גראַנאַט.
ער האָט דערלאַנגט אַ קויל דיך
אין זיבעטער ריפּ —
זיפּ !

איך האָב דיך אויף מיינע אַקסלען אַוועקגעשלעפּט
און דורכגענעצט האָט דיין וואַרעם בלוט
מיין שמוציק העמד.
אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען אַרום דיר,
ווי אַרום אַ קראַנקן קינד.
מיין לעצטן טרונק מיט דיר געטיילט.

האָט דזשאַ אַנדרושעלאַ געראַטעוועט דיין לעבן,
זאָלסט הייסן שיסן איצט אין מיר ?

איך פאַל פון הונגער, קוידנעל פעטאָן.
די פאַבריק פאַרמאַכט איז שוין דאָס צווייטע יאָר.
פון דער דיר'ע מיך אַרויסגעוואָרפן.
פאַרלאַנג איך איצט מיין צוגעזאָגטן באָנוס.

מאַשין־ביקס, גיס דיין בלײַ!
איצט בין איך זיך אַליין געטריי,
איך בין מער ניט בלינד.
איך קעמף פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד.
פאַר אַרבעטלאָזע באַרים.

קוידנעל פעטאָן, איך וועל געדענקען דיין פאַראַט,
איך, הושאַ אַנדושעלאָ דער סאָלדאַט.

שרייב זאַצן מיט די ווערטער:
סאָלדאַט, אָפיצער, גראַנאַט, ביקס, קריגס־שיף, אַטאַקע.
שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: דרייט אויס די ביקסן!

# דער קליינער מאַטראָס.

פון א. מייזל

אז פּיטצי איז אַלט געווען דריי יאָר, איז געשטאָרבן זיין טאַטע. פאַרן לעצטן געלט האָט דער טאַטע געדונגען אַ גאַלעך, וועלכער האָט איבער איר טויטן גוף געפּרעפּלט. נאָכדעם האָט מען זי באַגראָבן אין סטעטן־אײַלענד, אויף אַ בײַסוילעם.

דער טאַטע האָט איצט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיטן קליינעם זון. ער אַליין איז געווען אַ מאַטראָס אויף אַ שיף. איבערלאָזן פּיטצין האָט ער ניט געהאַט בײַ וועמען.

האָט ער אַרײַנגעלייגט זיין קאָפּ אין די הענט, געטראַכט און געטראַכט. אז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט ער גענומען דעם קליינעם פּיטצין אויף די הענט און איז מיט אים אַוועק צום ברעג ים. דאָרטן איז געשטאַנען דער אָפיס פון זיין שיף־קאָמפּאַניע.

— אַזוי און אַזוי. מיין ווייב איז טויט. דעם זון האָב איך ניט בײַ וועמען איבערצולאָזן. דערלויבט מיר, אים צו נעמען מיט זיך אויף דער שיף.

נאָך אַ סך געבעטס און טײַנעס האָט מען אים דערלויבט. אַ מאַן, אין אַ ווײַסן מונדיר, מיט אַן אַנקער אויפן היטל, האָט צום סוף פּיטצין געגעבן אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

— גיי זון, לערן זיך! וועסט אויסוואקסן א גוטער מאטראס.

דער טאטע האט אים געקויפט א מאטראסן-בלוזקע, א פאר לאנגע, ברייטע הייזקעלעך, א ווייס היטעלע, מיט שווארצע באנדן. ער האט אים ארויפגעטראגן אפן שיף און פארגעשטעלט פאר די מאטראסן:

— דאס איז מיין זון פיטצי; ער וועט שווימען מיט מיר.

די מאטראסן האבן גוט-ברודעריש צוגעשאקלט מיטן קאפ. מ'האט פון אלע זייטן פיטצין געהויבן אף די הענט:

— נים געזארגט, ברודערל. וועסט מיט אונז זיין. אזעלכע פאפיקלעך האבן מיר ליב. וועסט אויסוואקסן און זיין אונזערער א גוטער מאטראס.

די שיף, אף וועלכער פיטציס טאטע האט געארבעט, איז געווען א פראכט-שיף. דא, באם האפן אין סטעטן-איילענד, פלעגט זי זיך אנלאדן מיט קאלערליי קאסטנס מיט סכוירעס און אוועקשווימען ווייט-ווייט צו די האפנס אין אייראפע: קיין האמבורג, ברעסט, ליווערפול. דארטן זיך אויסלאדן. פאבריקאנטן פון דאנען האבן די סכוירעס געשיקט. גרויסע הענדלער דארטן האבן די סכוירעס אפגעקויפט. די מאטראסן האבן געפירט; נים געוואוסט אפילע, וואס זיי פירן.

איצט איז געווען מילכאמע-צייט. ס'האבן זיך געשלאגן ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, רוסלאנד און נאך א סאך אנדערע לענדער. מ'האט געדארפט געבן די סאלדאטן אין האנט ביקסן, מאשין-ביקסן, באמבעס, גראנאטן. די פאבריקאנטן, אף דער זייט, האבן זיך נים אנגענומען קיין הענט. סטעטן-איילענדער האפנס זיינען געווען פארלעגערט מיט סכוירעס. די מאטראסן, וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון א רייזע איבערן אטלאנטישן אקעאן, האבן קיין צייט נים געהאט רעכט אפצורוען זיך. דער אפיס פון דער שיף-קאמפאניע האט געטריבן:

— גיך! גיך! איבערן אטלאנטישן אקעאן — צוריק! געשעפטן זיינען מאזלדיק. נים אלע מאל טרעפן זיך אזעלכע גליקן.

די שיף איז געווען אן אלטע. אירע ריפן, געפארבט ווייס, מיט א פעטן שווארצן זוים, זיינען געווען אפגעקראכן, ברודיק. און קיין פרישע פארב האט שוין נים געהאלפן. די מאשינעריי איז געווען פארעלטערט. אזא באבעצע האט שוין געדארפט גיין אין ברוך-קופע, ווייל דאס מאטראסן-לעבן איז אויך נים געווען געזיכערט. אבער די שיף-קאמפאניע האט זיך נים געאיילט.

— אט זאל זי זיך נאך א מאל דורכקרייצן. נאך א מאל. א שיף בויען קאסט צו טייער. טאמער וועט מיט דער באבעצען אן אומגליק

געשען, איז אויך קיין בייז ניט. זי איז נאָר פאַרזיכערט...

פּיטציס מאַמע האָט עס געוואוסט. אָבער ער האָט קיין וועגן דערפון ניט געטראַכט. ניט געטראַכט דערפון אַפילו. פון קליינווייז אָן האָט מען אים אויסגעלערנט:

— אַ מאַטראָס דאַרף זיין ברייוו. ער האָט פאַרן טויט ניט קיין מורע...

איצט, אַז די שיף האָט זיך געדאַרפט אַרונטערנעמען פון אַנקער, איז אין אַפיס אָנגעקומען אַ דראַמאַטיש מעלדונג:

— ניט אַלע האַפנס אין אייראָפּע זיינען זיכער. ניט אומעטום קען מען פירן ביקסן און מאַשין־ביקסן, באָמבעס און גראַנאַטן. די שטאַרקערע האָבן די האַפנס פון די שוואַכע פאַרמאַכט, און לאָזן אַהין קיינעם ניט צו. פאַרקויפן סכוירע קען מען איצט בלויז צום שטאַרקן.

די שיף־קאָמפּאַניע עסט זיך דערפון ניט אָפּ שטאַרק דאָס האַרץ:

— אַ דייגע וועמען! אַבי פאַרקויפן. ס׳ דינען געלט. דעם שטאַרקן איז נאָך זיכערער, בעסער.

לאָזט מען וויסן אין דער וועלביקער מעלדונג:

— שיפן אָפן יאַם דאַרפן זיך זייער שטאַרק היטן. דייטשע אונטער־וואַסער־שיפלעך לויערן אָפן וועג. פּאַקן זיי אַ פראַכט־שיף, זינקט מען זי גלייך. ניט פאַר זיי, ניט פאַרן סוינע.

ווייסט שוין די שיף־קאָמפּאַניע וואָס צו טאָן:

די בעסערע שיפן באַוואָפנט מען מיט קאַנאָנען. וועט אָנפאַלן אַ סובמאַרין, וועט זי שליגען פייער אָף צוריק. די שיף, אָף וועלכער פּיטצי מיט זיין טאַטן שווימען? וועט זי דערטרינקען ווערן, איז נאָך בעסער. די סכוירע איז פאַרזיכערט, די שיף איז פאַרזיכערט. און די שיף איז מער ניט ווי אַ צעפּוילטער מולטער.

אָף פּיטצין און די מאַטראָסן האָט מען פאַרגעסן.

שווימט די שיף איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן. באַדערנאָכט היט מען זיך, ווי פּיראַטן, און מען פאַרלעשט אַלע פייערן. אַ שוואַרציע טימע ביינע אָף גרוי־שוימענדיקע כוואַליעס. באַטאָג זיינען מאַטראָסן־הענט זייער שטאַרק פאַרנומען. נאָר אַז מ׳האָט אַ מינוט פריי, נעמט מען זיך שפּילן מיטן קליינעם פּיטצין:

— ווער ביסטו?

— אַ קליינע מאַטיאָס.

— וואוהין פאָרסטו?

— אין אייראָפּע.

— און אַז דו וועסט גרויס ווערן, וואָס וועסטו זיין?

— אַ גרויסע מאַטיאָס.

— האַ־כאַ־כאַ!

הענט, ווי געפלאָכטענע שטריק, ציִען זיך צו אים. מ׳הייבט אים אין דער הייך. שטעכיקע האָר און וואָנצעס דראַפּען אים דאָס פּאָנים.

— אָט אַ יאַטל! מאַטראָפּישער כיין. בראַווקייט וועט אים שוין ניט פעלן...

אַן עלטערער מאַטראָס (אַלע רופן אים: אָנקל פרעדי) נעמט אים צו זיך אַף די הענט, ווי אַ קליקל. אויל שמעקט פון אים, פון די הענט, פון די וואָנצעס און אַפילע דער רייעך פון זיין מויל איז, היבט זיך, אויך — אויל. ער דריקט אים שטייף צו זיך און פרעגט אים:

— ווייסט, פּיטצי, וואָס און אייאָפּע איז איצטער?

— כ׳ייס ניט!

— אַ מילכאָמע.

— וואָס?

— אַ מילכאָמע. מענטשן מאַכן, איינע אַנטקעגן די אַנדערע: פוף-פאַף.

— אַ כאָמע? פוף-פאַף?

פּיטצין איז אָנקל פרעדיס מיינע זייער שטאַרק געפעלן. ער גייט אַרום איבערן דעק פון שיף און מאַכט אַזוי: פוף — פ—אַ—ף...

ס׳איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, מיט אַ טומאַן און אַ גרויסן שטורעם. די שיף, ווי אַ גרויסע, טויטע, ביינערדיקע כייע, האָט זיך אַרומגעשליידערט איבער הויכע, מוטנע, שוימיקע כוואַליעס, אַזש יעדער ריפּ אין איר האָט געקרעכצט. ווי די מאַלפּעס, זיינען אַלע מאַטראָסן אַרומגעלאָפן. אַנגעכאַפּט זיך פאַר שטריק, אַז זיי זאָלן זיך קענען האַלטן אַף די פיס. ווי אַ קליין מאַלפּעלע, איז אויך פּיטצי אַרומגעקראָכן איבערן דעק, נאָכגעמאַכט די גרויסע אָנקלס. און גע־שפּילט זיך אין דער שפּיל:

— פוף-פאַף!

פון ערגעץ־וואו איז פּלוצלונג אַרויסגעקראָכן אַן אומרואיקער געהודער. די איברו האָט זיך צעשפּריים. דער קליינער פּיטצי, וועל־כער האָט געשפּילט פוף-פאַף, האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

— אַ דייטשע סובמאַרין!

און צעשראָקענע קופּעס זיינען די מאַטראָסן געשטאַנען. די אויגן בא אַלעמען — גרויסע, פוסטע, און זיי קוקן אַלע אין איין ריכטונג; דאָרט, וואו עס קאָכן אויף גרויע, שוימיקע כוואַליעס און הייבן זיך אויף, ווי בערג. פּיטצי קוקט אויך אַהין און זעט גאָרנישט, כאָטש דער טאַטע האַלט אים הויך אויפגעהויבן אַף די הענט, דריקט אים שטייף צום האַרצן; און דאָס האַרץ בא אים קלאַפּט אַזוי שטאַרק, וויגט זיך, ווי אַ כוואַליע וואָלט אינעווייניק געקאָכט.

און פון דער סובמארין קומט אן א באפעל:

— ארונטערלאזן זיך אף שיפלעך! אין צען מינוט צייט! א סעקונדע מער — וועט שוין זיין צו שפעט.

קרעכצן די ריפן פון דער אלטער שיף, עס קרעכצן די קייטן, וועלכע לאזן ארונטער שיפלעך אפן וואסער. מאטראסן שווייגן, אבער אין זייער שווייגן הערט זיך א פארשאלטענער קרעכץ.

און אין דער לעצטער מינוט ציען זיך פון אלע זייטן הענט צו פיטצין.

— זיי געזונט, פיטצי!

— צום ווידערזען זיך!

— אונזער קליינער, גוד — ב—יי—יי!

אט גליטשט זיך שוין דער טאטע ארונטער. בא אים אף די אקסלען, ביידע פיסלעך איינגעשטייפט, זיצט פיטצי; פיינע שפריצט, גיסט אים אף דאס גאנצע פאנעם. פיטצי זשמורעט זיך, מאכט צו די אויגן, פארשליסט שטיף־שטייף די ליפלעך. דאס גליטשן זיך געדויערט אזוי לאנג־לאנג. ענדלעך — זיי זיצן שוין אין א שיפל.

דאס שיפל קוליעט זיך, קרעכצט, הייבט זיך און פאלט. א ווינט ברומט, קוויטשעט אף אלערליי קוליעס. מוטנע פיינע שפריצט און בייסט. פיטצי (וועלכער האלט די אויגן שטייף־שטייף פארזשמורעט) פילט, ווי אימיצער וואלט אים פון ארט געריסן, ווי א שטרוי, ווי א פעדער, אבער דער טאטע האלט אים שטארק צו זיך צוגעדריקט, אזש עס טוט אים וויי.

עפנט פיטצי אויף א שפעלטל פון די אויגן, זעט ער, ווי נאך א סאך שיפלעך, ווי שווארצע פינטעלעך, זיינען אנגעזייעט אפן שוים. דארטן זיצן נאך אנקלס, אנקלס, אנקלס. וואס טוט זיך עס? וואס איז געשען?

און מיטאמאל — פוק־פאק!!!

א שפיל אזא, ווי די, וועלכע פיטצי האט זיך אפן שיף איינגעלערנט; אבער א גרעסערע, א שטארקערע, ווי עס פאסט זיך פאר גרויסע אנקלס. ער האט זיך גאר דערשראקן און האט זיך צעוויינט.

און אין זיין ביטערן געוויין האט ער פארהערט, ווי א ווינט, רייטנדיק אף א שוים־כוואליע, האט שטייף א שטויס געטאן זיין שיפל, עס איבערגעקערט און אויסגעשאטן אים, מיט זיין טאטן, מיט די איבעריקע אנקלס אין די וואסערן פון יאם...

אויפגעהויבן זיך, ווי א קליין וואל־פישל, אפגעטונקט זיך און אוועק צום דעק...

---

אף מארגן זיינען די צייטונגען געווען פול מיט נייעס וועגן דער דערטרונקענער שיף. מען האט געשריבן וועגן דעם שוידערלעכן פאר-

ברעכן פון די דייטשע סובמארינס, וועגן דעם טויט פון דעם קליינעם פיטצין. מ'האט גערופן דאס אמעריקאנער פאלק אפצורעכענען זיך פאר זיין טויט.

— קריג! מילכאמע ביז צום סאף...

די שיף־קאמפאניע האט איינגעמאנט איר פארזיכערונג־געלט. א מיליאן דאלער...

די רייכע מאכן מילכאמעס און שיקן די ארבעטער און פארמער צום טויט, ווייל ______________

דאס איינציקע לאנד, וואס קעמפט קעגן מילכאמעס, איז ______________

די ארבעטער פון די קאפיטאליסטישע לענדער קעמפן פאר דער פארטיידיקונג ______________.

היים־ארבעט — קליב אויס צען ווערטער פאר סינאנימען.

# אלפרעדס אנקל

אלפרעד איז אלט געווארן עלף יאר. זיינען געקומען צו זיין פארטי זיינע כאוויירים פון שול און פון סקול. מ'האט געזונגען, דעקלאמירט און געהאט א סאך „פאן".

אין מיטן איז אנגעקומען אלפרעדס אנקל דזשעק. די קינדער האבן גלייך איבערגעריסן זייער פארטי, ווען זיי האבן דערזען אלפרעדס אנקל. ער איז געגאנגען אף א קוליע, און ס'איז געווען א ראבמאנעס צו זען, ווי שווער אים איז צו גיין.

די קינדער האבן געוואלט פרעגן אלפרעדן, פארוואס זיין אנקל גייט אף א קוליע. נאר דער אנקל איז שוין געשטאנען לעבן זיי. ער האט געזען, ווי די קינדער קוקן אף אים פארוואונדערטע, און געזאגט:

— איך פארשטיי, קינדער, פארוואס איר קוקט אזוי אף מיר? איר וואונדערט זיך אוודע, וואס איך גיי אף א קוליע. א, ס'איז א טרויעריקע מייסע פון דער לעצטער וועלט־מילכאמע.

— דערציילט, דערציילט, — האבן די קינדער גענומען בעטן.

— א, דאס איז געווען מיט 17 יאר צוריק. אלפרעדס מאמע, מיין שוועסטער, געדענקט עס נאך זייער גוט. זי איז דעמאלט אלט געווען א יאר פערצן, עטלעכע יאר עלטער ווי אלפרעד איצט.

איך בין געוואקסן א געזונטער, שטארקער אינגל. באל איז געווען מיין לעבן. און אף דעם טים בין איך געווען פון די בעסטע. און אין

דייסעס— דער שנעלסטער. פאַר אַלפרעדס מאַמען האָבן דעמאָלט די אינגלעך געציטערט, זי צו שלאָגן. איך פלעג אויפהייבן צוויי אינגלעך אויף מיינע בײדע הענט, אָט ווי צוויי פוטבאָלס...

איז געקומען די וועלט-מלחמה. אַלפרעדס מאַמע האָט זיך דעמאָלט באַרימט, אַז איך וועל זיין דער שטאַרקסטער סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און זי איז געווען גליקלעך. אַנדערש האָט זי דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, ווייל אין דער סקול האָט מען די קינדער געלערנט, אַז אַלע ברידער און אַלע געזונטע טאַטעס דאַרפן גיין שלאָגן זיך.

אָבער וואָס איז געווען דער עמעס? די רייכע פון אַמעריקע האָבן געוואָלט נאָך געלט, נאָך לאַנד, נאָך רייכער ווערן, האָבן זיי אונז געמאַכט פאַר סאָלדאַטן, אַז מיר זאָלן דאָס קריגן פאַר זיי. און וואָס האָבן מיר געזען אויף דער מלחמה?

מענטשן זיינען געפאַלן, ווי פליגן. אַרבעטער, אַזעלכע ווי איך און מיליאָנען אַנדערע. מיר האָבן אויף זיי געשאָסן, זיי אויף אונז, כאָטש מיר האָבן קיינמאָל אין לעבן זיך נישט באַגעגנט און איינער דעם צווייטן קיין שלעכטס נישט געטאָן. און וואָס איז געווען דער סוף?

די רייכע פון אַמעריקע האָבן געקראָגן פון דייטשלאַנד מיליאָנען דאָלערס, און מיר זיינען געקומען אַהיים די זעלביקע אָרעמע אַרבעטער, נאָר אָן הענט, אָן פיס, קאַליקעס און קראַנקע.

דאָ האָט דער אַנקל זיך אָפּגעריסן אַ ווײַלע און געזאָגט:

— און וויפל זיינען געבליבן טויטע אויף די פעלדער? וויפל טאַטעס, מאַמעס, פרויען און קינדער וויינען נאָך ביז היינט אויף זייערע טייערסטע, וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה? און אַלין צוליב דעם, אַז די רייכע זאָלן ווערן נאָך רייכער. מיר איז געבליבן פון דער מלחמה אָט דאָס:

און אַלפרעדס אַנקל האָט אַן אויפגערעגטער אויפגעהויבן די קוליע אין דער הייך.

— ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונז גע־שיקט צוריק אַהיים. איך געדענק עס נאָך, ווי איצט וואָלט עס געשען. די שיף מיט די סאָלדאַטן איז אָנגעקומען אַלץ נעענטער צו ניו יאָרק. איך שטיי אויף דער דעק און דערקען שוין פון ווייטנס מיין שוועסטער, אַלפרעדס מאַמען. איך וויל אויסשרייען:

— שוועסטער, דאָס בין איך — דיין ברודער! אָט דער, וואָס שטייט אויף דער קוליע. — נאָר איך האָב מורא, אַז זי וועט זיך דער־שרעקן, ווען זי וועט דערזען, וואָס ס'איז געוואָרן פון איר שטאַרקן ברודער. שווייג איך.

און אָט איז שוין די שיף לעבן דאָמע ברעג. זי שטייט שוין

באַלד לעבן מיר, אָבער אויף מיר קוקט זי ניט: זי האָט ניט געגלייבט, אַז דער קאַליקע איז איר ברודער. שטייט זי מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און זוכט מיך צווישן די איבעריקע סאָלדאַטן.

און אָט גייען מיר שוין אַראָפּ פון דער שיף. איך שטיי קוים אַנטקעגן צו פּנים מיט מיין שוועסטער און איך שריי אויס:

— שוועסטער, דאָס בין איך!

זי האָט געגעבן אַ קוויטש און געכאַלעשט לעבן דער שיף. —

ס׳איז שטיל געוואָרן אין צימער. די קינדער זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און קלאַפּנדיקע הערצער. און אַלפרעדס אָנקל איז געבליבן זיצן מיט דער קוליע אין האַנט, און זיינע אויגן האָט באַצויגן אַ טרערן־גלאַנץ.

—

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: די וועלט־מילכאָמע און די נייע מילכאָמע־געפאַר.

קינדער־נויט.

אַרבעטלאָזיקייט.

טענקסגיווינג און קריסמעס.

די קירך און די שול אַף דער זייט פון די הערשער.

גאַניידן. געהענעם. די סאַלוויישאַן אַרמי.

קאַמף פאַר פרייער שפּייז, שיך און קליידער.

---

וואַנט־צייטונג:

קאַמף קעגן קינדער־נויט.

צייט:

פון 20טן נאָוועמבער ביזן 1טן יאַנואַר.

# אין גאַס

פֿון ב. קאַץ

מען האָט אונז הײַנט פֿון הויז אַרויסגעוואָרפֿן,
וויג איך דיך אַף מײַנע הענט.
עס האָט, כאַלילע, גאָרניט ניט געטראָפֿן,
די הויז איז ניט פֿאַרברענט.

ליו־ליו־ליו־ליו, אינגעלע,
פֿיאַנערעלע, מײַן שײַנער!
ליו־ליו־ליו־ליו, טײַערער,
מיר פֿאַר דײַנע בײַנער!

מיט ווינט און זון אַף בעטגעוואַנט
איז גוט אַזוי דיך וויגן,
ווען ס'טראָגן צוריק כאַווײדימלעך
דאָס מעבל אַף די שטיגן.

ליו־ליו־ליו־ליו, אינגעלע, א. אַז. וו.

ס'וועלן ברידער שוין פֿאַרהיטן,
אונז ניט לאָזן אָן אַ דאַך.
מיר האָבן, קינד, גענוג געליטן, –
כאַווײדים שטייען אַף דער וואַך!

ליו־ליו־ליו־ליו, אינגעלע, א. אַז. וו.

שלאָף־זשע, שלאָף־זשע, ליבינקער,
איך וויג דיך אײַן און וויג.
ס'וועט קומען טאַטע באַלד אַהיים
און זיך פֿרייען מיטן זיג!

ליו־ליו־ליו־ליו, אינגעלע,
פֿיאַנערעלע, מײַן שײַנער!
ליו־ליו־ליו־ליו, טײַערער,
מיר פֿאַר דײַנע בײַנער!

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: „אַן עוויקשאַן".

# אַ ברעדליין פאַר קינדער.

ס'איז שאַבעס אין דער פרי. איך ליג אין בעט און פיל אַזוי גוט. היינט איז נישטאָ קיין סקול. די לערערן שרייט ניט, הייסט ניט סאָלווירן די פאָן, דערציילט ניט קיין באַבע־מייסעס וועגן גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרמאַגט שוואַרצע שקלאַפן און אויסגעהונגערט זייערע אַרבעטער.

מיינע אויגן קלעפן זיך נאָך. איך הער ווי אימיצער זינגט מיר אין אויער אַריין:

יו'ל איט פיי
אין די סקיי,
ווהען יו'ל דיי —
איט'ס ע ליי!

דאָס איז מיין טאַטע. ער וועקט מיך, איך זאָל גיין מיט אים זען די קינדער ברעדליין.



איך טראכט נים לאנג, שטיי אויף. מיר גייען.

אט בין איך שוין מיטן טאַטן אף דער פערטער גאַס. דאַ שטייען די קינדער פאַר דעם סאַלוויישאַן ארמי האַל.

מען טיילט זיי אויס עסן.

איך שטעל זיך אויך אין דער ליין. די ליין וואַקסט. עס קומען צו נאָך און נאָך קינדער.

אט בין איך געווען דער לעצטער, און אט שטייען שוין אַ סאַך קינדער הינטער מיר.

פון פאָרנט שטייט אַ אינגל מיט אַ קערבל אין האַנט און מיט אַ קריגל.

ער האט נאָך נים געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוזען און ער שטייט שוין אין ליין. —

הינטער מיר שטייט אַ קינד און האַלט פאַר דער האַנט זיין קליין ברידערל. ביידע ציטערן פון קעלט.

מיר איז שוין אויך קאַלט. אַלע קינדער זעען אויס הונגעריקע, בלייכע און מאַגערע.

איך פרעג דעם אינגל, וואָס שטייט פאַר מיר:

— האָסט אַ היים?

— יאָ.

— קומסט דאַ אָפט?

— צוויי מאָל אַ טאָג.

— וואָס קריגט מען דאַ?

— האַרט ברויט מיט ווייסן וואַסער קריגט מען דאַ.

איך נעם אַרויס פון קעשענע אַ פּיאַנער.

— נאַ, לייען, — זאָג איך, — פאַר אַזעלכע קינדער ווי דו איז דאָס ביכעלע געשריבן.

ער קוקט אף מיר, קוקט אפן פּיאָנער, נעמט אים צו און לייגט אים אריין אין קעשענע.

די ליין רירט זיך. איך בין שוין אין האַל. עס ברענט אַ קליילעמפּל. צוויי מענער שטייען און טיילן אויס מילך מיט ברויט.

— נאַ מאַר מילק, — הער איך, — דזשאַסט ברעד!

— וואו איז דיין קערבל? — פרעגט מיך איינער פון די מענער.

— איך האַב ניט, — ענטפער איך.

— געט אַוט, — שרייט ער אף מיר.

— אָבער איך וויל ברויט!

— געט אוט! איי טאָלד יו! — ער שטופּט מיך אַרויס פון דער ליין.

איך גיי ארויס אין גאס. די ליין ציט זיך און ציט זיך. מיטאמאל שריט מען:

— נאָ מאָר ברעד!

ס'ווערט אַ טומל צווישן די קינדער. מען הייבט זיי אָן צו טרייבן. קינדער קומען צו צום פּאָליסמאַן. זיי בעטן זיך, ער זאָל זיי אַריינלאָזן. ער שטופּט זיי אָפּ. די קינדער ווייסן ניט וואָס צו טאָן. גיין אַהיים, אָדער נאָך וואַרטן.

איך רוק זיך אַריין צווישן די קינדער און שריי אויס.

— ווי וואָנט ברעד!

— ווי וואָנט ברעד! — שרייען אַלע קינדער צוזאַמען.

דער געשריי צעטראָגט זיך איבער דער גאַנצער גאַס. דער פּאָליסמאַן ווערט נאָך ווילדער און פּאַטשט מיט זיין קלאַב.

— געט אוט, איי טאָלד יו: נאָ מאָר ברעד!

קינדער הונגערן אין אַמעריקע. מיר קעמפן, אַז די קינדער פון די אַרבעטלאָזע זאָלן קריגן ____________________

קריגן די קינדער פון דיין סקול שפּייז, שיך און קליידער?

היים־אַרבעט: „מיין קלאַס אין פּאַבליק סקול."

# דזשעק

פון מ. ווינטשעווסקי

דזשעק איז אַ קינד מיט אַ פּאַשעטן קעפּל,
ער וואונדערט זיך: ווי קען עס זיין,
אַז פּאָר געגאַנוועטע דריי עפּל
זאָל ער גיין אין טורמע אַריין.

דזשעק יענעם טאָג איז אַוועק אַ פּאַרקלעמטער.
די מאַמע קוים וואָס זי לעבט,
ווייס דען אַ קינד, צי עס גאַנוועט, צי נעמט עס,
אַ קינד, טראַכט זי, איז יונג און פאַרגרעבט...

אַלץ ביז אַ צייט. דזשעק קומט ענדלעך אַ פרייער,
אַ פרייער פון טורמע צו גיין.
מער ניט, די עפּל זיי קאָסטן אים טייער:
דזשעק קומט אַ יאַסעם אַהיים.

פאַרוואָס האָט דזשעק געגאַנוועט 3 עפּל?

היים־אַרבעט: ווי באַהאַנדלט מען שלעכטע קינדער אין אַמעריקע און ווי — אין סאָוועטן־לאַנד.

# באַם פענצטער

פון יאָסל קאָטלער

איך האָב איין פּאָר שיך,
מיט צוויי פּאָר לעכער,
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אַף די דעכער.

זע איך אין דרויסן —
אַ שניי פאַלט אַרונטער.
אין הויז דאַרף מען קוילן,
באַהייצן דעם ווינטער.

מיין טאַטע זיצט ליידיק,
ער האָט ניט קיין שטעל.
דער לענדלאָרד שרייט — רענט!
ער שינדט אים די פעל!

איך בין שוין אויסגעוואַקסן,
פון טאַטן באַלד העכער.
איך האָב אַ פּאָר שיך,
וואַקסן דאָרט לעכער.

הונגעריק בין איך,
עס ווילט זיך אַזש וויינען.
נעם איך אַ ביכל,
איז מיר קאַלט צו לייענען.

און שמאַטעס די שיך
געטאָן אַ פאַרדריי.
האָב איך אויסגעזוכט אַרבעט
צו שאַרן דעם שניי.

דעם שניי אָפּגעשאַרט,
מיינע שיך האָבן לעכער.
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אַף די דעכער!

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע:

אַזויפיל שיך אין לאַנד און איך גיי אַרום אַ באָרוועסער.

# דער אינגל פון מיאמי.

פון א. ראבאי

1

ווינטער.

שפעט באנאכט. א פאליסמאן גייט דורך א פארקל לעבן דער ניין-און-דרייסיקסטער גאס אין ניו-יארק. ער דערזעט פון דער ווייטן עפעס א שווארצע זאך. עס מוז זיין א קאץ, טראכט ער בא זיך.

לעבן א בוים האט ער געפונען נים קיין קאץ, נאר א קליין אינגל. זיינע אויגן האבן געברענט, ווי צוויי אויגן בא א הונגעריקן וואלף. דער אינגל האט זיך געגעבן א ריס פון ארט און געוואלט אנטלויפן.

— היי, אינגל, אנטלויפן איז נים גוט, — ווארנט דער פאליסמאן.

— וואס איז דיין נאמען?

— דייוויד, — ענטפערט דער אינגל א פארציטערטער. און די ציינדלעך בא אים אין מויל קלאפן.

— וואו וואוינסטו?

— אין ערגעץ נים.

— האסטו עלטערן?

— ניין.

— כא-כא, — לאכט דער פאליסמאן גראב, — ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז א אינגל האט נים קיין עלטערן?

— איך האב קיינעם נים, — זאגט דער אינגל ווייטער.

— אבער ווי אזוי קומסטו אהער?

— איך גיי דא אלעמאל ארום. איך האב נים וואו צו שלאפן.

— ביסטו דאך א היימלאזער. איך ארעסטיר דיך.

— אי שוד ווארי, — ענטפערט דער אינגל.

— קאם אן, — גיט אים דער פאליסמאן א שלעפ.

זיי גייען ביידע א שטיק וועג. דער פאליסמאן פרעגט אים ווייטער:

— פון וואנען ביסטו?

— פון דער סאוט.

— אנטלאפן פון דער היים?

— איך האב נים קיין היים. איך האב דאך דיר געזאגט.

— נעווער מיינד, דערצייל עס דיין באבען. וואו האסטו גענומען געלט אף הויצאעס, געגאנוועט?

— איך בין געגאנגען צופוס.

— קיינער וועט עס דיר נים גלויבן. ווי אלט ביסטו?

— איך בין דרייצן יאָר אַלט.

— האָסט בּאַ זיך עפּעס געלט? — און דער פּאָליסמאַן באַזוכט דעם אינגל.

— איך האָב אַ קוואָדער.

— מער קיין געלט האָסטו קיינמאָל ניט געהאַט?

— איך האָב מיט זיך געבּראַכט פופצן דאָלער. און געקויפט אַ ראָק און אַ פּאָר שיך.

— וואו האָסטו גענומען אַזויפיל געלט?

— איך האָב געאַרבּעט.

אַזאַ קליינער אינגל און די קאַנטס שוין אויך בלאָפן. זאָג מיר בּאַ וועמען האָסטו געאַרבּעט?

— אין אַ דראָג סטאָר.

— דו בּיסט צו קלוג פאַר מיר, סאָני.

דער אינגל האָט געשוויגן. זיין קערפּער האָט געציטערט פון קעלט. אויף די פיס האָט ער ניט געהאַט קיין זאָקן. זיין רעקל איז געווען קאַלט ווי אייז.

ער איז ניט לאַנג געקומען קיין ניו־יאָרק פון דער סאַוט, וואו מענטשן שטאַרבּן פון הונגער.

דער פּאָליסמאַן האָט אים אַריינגעפירט אין סטיישאַן. ס׳איז דאָרט געווען האַלב טונקל און האַלב ליכטיק. בּאַ אַ דעסק איז געזעסן אַ פּאָליסמאַן מיט שיינענדיקע קנעפּ און האָט געדרימלט.

— קעפּטן, איך האָב אים געפונען אויף דער גאַס. ער איז אַ היימלאָזער.

— האָסטו אים באַזוכט? — האָט דער קעפּטן מיט אַ פאַרשלאָפענעם קאָל אים געפרעגט.

— איך האָב אים באַזוכט און געפונען בּאַ אים אַ קוואָדער.

— פון וואַנען בּיסטו? — פרעגט דער קעפּטן שטרענג בּאַ דעם אינגל.

— איך בין פון מיאַמי.

— און דער נומער פון דיין הויז?

— איך האָב ניט קיין היים.

— וואו וואוינען דיינע עלטערן?

— איך האָב ניט . . .

אָבער איידער דער אינגל האָט נאָך געענדיקט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט אים דער קעפּטן איבערגעשלאָגן און געזאָגט צום פּאָליסמאַן:

— פאַרשפּאַר אים.

דער פּאָליסמאַן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם אינגלס אַקסל און אים אָפּגעפירט אין אַ זייטיקן צימער.

2

מען האָט דעם אינגל פֿון מיאַמי אָוועקגעפֿירט אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר קינדער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ער איז אין אַ קעלער צימער מיט אַ צעמענטענעם דיל. עס האָבן דאָרטן געברענט קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך, איינגעפֿלאַכטן אין דראָטענע נעצן. עס איז דאָרטן קיינער ניט געווען אַ חוץ אים און אַ יונגערמאַן אין אַ קורצן כאַלאַט.

דער יונגערמאַן האָט אים אויסגעפֿרעגט און האָט עס פֿאַרשריבן אין אַ בוך. ער איז אַזאַ אַ ווילדע אָרט. דערווײַל האָט זיך דער אינגל פֿון מיאַמי אַרומגעקוקט, צי מען קען פֿון דאַנען אַנטלויפֿן. דער קאַלטער דיל און דער גרויסער פּוסטער צימער האָבן אים געשראָקן, אָבער די פֿענצטער זײַנען געווען קליינינקע און פֿאַרקלאַפּט מיט אײַזערנע גראַטעס. די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן מיט אַ שווערן שלאָס. עס איז דערווײַל צוריקגעקומען דער יונגערמאַן און געבראַכט מיט זיך אַ פּעקל זאַכן.

— קום מיט מיר אין באָד.

— אַ באָד גיט ער מיר און וואָס הערט זיך מיט עסן? — האָט דער אינגל פֿון מיאַמי געטראַכט.

מען האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ שוויץ־באָד. דערווײַל האָט זיך אויסגעטאָן און גענומען זיך באָדן. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט אַ שטאַרקן הונגער.

דער יונגערמאַן האָט אים געגעבן אַ העמד און צוגענומען זײַנע קליידער.

— ווי לאַנג דו וועסט דאָ זײַן, וועסטו טראָגן אונדזערע קליידער. דײַנע וועלן מיר באַהאַלטן, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— פֿון וואַנען ביסטו, קינד? — האָט ער אים געפֿרעגט, ווען ער האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון באָד.

— פֿון ערגעץ ניט, — געענטפֿערט דער אינגל און שטעלט אים אַרויס אַ צונג. אים האָט שוין פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס מען פֿרעגט אים אַזוי פֿיל מאָל.

דער יונגערמאַן האָט אים געפֿירט דורך טרעפּ און קאָרידאָרן. ער האָט אים צוגעפֿירט צו אַ געלער טיר. ער האָט די טיר אָפּגעשלאָסן און אַרײַנגעפֿירט דעם אינגל. אינעווייניק איז געווען פֿינצטער. דורך אַ פּאַס ליכט פֿון דער אָפֿענער טיר האָט דער אינגל פֿון מיאַמי דערזען אַ ריי בעטלעך.

— איך בין הונגעריק, — זאָגט דער אינגל הויך און בייז.

— שווייג! מאָרגן אין דער פרי וועט זיין ברעקפעסט. היינט איז שוין צו שפּעט!

דער יונגערמאַן האָט אים געגעבן אַ הייב, אַריינגעלייגט אין איינעם פון די בעטלעך און געזאָגט:

— פאַרמאַך די אויגן און שלאָף!

די טיר האָט זיך צוגעשלאָסן. דייוויד איז געבליבן ליגן אין בעט. ער איז געווען מיד און הונגעריק. שוין עטלעכע נעכט, אַז ער איז נישט געשלאָפן. איצט ווייסט ער נישט וואו ער איז. צי איז דאָס אַ פּריזאָן? וואָס וועט מען מיט אים טאָן מאָרגן? און ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון דאַנען?

ער איז געלעגן און געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז ער איז איינגעשלאָפן.

אין דער פרי האָט אים געוועקט אַ שווערע האַנט. ער עפנט זיינע אויגן און ווייסט נישט וואו ער איז. עס שטייען אַזויפיל ווייסע בעטלעך אין צוויי רייען. לעבן אים שטייט ווידער דער יונגערמאַן אין גרויען כאַלאַט.

— קאַם, שטיי אויף. ברעקפעסט!

ער דערלאַנגט אים אַ פּאָר אַלטע הויזן מיט אַ רעקל. ער שטופּט אים אין האַנט אַ קליין האַנטעכל און אַ צאָן-בערשטל.

— טו זיך אָן און קום זיך וואַשן!

אין וואַשצימער האָט דער אינגל דערזען, אַז ער איז דאָ נישט דער איינציקער. אין אַ ריי זיינען געשטאַנען נאָך אינגלעך, העכערע און קלענערע.

דייוויד איז צוגעגאַנגען און זיך אַריינגעשטופּט אין אַ ריי צווישן די אינגלעך. די צוויי אינגלעך, צווישן וועלכע ער האָט זיך אַריינגעשטופּט, האָבן אים שטילערהייט געפרעגט:

— אַ פרעמדער? אַ נייער?

— יעס, — ענטפערט דייוויד.

— ווי הייסטו?

— דייוויד.

— נישט גערעדט צווישן זיך, — שרייט דער יונגערמאַן מיטן גרויען כאַלאַט.

— וואָס? רעדן צווישן זיך טאָר מען אויך נישט? — פרעגט בא זיך אַליין דער אינגל פון מיאַמי. ער רייבט זיך דאָס פּנים מיטן קליינעם האַנטעך. און דערווייל באַטראַכט ער די גאַנצע כעווראַ.

דאָ און דאָרט גייט אימיצער פון די אינגלעך אַ וואַנק מיט אַן אויג אָדער אַ קרום מיט אַן אויג.

דייוויד ענטפערט צוריק מיט גריטאַסן.

אָבער דער מאַן אין גרויען כאַלאַט לאָזט די קינדער נישט טראַכטן.

ער שטעלט זיי אוים אין אַ ליין און פירט זיי אַוועק אין דיינינג רום עסן ברעקפעסט.

דייוויד זעצט זיך באַם טיש. ס'איז אַ לאַנגער הילצערנער טיש מיט אַ פראַסטער באַנק. זיינע צוויי שכנים רימען אים איין אַ סאָד:

— דאָס איז די סאָסייעטי פאַר די פּרעווענשאָן אָוו קרועלטי טו טשילדרען. און אין וואָס פאַר אַ קלאַס איז ער — אין איי, בי, אָדער גאָר סי?

— איך ווייס ניט, — ענטפערט ער.

האָבן אים די צוויי שכנים ווידער איינגערוימט אַ סאָד.

— האַלט דיין צונג.

דאָס ווייסט דייוויד אָן זיי.

דער יונגערמאַן ברענגט אַ טאַץ מיט שיסעלעך און שטעלט פאַר יעדן איינעם אַוועק אַזאַ שיסעלע. אין דעם שיסעלע ליגט גליטשיקע גלאַנציקע ווייסע בלעטער. דייוויד פאַרזוכט אַ לעפעלע פון דער בלאַטע. די־קאַשע איז קאַלט. אויפן טיש באַווייזט זיך אַ טעלער מיט דינע שטיקלעך ברויט. דאָס ברויט ווערט גלייך צעכאַפּט. דייוויד לאָזט זיך ניט בעטן, ער כאַפּט אויך. אָבער די שטיקלעך ברויט זיינען אַף איין צאָן. אָט איז עס געווען און עס איז שוין ניטאָ.

דערנאָך האָט דער יונגערמאַן געבראַכט אין גלעזער אַ געלן, מוטנעם געטראַנק.

— איז דאָס מילך? — האָט דייוויד געפרעגט באַ זיינע שכנים.

— פרעג ניט קיין פראַגעס.

דייוויד האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין זופּ און זיך אַרומגעווישט די ליפּן. דערנאָך האָט מען דייווידן צוגענומען פון די איבעריקע אינגלעך. דער מאַן האָט אים געפירט איבער טרעפּ און קאָרידאָרן. דער הונגעריקער דייוויד האָט זיך געוואונדערט און געשאַלטן:

— וואָס טויג זיי אַזויפיל קאָרידאָרן? זאָלן זיי אונז בעסער געבן גענוג צו עסן.

3

דער אינגל פון מיאַמי האָט שוין געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. אַלע טאָג האָט מען אים געשטעלט די זעלביקע פראַגעס:

פון וואַנען איז ער? פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן קיין ניו־יאָרק? צי האָט ער אימעצן באַגאַנוועט?

פון אָנהויב האָט ער דערציילט דעם עמעס. אָבער ער האָט באַלד דערזען, אַז מען גלויבט אים קיין וואָרט ניט, האָט ער באַשלאָסן אין גאַנצן צו שווייגן. — זאָלן זיי רעדן צוזעצטערהייט, ער ענטפערט זיי ניט.

— מען וועט דיך מוזן פארשיקן אין פריזאן, — שרייט דער מאן אין כאלאט.

— וואס איז דא, ניט קיין פריזאן? — טראכט דער אינגל בא זיך. אין דער שטיל האט ער באשלאסן צו אנטלויפן. ער האט גע־בוים פלענער ווי אזוי צו קענען אנטלויפן.

— סיי, סאני, זאג דעם עמעס, וועל איך דיך באלד ארויסלאזן. איך האב בא זיך די שליסלען, — נעמט ארויס דער מאן די שליסלען און רייצט זיך מיטן אינגל.

באם אינגל בליצן די אויגן, ווי בא א וואלף, ווען ער דערזעט א סוינע.

ער איז קליין אנטקעגן אט דעם שלעכטן מענטשן, אבער ער מוז זיך מיט אים אפרעכענען. דער מאן וויל אים פארשיקן אין פריזאן. ווי שלעכט דארט מוז זיין, אויב דא אין אנשטאלט איז אזוי גוט. דער אינגל קוקט זיך ארום און זעט, אז ער איז מיט דעם מאן אליין אין צימער.

— איצט אדער קיינמאל ניט, — טראכט ער בא זיך. ער האט געכאפט דאס קישעלע און א שטיין געטאן דעם מאן אין פאנעם אריין.

דער מאן איז געפאלן אפן דיל, א קלאפ געטאן דעם קאפ אפן שטיין און איז געבליבן שטיל ליגן.

דער אינגל האט בא אים צוגענומען די שליסלעך און דעם עלעק־טרישן לאמפ. ער איז ארויסגעלאפן פון צימער, פארשלאסן די טיר און געלאפן מיט די טרעפ. אין קארידאר איז געווען שטיל און האלב טונקל. דער אינגל איז אראפ אין קעלער, ער האט געזוכט זיינע אייגענע קליידער.

אבער דא איז געווען א גרויסע סאקאנע. טאמער קומט אימעצער אן.

אין קעלער איז געווען שטיל. ערגעץ האט געקאפעט וואסער פון א קראן. דער אינגל האט צוגעפאסט זיין טראט צום טאקט פון די טראפנס וואסער. ער האט געפונען זיינע קליידער און זיי אנגעטאן. זיינע הענטלעך האבן געציטערט, ווען ער האט מיטן שליסל אויפ־געעפנט די טיר.

אין א פאר מינוט ארום האט זיך די טיר געעפנט, און דער אינגל איז ארויסגעלאפן אין דרויסן און פארשוואונדן אין גאס.

שרייב א קאמפאזיציע: קינדער־היימען אין אמעריקע, און אין סאוועטן־לאנד.

שרייב אריין אין העפט אלע שווערע ווערטער פון דער רייסע און געפין אויס אנדערע ווערטער אף זייער ארט (סינאנימען).

לענין: ביאגראפיע.

לענין — דער גרינדער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

ליבקנעכט און לוקסעמבורג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע.
קאַרל מאַרקס.

---

וואַנט־צייטונג:

לענין און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע.

צייט:

פון 1טן יאַנואַר ביזן 1טן פעברואַר.



# לענין

פון א. פרינץ

ניט קיין שווארצע ליכט איצט ברענען
אף זיין יארצייט —
גאנצע לענדער ברענען
מיט פייער־פלאם פון לענין.

ס׳ברענען אינדיע, כינע און מאדריד,
ס׳ברענען גאסן פון האוואנע און בערלין
אונטער לענינס טריט!
ניטא קיין ליכט העל־לעכער און שענער
אין יארצייט טאג פון כאווער לענין!

עס ברענט דאס לענין־ליכט אין בלוט פון מיליאנען,
און זיין נאמען העלט אף פאנעם פון דער וועלט
און טרייבט
די ראד פון שטאט און פעלד,
און צינדט
אין ווייטסטע ווינקלען פייער־פאנען!

„ניט קיין שווארצע ליכט איצט ברענען" — דערקלער דעם זאץ.
„גאנצע לענדער ברענען מיט פייער־פלאם פון לענין" — דערקלער דעם זאץ.
„און זיין פאנעם העלט אף פאנעם פון דער וועלט" — דערקלער דעם זאץ.

# אַ גוטער כאַווער.

ווען לענין איז נאָך געווען קליין און געלערנט אין שול, איז ער געווען אַ גוטער כאַווער צו אַלע קינדער. ער האָט ליב געהאַט העלפן זיינע כאַווערים מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. דערקלערן אַ שווערע לעקציע, פאַריכטן שריפטלעכע אַרבעט, פאַרטייטשן ווערטער פון פרעמדע שפּראַכן.

אין דעם איבערייס צווישן איין לעקציע און דער אַנדערער איז ער געזעסן און געהאָלפן זיינע כאַווערים.

אָפט פלעגט ער קומען אין שול מיט אַ האַלבער שאָ פריער, צו העלפן די שוואַכערע כאַווערים צוגרייטן זייער אַרבעט.

ער האָט ליב געהאַט שטענדיק שפּילן מיט די כאַווערים. אַליין איז ער געווען דער אָנפירער פון אַלע שפּילן און שפּילערייען.

ווען לענין איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, האָט ער געענדיקט מיטל-שול (גימנאַזיע). אין דער מיטלשול פלעגט מען אַרויסגעבן דיפּלאָמען. אין די דיפּלאָמען איז געווען אויסגערעכנט וואָס יעדער שילער האָט געטאָן אין יעדן געגנשטאַנד. פאַר יעדן געגנשטאַנד האָט מען גע-שטעלט אַ צייכן.

אויב דער שילער האָט זיך געלערנט שלעכט, — 2. נישקאָשע — 3. גוט — 4 און זייער גוט — 5.

## לענינס דיפּלאָמע

| | |
|---|---|
| מאַטעמאַטיק — 5 | רוסיש — 5 |
| פיזיק — 5 | דייטש — 5 |
| געאָגראַפיע — 5 | פראַנצויזיש — 5 |
| געשיכטע — 5 | לאַטיין — 5 |
| ליטעראַטור — 5 | גריכיש — 5 |

אויפפירונג — אויסגעצייכנט.

צוגרייטונג פון לעקציעס — זייער פּינקטלעך.

באַזוך פון דער שול — זייער גוט.

שריפטלעכע אַרבעט — זייער פלייסיק.

געלערנט מיט גרויס אינטערעס און ליבע.

# לענין בא קארל מארק[illegible]ייווער.

ווען לענין איז געווען אין לאנדאן, האט [illegible]מען זיינע כאַווײרים און געפירט זיי צום קייווער פון קארל מארקס.

ער איז שוין, ווייזט אויס, ניט איינמאל געווען דארטן.

מען האט געדארפט פארן אין צווייטן עק שטאט. מען האט גע־דארפט בייטן קארס און באסעס.

לענין האט זיי געפירט מיטן קירצסטן וועג, ווייל ער האט גוט געקענט די שטאט.

באמש ער האט געוואוסט וואו עס געפינט זיך דער קייווער, האט ער געפרעגט בא דעם וועכטער. ער האט געוואלט אויסגעפינען, צי די וועכטער ווייסן וואו עס ליגט אזא גרויסער מענטש.

קיינער פון די וועכטער האט ניט געוואוסט. זיי האבן אים גע־זאגט, אז מען דארף גיין אין אפיס אויסגעפינען.

— ווייזט אויס, אז די ארבעטער קומען ניט צום קייווער זייער אפט, — האט לענין געזאגט מיט פארדראס.

אין זיינע ווערטער האט זיך געפילט א גרויסע ליבע צו זיין כאווער און לערער, קארל מארקס.

ער האט די כאַווײרים גלייך אוועקגעפירט צום קייווער. —

# דאס געהיימע בײדל.

ווען לענין האט זיך געדארפט באהאלטן פון דער קערענסקי־רעגירונג, האבן אים די כאַווײרים באהאלטן אף א פעלד אין א בײדל. מען האט געמאכט א בײדל פון צווייגן, באדעקט מיט היי, און לעבן בײדל געמאכט א קיך.

מען האט אויפגעהאנגען אף שטעקלעך א קעסעלע, אף צו מאכן עסן.

דא האט לענין געלייענט אלע צייטונגען און געמאכט פלענער, ווי אזוי צו פירן די רעוואלוציע.

אין דעם בײדל האט זיך לענין געפילט זייער גוט און פריי. ער פלעגט אפט גיין צום טייכל זיך באדן. באטאג פלעגט ער העלפן די פארמערס קלייבן היי.

לענין פלעגט זייער גוט דערלאנגען היי מיטן גאפל.

אין אוונט פלעגט ער גיין מיט כעוורע קליינווארג כאפן פיש.

אין קערענסקיס צייטונגען האט מען געשריבן:

— לענין איז אנטלאפן אף אן עראפלאן!

— לענין באהאלט זיך אין א סאבמארין!

לענין פלעגט זייער שטארק לאבן, ווען ער האט געליינט די נארישע מייסעס.

## לענין זארגט זיך פאר די קינדער.

אין די שווערסטע צייטן פאר דעם סאוועטן־פארבאנד, ווען די ווייסע ארמייער האבן ארומגערינגלט דאס לאנד פון אלע זייטן, האט אין לאנד געפעלט עסן.

באוועד לענין האט געזאגט:

— מיר, דערוואקסענע, הונגערן. נאר דאס לעצטע ביסל מעל, דאס לעצטע שטיקל צוקער, דאס לעצטע פיצל פוטער וועלן מיר אפגעבן די קינדער.

אין דער צייט פון בירגער־קריג, ווען אלע האבן געהונגערט, האבן די קינדער געקראגן פוטער, צוקער, אייער און אנדערע זאכן.

אין סאוועטן־פארבאנד איז פאראן א געזעץ וועגן קינדער. דאס געזעץ זאגט, אז א קינד, וואס באגייט א פארברעכן, ווערט ניט איבער־געגעבן אין געריכט און ניט ארייגעזעצט אין טורמע.

גוטע, געטרייע לערער דארפן דאס קינד אויסבעסערן.

אט דאס געזעץ איז אנגענומען געווארן א דאנק דעם באוועד לענינען.

## די פוילע וואנט.

באוועד לענין מיט נאך פערציק באוויירים סטודענטן זיינען גע־וואָרן ארעסטירט דערפאר, וואס זיי האבן געמאכט א פארזאמלונג. דערפאר האט מען זיי ארויסגעטריבן פון אוניווערסיטעט און ארויס־געשיקט פון דער שטאט.

דער פאליסמאן, וועלכער האט ארעסטירט לענינען, האט אים פרעך געזאגט:

— וואס בונטעוועט איר זיך, יונגערמאן? איר זעט דאך, אז איר שטייט פאר א וואנט!

— טאקע א וואנט, — האט געענטפערט לענין, — אבער א צעפוילטע וואנט. א שטויס — און זי וועט פאלן.

איצט איז די פוילע וואנט פון דעם קאפיטאליזם און דעם צאר שוין לאנג געפאלן. די קלענערע קינדער געדענקען שוין אפילו ניט אזא זאך ווי באס און צאר.

# לענין שרייבט אין טורמע ליפלעטס.

ווען לענין איז געזעסן אין טורמע, האט ער זיך דערמאנט, אז די מאמע האט אים אמאל געוויזן א קונץ: שרייבן אף פאפיר מיט מילך.

ווען מען שרייבט אזוי, איז גארנישט קענטיק. נאר שפעטער נעמט מען דעם פאפיר און מען ווארעמט אים אן בא א לאמפ, באווייזן זיך ווערטער פון געלן קאליר. און מען קען לייענען דאס אנגעשריבענע.

מילך פלעגט ער באקומען אין טורמע אלע טאג. האט ער גע־קנאטן פון ברויט קליינע טינטערלעך, אריינגעגאסן אהין עטלעכע טראפנס מילך און געשריבן מיט דעם ווייסן טינט אף בלעטער פון ביכלעך, וואס מען האט אים געשיקט לייענען.

אזוי האט ער אנגעשריבן און איבערגעשיקט פון טורמע צו די ארבעטער א בוך וועגן סטרייקס און די פראגראם פון דער פארטיי.

לענין פלעגט מאכן זייער קליינע ברויט טינטערלעך, ער זאל זיי קענען ארונטערשלינגען, ווען א וועכטער וועט עפעס באמערקן.

די ערשטע צייט, איידער ער האט זיך צוגעוואוינט צו דער טורמע, פלעגט ער אפט שלינגען טינטערלעך. האט עפעס א קראץ געטאן, האט א קלאפ געטאן דאס פענצטערל, איז באלד — שלונג!

ער האט אמאל מיט א געלעכטער דערציילט, אז איינמאל איז אים אויסגעקומען אויפעסן גאנצע זעקס טינטערלעך אין איין טאג.

# לענין אין א פרעמדן לאנד.

אין די יארן 1916‑1917 האט לענין געלעבט אין דער שווייץ. זיין דירע האט זיך געפונען אין צענטער פון שטאט. דער צימער איז געווען זייער א קליינער און קימאט — פוסט.

לענין האט געלעבט זייער ארעם. אין זיין צימער זיינען גע־שטאנען צוויי בעטן, דריי שטולן, א טיש. און אפן טיש זיינען געלעגן א סאך צייטונגען און ביכער.

זיין פרוי, כאזוערטע קרופסקאיא, האט אים געהאלפן אין דער ארבעט.

כאוויירים האבן געזאגט לענינען, אז ער זאל איבערבייטן זיין צימער. ער קאן קריגן א צימער אין א בעסערן טייל פון שטאט, וואו עס איז פאראן פרישע לופט און וואו מען קען אפרוען.

לענין האט ניט געוואלט. ער האט געזאגט, אז אים איז דא

גאנץ גוט. די ביבליאטעק איז נאענט. און ניט ווייט איז די ארבעטער-קיך און די ארבעטער-היים.

אין דער ארבעטער-קיך פלעגט לענין עסן זיינע מאלצייטן.

לענין מיט זיין פרוי האבן געלעבט אן עמעסן פראלעטארישן לעבן.

# באוער קארפאוו.

דימאלט האט נאך געלעבט דער צאר. די ארבעטער האבן גע-רופן א גרויסע פארזאמלונג. דער פארזיצער רופט אויס:

— דאסווארט וועט האבן באוער קארפאוו!

ס'איז ארויף אף דער בינע א באוער און הייבט אן רעדן.

אין ציטער איז געווארן מיטאמאל שטיל.

אזוי איז געווען די גאנצע צייט פון זיין רעדן. ער האט גערעדט לאנג, און די ארבעטער האבן געשלונגען יעדעס ווארט.

ווען ער האט געענדיקט, האבן זיך אלע אויפגעהייבן פון די ערטער, געפאטשט מיט די הענט און געשריען:

— זאל לעבן די רעוואלוציע!

אונטער דעם נאמען קארפאוו איז געווען לענין.

ער האט זיך דימאלט אויסבאהאלטן פון דער פאליציי.

# שאך-שפיל.

לענין האט זייער ליב געהאט שפילן אין שאך. מעסטן זיינע קויכעס מיט א גוטן שפילער. מען דערציילט, אז קארל מארקס, ענגעלס און ליבקנעכט האבן אויך ליב געהאט שאך-שפיל.

א באוער האט דערציילט, ווי אזוי ער האט איינמאל געשפילט שאך מיט לענינען.

דער באוער איז געווען זייער א גוטער שפילער. ער האט זיך געזעצט שפילן און די ערשטע שפיל גלייך פארשפילט. טראכט ער:

— דאס איין מאל קען זיך טרעפן. אט וועלן מיר זען, ווי וועט זיין די צווייטע.

נאר די צווייטע שפיל האט זיך געענדיקט פונקט אזוי שלימאזל-דיק, ווי די ערשטע.

די דריטע און די פערטע האבן געהאט דעם זעלביקן סאף.

נאכדעם האבן זיך דריי באווערים, גוטע שאך-שפילער, פארייניקט צוזאמען קעגן לענינען.

און, אוי, א גליק! אוי, א פרייד! לענין האלט באם פארלירן.

אלע דריי זיינען געװאָרן זייער פריילעך. א קליינקיים — זיי געװינען בּאַ לענינען!

לענין איז געזעסן איבערן שאַך־בּרעטל. אַפן גרויסן שטערן האָבּן זיך געזעצט גרויסע טראָפּנס שוויים. די אויגן האָבּן געקוקט אין יענעם ווינקל, וואו ס'איז געווען דער הויפּט־פּונקט פון דער שלאַכט. זיין ציל און יענער מינוט איז געווען זיך נים אונטערגעבּן! נים ווערן בּאַזיגט!

און — די שפּיל האָט זיך געגעבּן מיטאַמאָל א דריי צוריק. מיט צוויי, דריי קלוגע גאַנגען האָט לענין צעקלאַפּט זיינע דריי שאַך־גענגער.

לענין האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געווישט דעם שוויים פון שטערן.

שרייבּ א קאָמפּאָזיציע: לענין, דער גרויסער קינדער־פריינט.

גרייט צו א לענין־טאָוול: אַלע קינדער, וואָס האָבּן געטאָן זייער אַרבּעט, ווערן אַרויסגעשריבּן אַפן לענין־טאָוול.

פירט דורך א לענין־מעטאַריאַל פאַר די קינדער פון דער געגנט.



# קאַרל מאַרקס — לענינס לערער.

די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבּן פאַרגאָסן מיט גאָלד צוויי פאַרשטויבּטע פענצטער אַף דער וואַנט פון א טאַבּאַק־וואַרשטאַט, וואו איך האָבּ געאַרבּעט צוזאַמען מיט נאָך אַ יונגן אַרבּעטער. אַף דער וואַנט איז געהאַנגען א פאַרשטויבּטער פּאָרטרעט. דער יונגער אַרבּעטער האָט זיך מיד פאַרקוקט אַפן פּאָרטרעט און א זאָג געטאָן:

— אָך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט עפּעס הערן וועגן אים!

— מייערינקער! — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער, — דאָס

איז געווען א זעלטענער מענטש. איינער פון די בעסטע מענטשן אף דער וועלט. הונדערטער מאָל זיינען מיר געזעסן צוזאמען און גע־שמועסט און פארבראכט בא א גלעזל טיי.

— דערציילט עפּעס וועגן אים! — האט אנגעהויבן בעטן דער יונגער ארבעטער, — דערציילט, ווי אזוי ער האט אויסגעזען, ווי אזוי ער האט גערעדט, — דערציילט אלץ!

— איך דיר ווילט זיך יא אזוי שטארק, בא הער מיט קאָפּ. מיין טאטע איז געווען א שוסטער, און איך פלעג אפט אפטראגן די פאר־טיקע שיך צו זיי אהיים. און דעמאלט האבן מיר זיך באקענט. קארל איז געווען א לעבעדיק קינד. מיר האבן זיך ביידע געלערנט אין שול. קארל איז געווען דער בעסטער שילער. אלע האבן אים ליב געהאט. ווי, ווי, וואס פאר א מייסעס ער פלעגט דאס אונז אנדערציילן! היינט זיינע לידלעך, וואס ער פלעגט שרייבן! אלע קינדער פלעגן זיי זינגען.

איך האב די שול ניט פארענדיקט, ווייל איך האב געדארפט גיין ארבעטן.

ס'איז דורך עטלעכע יאר, און איך האב זיך מיט אים געטראפן אף א [illegible]ינג. קארל מארקס איז ניט געווען פון די גרויסע רעדנער. נאר גערע[illegible] האט ער דייטלעך, איינפאך און צו דער זאך. מע האט אים אויסגעהערט אין טיפן שווייגן.

אז דער מיטינג האט זיך געענדיקט, האב איך שוין געוואלט אוועקגיין אהיים. איך האב זיך עפּעס געשעמט און עפּעס ווי מוירע געהאט צוצוגיין צו אזא גרויסן און וויכטיקן מאן, ווי דאקטער קארל מארקס. אבער ער האט מיך באמערקט און א רוף געטאן בא נאמען: „ווארט צו א ווײלינקע, האנס!" און דערנאך איז ער צו־געגאנגען און מיר דערלאנגט ביידע הענט און גלייך מיך פארגעשטעלט פאר די פירער פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג: „אט דאס איז מיין טייערער כאווער, האנס פריטשע."

מיר זיינען אלע אוועק אין א רעסטאראן צובייסן. אך, ווען דו וואלסט [illegible]ער, געהערט, ווי אזוי קארל מארקס האט גערעדט! ווי אזוי [illegible] [illegible]ערוויזן, אז די קאפּיטאליסטישע ארדענונג מוז פאלן!

ווען אלע זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען, איז ער מיט מיר אוועק אין דער רעדאקציע פון דער „ריינישער צייטונג". דעמאלט האב איך זיך ערשט דערוואוסט, אז ער שרייבט ארטיקלען, אין וועלכע ער פארטיידיקט די ארבעטער און פאלט־אן אף דער רעגירונג.

פון דעמאלט אן האבן מיר אנגעהויבן צו באגעגענען זיך גאנץ אפט. שפּעטער, אז די רעגירונג האט פארמאכט די „ריינישע צייטונג"

פאַר אירע רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען, איז קאַרל מאַרקס אַרויסגעפאָרן פון דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין פּאַריז. דאָס איז געווען אין יאָר 1843.

מיר האָבן אָנגעהויבן באַקומען די צייטונג „פאָרווערטס", אין וועלכער קאַרל מאַרקס און אַנדערע באַוואוסטע שרייבער און רעוואָלוציאָנערן האָבן געשריבן. אינגיכן האָט אָבער די רעגירונג אויך די דאָזיקע צייטונג פאַרמאַכט. מאַרקסן מיט נאָך עטלעכע זשורנאַליסטן האָט מען פון פראַנקרייך אַרויסגעשיקט.

די מאַטעריעלע לאַגע פון קאַרל מאַרקסן איז דעמאָלט געווען זייער געדריקט, נאָר קיינער פון אונדז האָט ניט געוואוסט. ער האָט ניט ליב געהאַט, מען זאָל וועגן דעם וויסן. נאָר ענגעלס, דערוויסנדיק זיך זיין אַדרעס, האָט אים אַרויסגעשיקט אַביסל געלט. דאָס איז אים גאַנץ גוט צונויץ געקומען.

אין 1847 יאָר האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, נאָר דאָס איז שוין געווען אין לאָנדאָן.

אין די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָט מען אַלץ מער גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף שאַפן אַ פאַראייניקונג צווישן די אַרבעטער פון אַלע לענדער, דאָס הייסט אַן אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל. קאַרל מאַרקס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין לאָנדאָן איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנגרעס (צוזאַמענפאָר), [illegible] צו באַטראַכטן די פּראָגראַם, וואָס מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט. מיינע כאַווירים האָבן מיך דעלעגירט צו דעם קאָנגרעס. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערינקע, קיינמאָל וועל אי- ניט פאַרגעסן די צען טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן קאָנגרעס!

קאַרל מאַרקס האָט געלייענט די פּראָגראַם, וואָס איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט". מאַרקס איז געווען פול מיט באַגייסטערונג. מיר אַלע זיינען געזעסן ווי פאַרקישעפטע. טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן, טרערן פון פרייד. און אַז ער האָט פאַרענדיקט די לעצטע שורע: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!" האָט אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן גענומען טרייסלען די שויבן. מיר האָבן געפּאַטשט ביז מעשוגע צו ווערן. מאַרקס האָט עס ניט ליב געהאַט. ער פלעגט שטענדיק פילן ניט גוט, ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן קאָוועד.

מאַרקס האָט די גאַנצע צייט זיינע אָפּגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל, גענומען אַן ערנסטן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע מיטינגען, געווען פאָרזיצער אויף די מיטינגען און אויסגעאַרבעט אַלע פּראָגראַמען און פאָדערונגען.

די לעצטע יאָרן פלעג איך זיך זייער אָפט זעען מיט מאַרקסן.

— איך מוז פאַרענדיקן מיין בוך „קאַפּיטאַל“, — האָט מיר איינ־מאָל מאַרקס געזאָגט אויף אַ שפּאַציר, — קיין מער וויכטיקע זאַך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג האָב איך ניט געטאָן. אויב איך וועל מיין ווערק ניט פאַרענדיקן, וועט קיין אַנדערער פאַר מיר די אַרבעט ניט אָפּטאָן. און צוליב דעם אַליין ווילט זיך מיר אַזוי לעבן.

—איך דאַרף דיר זאָגן, אַז די לעצטע יאָרן זיינע האָב איך אים געזען קימאַט שטענדיק אַ קראַנקן, און בעט. און קראַנקע[illegible] האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן זיין „קאַפּיטאַל“. אָבער [illegible] טויט האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט. (דעם 14טן מערץ, 1883 יאָר.)

נאָך זיין טויט האָט זיין בעסטער באַזער און פריינט, פרידריך ענגעלס, געבראַכט אין אָרדענונג דעם צווייטן און דריטן באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל“.

די ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז פאַרן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ענגעלס האָט זיך גענומען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. קיין אַנדערער וואָלט דאָס ניט געקענט טאָן. מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען אַזוי ווי אַ צווילינג.

איניקע באַווינדרים פלעגן זיי אין די אויגן רופן: „דער צווילינג“. אָבער ניט מאַרקס און ניט ענגעלס האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען באַליידיקט פון דעם.

מאַרקס גוטע פריינט האָבן זיך געקליבן אים צו שטעלן אַ דענק־מאָל פון בראָנז. נאָר דאַרף דען מאַרקס אַ דענקמאָל? זיין שאַפונג איז אים דער בעסטער דענקמאָל און ביז עס וועט זיך נאָך פירן דער גרויסער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, וועט שטענדיק, שטענדיק בא יעדערן אין האַרצן לעבן דער נאָמען פונם גרייסן מענטשן און גרויסן, גרויסן באַזער — קאַרל מאַרקס.

לערנען איז געווען קאַרל מאַרקס ______

קאַרל מאַרקס האָט דער ערשטער געוויזן דעם וועג, ווי ______

„פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, פאַראייניקט זיך!“ איז דער לאָזונג פון ______

# קאַרל ליבקנעכט.

— קוקט, זעט!

— אָט איז ער!

אַ מאַכנע אַרבעטער האָט זיך פאַרזאַמלט לעבן טורמע. זיי האָבן נאָר־וואָס אַראָפּגעוואָרפן די קייזערלעכע מאַכט אין דייטשלאַנד, זיי־גען זיי איצט געקומען באַפרייען זייער פירער — קאַרל ליבקנעכט.

די טירען פון טפיסע זיינען אויפגעפּראַלט. אָט איז ליבקנעכט! די יאָרן אין טפיסע זעען זיך אָף אים אָן, נאָר זיין שטאַרקייט האָבן

זיי ניט געבראכן.

— לעבן זאָל ליבקנעכט!

— לעבן זאָל קאַרל!

אַזוי הילכט עס צווישן די אַרבעטער. די ערשטע רייען האָבן זיך צו אים אַ לאָז געגעבן און אים אויפגעהויבן הויך איבער אַלעמענס קעפּ. איבער די געשרייען איז שווער געווען צו פאַנאַנדערשיידן, וואָס זאָגט ליבקנעכט. מ'האָט געקענט כאַפּן נאָר איינציקע ווערטער.

...שאַלעם!

...אַראָפּ דער קייזער...

...אַ גרויס דער סאָוועטן־רעפּובליק...

די פּראָצעסיע האָט זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. קאַרלען האָט מען געטראָגן אויף די הענט. און ווען אומיצער איז מיד געוואָרן, האָבן אים אַנדערע געטראָגן. אַזוי איז מען דערגאַנגען ביזן פּאַלאַץ. דאָ האָבן געלעבט די קעניגן פון דייטשלאַנד. איצט זיינען די טויערן פון פּאַלאַץ אָפן פאַר ליבקנעכטן. ער איז אַרויס אויפן באַלקאָן. ניט לאַנג נאָך האָט פון דעם דאַזיקן באַלקאָן גערעדט דער קייסער, שיקנדיק מי־ליטער אויף אומקומען. איצט איז דער באַלקאָן באַצירט געוואָרן מיט העל־רויטע טעפּיכער.

— כאַוויירים! — האָט אויסגעשריען ליבקנעכט, — קעמפט פאַר אַ פרייער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין דייטשלאַנד!

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט.

די וואָך פון פּאַלאַץ אויפן דאַך האָט אַראָפּגעלאָזט די קייזערלעכע פאָן, און אין דער לופט האָט אַ ווייַע געטאָן אַ רויטע פאָן.

— „זאָל לעבן פרייהייט און שאַלעם!"

און פּלוצים האָט ווי אַ דונער זיך געלאָזט הערן אַ זאַלפּ. אַ קנאַ־קעריי פון קוילנוואַרפער. פונוואַנען? פון פּאַלאַץ? אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן.

— זיי שיסן! זיי שיסן!

דער קאַמף פאַר אַ סאָוועטן־דייטשלאַנד האָט זיך אָקאָרשט אָנ־געהויבן. די אַרבעטער האָבן באַפרייט ליבקנעכטן. די קאַפּיטאַליסטן האָבן געשאַפן די ערשטע טיילן פון ווייסער גוואַרדיע.

דעם 15טן יאַנואַר 1919 איז דערשטיקט געוואָרן דער ערשטער פּראָלעטאַרישער אויפשטאַנד, דער ערשטער פּרואוו פון קאַמף פאַר סאָוועטן־מאַכט. דעם 16טן יאַנואַר האָט מען אַרעסטירט קאַרל ליב־קנעכטן.

ליבקנעכטן האָט מען געבראַכט אין האָטעל „עדען". דאָ איז געווען דער ווייסגוואַרדייאישער שטאַב. נאָך אַן אויספרעג האָט מען באַשלאָסן אים אָפּשיקן אין טפיסע אַריין.

אז מ'האָט ליבקנעכטן אַרויסגעפירט אויפן גאַניק, האָט אים דער וואַך־היטער באַם אַריינגאַנג דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט דער ביקס איבערן קאָפּ. אָפּגייענדיק מיט בלוט, איז ליבקנעכט קוים־קוים צו־געקומען צום אויטאָמאָביל. אינמיטן וועג האָט מען אים פאַרגעלייגט אַרויסגיין און גיין ווייטער צופוס, ווייל דער אויטאָמאָביל איז קלוי־מערשט קאַליע געוואָרן. ליבקנעכט האָט נאָך ניט באַוויזן צו מאַכן עטלעכע שפּאַן, האָט דער אָפיציר האַרטינג אויסגעשאָסן אים אין פּלייצע און האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן אָרט.

גלייך נאָך ליבקנעכטן האָט מען געהאַרגעט אויך ראָזע לוקסעמ־בורג, קאַרלס מיטהעלפערן פון די ערשטע טעג פון מילכאָמע. מ'האָט זי אַרעסטירט אינאיינעם מיט קאַרלען. אין אַ פערטל שעה אַרום נאָך קאַרלען האָט מען זי אויך אַרויסגעפירט אויפן גאַניק פון האָטעל. דער־זעלביקער וואַך־היטער האָט איר געגעבן איבערן קאָפּ. אויפן וועג האָט דער אָפיציר פאָגל זי דערשאָסן. די סאָלדאַטן האָבן צוגעבונדן אַ מאַסע צו אירע פיס און אַריינגעוואָרפן זי אין טייך אַריין. ערשט אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען איר קערפּער.

קאַרל ליבקנעכט האָט געפירט די אַרבעטער פון דייטשלאַנד אין קאַמף פאַר ______________________________

ער און ראָזע לוקסעמבורג זיינען געפאַלן, ווען די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון די ______________________________

# ליד פון דער קאָמפּאַרטיי

פון ב. קאַץ

אויף די ראָגן פון דער גרויס־שטאָט אין געפילדער און געשריי

האָב איך געהערט דיין נאָמען רופן: קאָמפּאַרטיי!

באַ מאַשינען שאַרפע נאָדלען שטעכן אַ געניי,
האָבן יונגן הויך געזונגען פון דער קאָמפּאַרטיי!

אין אַרבעטער־קלובן באַ ברויט מיט טיי
גייט הייסער גערייד פון קאָמפּאַרטיי.

גייען פיקעטס שטאָל און אייזן ריי נאָך ריי,
טראָגן לאָזונגען און רופן פון דער קאָמפּאַרטיי.

ווילדע סאָנים שאַרפן שפּיזן, שאַרפן זיי —
זינגען מיר דאָס ליד פון זיג, ליד פון קאָמפּאַרטיי!

# ערשטער יוניט פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי אין דער טיפער סאַוט.

פון טאָם דזשאָנסאָן

איך האָב באַגעגנט סעמען אין דער זעלביקער נאַכט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין סטילטאָן. איך בין דעמאָלט געווען דער ערשטער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איז געקומען אין דעם טייל פון דער סאַוט.

די אינסטרוקציעס, וואָס איך האָב געקראָגן, זיינען געווען:

„פאָר קיין סטילטאָן. פאַרבינד זיך מיט די דאָרטיקע נעגערישע און ווייסע אַרבעטער און בוי די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. שיק צו באַריכטן צום צענטער.״

אין דער גאַנצער געגנט האָבן מיר געהאַט נאָר איין פאַרבינדונג. דאָס איז געווען סעם בעקמאַן, אַ לייענער פון דער „פרייהייט״.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער באַס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער קאָלטער, טונקעלער סטאַנציע. ס'איז שוין געווען שפּעט. געלט האָב איך געהאַט ווייניק. האָב איך דערפאַר באַשלאָסן גלייך אויפצוזוכן בעקמאַנען און שלאָפן בא אים.

איך בין געגאַנגען דורך די נעגערישע גאַסן, וועלכע האָבן אויסגעזען פאַרלאָזן. ענדלעך האָב איך געפונען דעם נומער פון דעם הויז. דאָס איז געווען אַ קרעמל אין אַן אַלטן הויז. דאָס קרעמל איז געווען פאַרמאַכט און פינצטער. איך האָב צוגעדריקט מיין פּאָנעם צו דער שויב און באַמערקט טיף אינעווייניק אַ שוואַך ליכט.

איך האָב דרייסט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אין צוויי מינוט אַרום איז געוואָרן ליכטיק. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ הויכע פיגור — אין לאַנגע לייווענטענע הויזן. פון זיין באַוואַקסענעם פּאָנעם האָבן געקוקט אויף מיר אַ פּאָר אומעטיקע אויגן.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— דאָ וואוינט סעם בעקמאַן?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

— איך האָב צו אייך אַ בריוו פון דער „פרייהייט״.

— פון דער „פרייהייט״? איך ווייס, הייסט עס, אַ כאַווער?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—אַ כאַווער! אַ כאַווער אין סטילטאָן! קומט אַריין, טייערער באַווער!

ער האָט מיך אַרומגענומען און אַריינגעפירט אינעווייניק.

— פאַלער! — האָט ער אַ רוף געטאָן צו אימעצן, וואָס האָט זיך

געפֿונען הינטער אַ פֿאַרהאַנג, — קום אַהער גיך! אַ כּאַוועַר פֿון דער נאָרט איז געקומען.

סע האָט געהאַלטן זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל און שנעל אַ פֿיר געטאָן דעם פֿאַרהאַנג. אַ מאַן האָט זיך האַסטיק אױפֿגעזעצט אין בעט און געבליבן שטאַרק איבערראַשט.

קיינער פֿון אונז איז די נאַכט ניט געשלאָפֿן. יאָרן־לאַנג זײַנען די צוויי געווען אָפּגעריסן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג. זיי האָבן מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגעס. און צווישן איין פֿראַגע און דער אַנדערער האָבן זיי מיר דערציילט:

ביידע זײַנען געווען נאָדל־אַרבעטער. דער קריזיס פֿון 1921 האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿן אין גאַס. זיי האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן און זיך אַזוי דערקליבן ביז צו דער סאַוט. דאָ האָבן זיי געטאָן פֿאַרשידענע אַרבעטן, ביז זיי האָבן אויפֿגעזאַמלט ווײַערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע פּעניס און געעפֿנט דאָס קליינע, נעבעכדיקע קרעמל.

סע האָט זיך געהיצט:

— מיר האָבן געפּרוּווט אַגיטירן, אַנטוויקלען אַ באַוועגונג, אָבער מיר זײַנען דאָך פֿרעמדע — ייִדן. אָבער איצט וועט אַלץ זײַן אַנדערש! מיט דיר, מיט אַן אַמעריקאַנער, וועלן מיר אַרבעטן. דו זאָג נאָר וואָס און ווי אַזוי צו טאָן, און — מיר וועלן טאָן. מיר וועלן בויען די פּאַרטיי! איך גיב מײַן וואָרט!

און סע האָט געהאַלטן וואָרט.

זײַן קרעמל איז מאָנאַטן־לאַנג געווען אונזער הויפּט־קוואַרטיר. אין דער גרויסער בעט פֿלעגן מיר שלאָפֿן זאַלבעדריט און אַמאָל זאַלבעפֿערט. מיר פֿלעגן עסן די שפּײַז פֿון קרעמל. מיר האָבן באַדעקט די ווענט מיט קאַלדרעס, כּדי דער קלאַנג פֿון טײַפּרײַטער זאָל זיך ניט הערן און צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די קוינים און שכנים.

אָט אין דעם צימער האָבן מיר אָפּגעדרוקט דעם ערשטן קאָמוניסטישן ליפֿלעט, וואָס איז דערשינען ניט נאָר אין סטילטאָן, נאָר אויך אין דעם גאַנצן סטייט.

אַכט מענער, פֿיר נעגערן און פֿיר ווײַסע האָבן מיר איינמאָל שפּעט באַנאַכט זיך צונויפֿגעקליבן אין דעם צימערל און הינטער פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער אָרגאַניזירט דעם ערשטן יוניט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער טיפֿער סאַוט.

טשאַרלס רוטענבערג איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון ____________

דער סעקרעטאַר פֿון דער __________ איז איצט ____________

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דער פֿאַרבאַנד __________

דער אַמעריקאַנער נעגער.

אַרעמקייט צווישן נעגערן.

רושים קראַאיום.

ראַסן־דיסקרימינאַציע.

די על. עם. ען. אַר.

די אַי. על די.

לינקאָלן.

וואַשינגטאָן.

---

וואַנט־צייטונג:

קלאַסן־קאַמף און די נעגערן.

צייט:

פון 1טן פעברואַר ביז 1טן מערץ.

# די סקאָטסבאָרער אינגלעך

פֿון ב. פרידמאַן

אין טויט־שרעק, אין בירמינגהאַם־טורמע,
ליגן ניין אינגלעך פאַרגראַטעוועט:
צו דיר, צו מיר, צו אונז אַלעמען —
דאָס אײנציקע וואָרט זייערס: ראַטעוועט!

פון שטיבלעך, צעפוילטע פון כוישער,–
וואו שטראַלן ווי ליכטלעך צאַנקען —
פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר אונז אַלעמען —
סקאָטסבאָרער מאַמעס געדאַנקען — — —

האָפענונג פון סקאָטסבאָרער מאַמעס
צאַפלט, ווי וואונדיקע פויגלען —
צו דיר, צו מיר, צו אונז אַלעמען —
מאַמעס פאַרלאָפענע אויגן — — —

עס קוקט דער עלעקטרישער שטול
אַדורך צו די אינגלעך דורך גראַטעס —
צו דיר, צו מיר, צו אונז אַלעמען —
שלאָפלאָזע נעכט פון די טאַטעס — — —

מיר וועלן די אינגלעך באַפרייען,
זיי טאָרן ניט ווערן פאַרברענט!
מיר וועלן די אינגלעך באַפרייען
פון לינטשערס פאַרבלוטיקטע הענט!

ווער איז געווען דער ארבעטער־קעמפער, וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער אַ סאַך לענדער, צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די סקאָטסבאָראָ אינגלעך? ____________ לעבט ער נאָך? __________

לערן דאָס ליד אַף אויסנווייניק.

# אַנדזשעלאַ הערנדאָנס פאַמיליע

מיין עלטער־באָבע איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגע מיידל. זי איז געווען ווייער אַ שיינע.

איינמאָל זיינען עטלעכע ווייסע יונגעלייט זי באַפאַלן. זיי האָבן זי אומגעוואָרפן, געבונדן מיט שטריק און געשלאָגן, ביז בלוט האָט זיך געגאָסן.

דערנאָך האָבן זיי איינגעריבן אירע וואונדן מיט זאַלץ און פעפער.

מיין באָבע איז אין דער צייט פון בירגער־קריג נאָך געווען אַ יונג קינד. זי געדענקט אָבער, ווי איינמאָל זיינען צו זיי אין קאַבין גע־קומען ווייסע מענטשן. זיי האָבן געכאַפּט איר שוועסטער, צוגעבונדן זי צו אַ בוים און הורבגעלעבערט איר קערפּער מיט קוילן.

די באָבע אַליין האָט זיך באַהאַלטן. און עס האָט זיך דער באָבען איינגעגעבן צו אַנטלויפן אַ לעבעדיקע.



מיין טאַטע איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ מיינער. ער איז גע־שטאָרבן פון ניומאָניע, ווען איך בין נאָך געווען זייער קליין. די מאַמע איז געבליבן אַליין מיט אַכט קינדער — זעקס אינגלעך און צוויי מיידלעך.

די מאַמע איז אַוועק אַרבעטן אין רייכע הייזער. און די קינדער האָבן אויך געמוזט נעמען זיך צו שווערער אַרבעט.

אנדזשעלא הערנדאָן איז דערווייל באַפרייט געוואָרן, ביז אַ נייעם „טריעל”. מ'האָט אים פאַרמישפּעט צו 20 יאָר „טשעין־געינג”. ווער האָט געפירט דעם קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג? -

די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געפירט דעם קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג, פירט אין דערזעלביקער צייט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון 1) ——— ——— 2) ——— און פון אַלע אַרעסטירטע אַרבעטער־קעמפער.

# אַ נעגער־מאַמע צו איר קינד

פון וו. דזשעראָם

הער אויף וויינען, אייפּעלע,
אומזיסט איז דיין געוויין.
גומי־ניפּל, מאַמעס ברוסט
איז טרוקן, ווי אַ ביין.

מאַמע איז אַ באַלשעוויק,
און טורמע מאַמע פירט.
ניט געגאַנוועט, ניט גערויבט,
אַרבעטער געפירט.

וואָס זשע טויג דערציילן דיר,
אייפּעלע, מיין קינד.
וועסט אַליין פאַרשטיין אַמאָל,
ביסט נאָך איצט אַ קינד.

איך וואָלט געוואָלט אַ יאַם מיט מילך
זאָל שטאַרקן דיינע הענט.
מאַמע וואַרט, זאָלסט קומען, זון,
ברעכן טורמע־ווענט.

אַנטאָנימען:

געפירט ______ וויינען ______
שטאַרק ______ געוויין ______
שטאַרקן ______ טרוקן ______

# דער קליינער טאָם.

דער קליינער טאָם ווייסט שוין גוט וואָס עס מיינט דזשים־קראָיזם. ער גייט נאָר אַרויס פון גאַס, וואו עס וואוינען נעגערן, און גייט אַריין אין דער גאַס, וואו עס וואוינען ווייסע, שרייען ווייסע קינדער אף אים.

— שמוציקער נעגער! גיי אוועק! גיי פון דאנען!

טאם ווייסט, אז ער טאר ניט זיצן אין דער קאר צוזאמען מיט די ווייסע. ער טאר ניט גיין אין א מואווי, ווען ווייסע זיינען דארט פאראן.

א סאך פארקס זיינען פאר אים פארמאכט. ער טאר ניט, ווייל ער איז א נעגער. קענן נעגערן זיינען פאראן די דזשים־קראו געזעצן.

טאמס טאטע איז אן ארבעטער. ער טוט די שווערסטע, שמוציקסטע ארבעט, ווייל ער איז א נעגער.

אין א שול, וואו ווייסע קינדער לערנען זיך, נעמט מען טאמען ניט אריין. שולן פאר נעגער קינדער זיינען פאראן ווייניק.

היינט אבער האט זיך געטראפן א מאדנע זאך. אין דער פרי, ווי נאר טאם איז אויפגעשטאנען, האט דער טאטע זיך אנגעטאן אין יאנטעוודיקע קליידער און געזאגט צו זיין אינגל:

— טו זיך אן א ריין העמדל, מיר וועלן גיין צו אונזערע פריינט. זיי האבן עפעס גוטס צוגעגרייט פאר די קינדער.

טאם קען זיין טאטנס פריינט. זיי זיינען שוין אמאל געווען בא זיי אין הויז. זיי זיינען פונקט אזעלכע ווייסע, ווי די וואס פארשעמען אים און רופן אים שמוציקע נעמען. אבער דעם טאטנס פריינט זיינען גאר אנדערע מענטשן. זיי זיינען עמעסע גוטע כאווירים, אזעלכע ארבעטער ווי זיין טאטע. זיי האבן זיין טאטן אויך אריינגענומען אין דער יוניאן.

דער טאטע האט אנגענומען טאמען פאר דער האנט און זיי זיינען גיך־גיך געגאנגען.

— אט דא איז עס, — האט דער טאטע געזאגט, — מיר האבן זיך א ביסל פארשפעטיקט. דער יאנטעוו האט זיך שוין אנגעהויבן.

אין א גרויסן ליכטיקן צימער זיינען ארומגעלאפן קינדער. קינדער, שווארצע ווי טאם, און אויך ווייסע.

צו טאמען איז צוגעגאנגען א הויכע ווייסע מאנטע מיט ווייסע האר.

— א גוט מארגן! ווי רופט מען דיך, קליין כאווערל?

טאם האט זיך זייער דערשראקן און עס האט זיך בא אים ארויסגעכאפט:

— דזשים.

— ער הייסט טאם, — האט דער טאטע פאריכט, — ער וויל זיך זייער לערנען.

— זייער גוט. אט הויבט זיך אן א נייע שפיל. עס פעלט אויס איין כאווער, קעדיי עס זאל זיין א פאר.

די ווייסע טאַנטע האָט טאָמען צוגעפירט צו אַ קליינעם ווייסן אינגל און געזאָגט:

— טאָם, אָט האָסטו אַ כאַווער, זיין נאָמען איז דזשאַן. באַקענט זיך און שפּילט זיך.

— טאָם! — האָט דער אינגל פריילעך אויסגעשריען, — איך האָב אַ ברודער, הייסט ער אויך טאָם. ער איז איצט אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

טאָמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז גאָר אַ כאַלעם. ס'איז אַזוי גוט, אַז מען רופט דיך נישט: ניגער, און מען שפּילט זיך צוזאַמען ווי כאַווירים.

מיטאַמאָל האָט מען פון גאַס דערהערט, ווי עס מאַרשירן אַ סאַך מענטשן און מוזיק שפּילט. אַלע קינדער זיינען צוגעלאָפן צו די פענצטער. זיי האָבן דערזען:

עס גייען אַ סאַך אַרבעטער, ווייסע און שוואַרצע. זיי טראָגן רויטע פאָנען און זינגען לידער. די קינדער האָבן געפּאַטשט און גע־קלאַפּט מיט די הענט.

די ווייסע טאַנטע האָט דערקלערט די קינדער:

— היינט איז אַן אַרבעטער יאָנטעוו. מיט זעכצן יאָר צוריק האָבן די אַרבעטער פאַרטריבן די באַלעבאָטים פון דעם לאַנד, וואָס האָט געהייסן רוסלאַנד. זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַ סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ לאַנד, וואו עס זיינען נישטאָ קיין באַלעבאַטים. ווייסע און שוואַרצע זיינען דאָרט גלייך. און די אַרבעטער פירן דאָס לאַנד.

אין דער מינוט האָט אויף דער גאַס אימיצער אויסגעשריען.

— זאָל לעבן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד! זאָל לעבן די איינִיקייט פון די ווייסע און שוואַרצע אַרבעטער!

דער גאַנצער עולעם האָט געענטפערט מיט אַ הוראַ.

טאָם האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי גוט עס איז צו לעבן אין אַ לאַנד, וואו עס זיינען נישטאָ קיין דזשים־קראָו געזעצן, און אַלע זיינען גלייך.

ער האָט אַ צי געטאָן דזשאָנען פאַר דער האַנט און אויסגערופן:

— אָ, דזשאָן, ווי גוט עס וועט זיין, ווען מיר וועלן לעבן דאָ, ווי די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

ווער קעמפט קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע?

די באַסעס ווילן צעטיילן די אַרבעטער אויף ווייסע און שוואַרצע. פאַר־וואָס?

אין וועלכן לאַנד איז נישטאָ קיין ראַסן־דיסקרימינאַציע?

# לינטש

פֿון סאָרע באַרקאַן

נאַכט און שטערן. וואַלד איז שטום.
אַ בוים איז גלייך. אַ בוים איז קרום.
אַ יונגער קערפּער, ברוין און שווער
וויגט זיך, וויגט זיך הין און הער.

זיין פּאַנעם בלוי. די אויגן גרויס.
אַף האַלז אַ שטריק. די צונג אַרויס.
אין קראַמף די פּיס. אין קראַמף די הענט.
און אונטער אים אַ פייער ברענט.

וויקלט איין דער פלאַם זיין גוף,
בייסט זיין לייב און עסט אים אויף.
די לינטשער טאַנצן אומפאַרשעמט
און רייסן שטיקלעך פון זיין העמד.

מע גייט אַהיים, מען לאַכט, מען שפּאַסט.
מען גייט אין קלויסטער און צו גאַסט. —
זיין מאַמע שטייט באַם אַש און קלאָגט.
—די נאַכט פאַרשווינדט. אין וואַלד עס טאָגט.

| אײנצאָל: | מערצאָל: |
| --- | --- |
| וואַלד איז שטום | ________ |
| אַ בוים איז גלייך | ________ |
| אַ יונגער קערפּער | ________ |
| די צונג אַרויס | ________ |
| וויקלט איין דער פלאַם | ________ |

„טוט די לינטשערס!" איז אַ לאָזונג פון דער ______________

לערן דאָס ליד אַף אויסנווייניק.

# דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג.

דער בירגער־קריג פון יאָר 1861 איז ניט אָנגעקומען פּלוצלונג. אַ סך יאָרן האָט דער קאַמף צווישן די רייכע פאַבריקאַנטן פון דער נאָרט און די שקלאַפן־האַלטער פון דער סאַוט געפירט זיך אין דער שטיל, ביז ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ בלוטיקן בירגער־קריג.

אין די שטאַטן פון דער נאָרט האָבן געהערשט די פאַבריקאַנטן. עס איז געווען די צייט פון גרויסע דערפינדונגען. מען האָט געבויט אַ סך פאַבריקן, אייזנבאַנען און דאַמף־שיפן. שטאַטן און טעריטאָריעס זיינען שוין מער ניט געווען אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער, נאָר זיי זיינען געוואָרן מער פאַרבונדן.

אין דאָרעם האָט געהערשט דער פּלאַנטאַטאָר. ער האָט געפּלאַנצט טאַבאַק, באַוול, רייז און צוקער. ער האָט זיינע פעלדער באַאַרבעט מיט די הענט פון נעגער־שקלאַפן.

די פאַבריקאַנטן פון צאָפן האָבן זיך געוואָלט אומעטום אויסשפּרייטן. זיי האָבן ניט געדאַרפט קיין געקויפטע נעגער־שקלאַפן. זיי האָבן זיך גענויטיקט אין „פרייע” אַרבעטער־הענט. אַז זיי אַרבעטן, צאָלט מען זיי, אַז — ניט, שיקט מען זיי אַוועק.

ביידע טיילן פון לאַנד האָבן געוואָלט קאָנטראָלירן די גאַנצע רעגירונג. אַ סך פּאָליטישנס האָבן געוואָלט דעם קאַמף פאַרגלעטן. אָבער דער קאַמף איז געווען צו שאַרף, און ער האָט געמוזט פירן צו אַ בירגער־קריג.

אין יענער צייט זיינען געווען טעטיק די אַבאָליציאָניסטן. דאָס זיינען געווען פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פאַרמער, שמידן, באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן פיינט געהאַט שקלאַפעריי. זייערע פירער זיינען געווען גערריסאָן, ווענדל פיליפּס, לינדי און פּאַרקער, אָבער סיי די אינדוסטריאַליסטן פון דער נאָרט און סיי די פּלאַנטאַטאָרס פון דער סאַוט האָבן זיי אויסגעלאַכט און פאַרפאָלגט. זיי האָבן שטאַרק געליטן פאַר זייערע געדאַנקען.

אין יאָר 1859 האָט איבערן לאַנד אָפּגעקלונגען דער נאָמען פון דזשאָן בראַון. בראַון איז געווען אַן אַבאָליציאָניסט פון קענזעס. ער איז געקומען אין ווירדזשיניע און אָפּגעדונגען אַ הויז אין דעם שטעטל האַרפּערס פערי. דאָרטן האָט זיך געפונען אַ געווער־אַרסענאַל פון דער רעגירונג. זיין פּלאַן איז געווען: פאַרכאַפּן דאָס געווער פון דעם אַרסענאַל, באַוואָפענען די אַבאָליציאָניסטן און די נעגער און אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד פון די שקלאַפן.

דעם 17טן אָקטאָבער באַנאַכט האָט ער צונויפגעקליבן אַ גרופּע פון ניינצן מענטשן. צווישן זיי זיינען געווען זיינע פיר זין. ער האָט

אויסגעלאָשן די פייערן, איבערגעריסן די טעלעגראַפישע דראָטן, אָנגע־כאַפּט די וועכטער און פאַרכאַפּט דעם אַרסענאַל.

עס איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי און עס זיינען געפאַלן טויטע פון ביידע זייטן.

נאָכדעם איז אָנגעקומען מיליציע און מאַרינען.

דזשאָן בראַון האָט נאָך געהאַט צייט צו אַנטלויפן אין די בערג. אָבער ער איז ניט אַנטלאָפן. לעבן אים איז געלעגן איין זון אַ טויטער, דער צווייטער — אַ פאַרוואונדעטער. מיט איין האַנט האָט ער גע־גלעט זיין פאַרוואונדעטן זון און מיט דער צווייטער האָט ער געהאַלטן אַ ביקס און געשאָסן.

די סאָלדאַטן האָבן אים געפאַנגען. מען האָט אים אָנגעקלאָגט אין פאַראַט און פאַרמישפּט צו הענגען.

ער איז די גאַנצע צייט געווען רואיק און געלאַסן. פאַרן טויט האָט ער געשריבן אַ בריוול צו זיינעם אַ פריינט:

„ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער פאַרגעניגן צו וויסן, אַז איך שטאַרב פאַר אַ גוטער זאַך."

צו דער ווייב האָט ער געשריבן:

„מיין געשטאַלט איז רואיק און פול מיט פרייד."

אַז מען האָט אים געפירט הענגען, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן און געזעצט זיך אויפן טויטן־קאַסטן, וואָס מ'האָט פאַר אים צו־געגרייט.

ער איז אַליין צוגעגאַנגען צו דער שטריק און העלדיש באַגעגנט זיין טויט.

די הערשער פון דער נאָרט און פון דער סאַוט האָבן דזשאָן בראַונען אויסגעלאַכט און כויזעק געמאַכט פון זיין קאַמף.

אין יאָר 1861 איז דער קאַמף צווישן דער נאָרט און דער סאַוט איבער אין דעם בירגער־קריג.

לינקאָלן, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין יענער צייט, איז ניט געווען פאַרינטערעסירט אין דער באַפרייאונג פון די נעגער־שקלאַפן. ער איז געווען דער פירער פון די אינדוסטריאַליסטן פון דער נאָרט צו קריגן די מאַכט אין זייערע הענט. דער בירגער־קריג איז געווען אַ בלוטיקער און פאַרצויגענער. אין מיטן דער מילכאָמע האָט לינקאָלן אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט צו באַפרייען די נעגערן. דאָס איז געווען אַ מיטל צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די פּלאַנ־טאַטאָרס פון דער סאַוט און אויך אַ מיטל, אַריינצוקריגן די נעגערן אין זיין אַרמיי.

די נעגער זיינען באפרייט געווארן פון לייב־שקלאפעריי. זיי זיינען געווארן לוין־שקלאפן, ווי די ווייסע ארבעטער, מיט א צוגאב פון שווידערלעכע דזשים־קראו געזעצן.

דער בירגערקריג אין אלטן רוסלאנד האט איבערגעגעבן די פעלדער און פאבריקן אין די הענט פון די ארבעטער און פויערים. איז דאס וועלכע פארגעקומען נאכן אמעריקאנעם בירגערקריג?

ס י נ א נ י מ ע ן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פלוצלונג | ________ | צונויפגעקליבן | ________ |
| פאבריקאנטן | ________ | געפאנגען | ________ |
| טעטיק | ________ | פארגעניגן | ________ |
| נעווער | ________ | העלדיש | ________ |
| אויפשטאנד | ________ | פאיעטע | ________ |

# דער גייסט פון סימאן לעגרי

פון מ. בירנבוים

אין קייטן געשמידט, אין אייזערנע שטייגן,
ווי כייעס, געכאפטע פון יעגער,
האבן די הערשער־פיראטן פון דזשאנגל געבראכט
די שטארקע שווארץ־הויטיקע נעגער.

געבראכט זיי פון דזשאנגל, די נעגער,
און ווי אקסן אין יאך זיי געשפאנט.
זיי געלערנט מיט ביקס און מיט בייטשן
צו פאלגן דעם וואונק פון דער האנט.

געלערנט זיי יעזוסעס לערע,
אז גאט נאר אליין איז גערעכט.
ס'איז באשערט זיי, די קינדער, די שווארצע,
בא ווייסע פלאנטאטארס זיין קנעכט.

אפילע גאטס זון, דער דערלייזער,
האט געטראגן פון דערנער א קרוין.
דו, נעגער, א שקלאף זיי באם לעבן,
אף יענער וועלט קריגסטו דיין לוין.

וועלכע פארטיי קעמפט פאר דער גלייכבארעכטיקונג פון די נעגערן?

דערקלער דעם זאץ: לינקאלנס באפרייאונג האט געמיינט, אז די נעגערן ווערן פארוואנדלט פון לייב־שקלאפן אין לוין־שקלאפן.

# וואַשינגטאָן און לענין

דעם 22טן פעברואר, 1732, איז אין אַמעריקע געבאָרן געוואָרן אַ אינגל, וועלכער האָט שפּעטער, אַלס גענעראַל, געהאָלפן די פּאַריי־ניקטע שטאַטן צו באַפרייען זיך פון ענגלאַנדס הערשאַפט.

און אין יאָר 1870 איז אין צאַרישן רוסלאַנד געבאָרן געוואָרן אַ אינגל, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן אין דעם קאַמף צו באַפרייען די אַרבעטער און פּויערים פון זייערע באַלעבאַטים און פּריצים אויף אַ זעקסטל פון דער ערד.

ביידע, וואַשינגטאָן און לענין, האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט. אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד איז געווען צווישן ביידע קאַמפן!

וואַשינגטאָן האָט געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דעם יונגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון די דרייצן קאָלאָניעס. פאַר די אַרבעטער־מאַסן האָט דער קאַמף געמיינט: איבערבייטן די ענגלישע הערשער אויף היימישע הערשער. עס איז געווען אַ קאַמף פון דעם יונגן קאַפּי־טאַליסטישן קלאַס פאַר דעם רעכט צו קויפן און פאַר־קויפן: אַז דער יונגער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, עקספּלואַטירנדיק די אַרבעטער און פאַרמער, זאָל קאָנען פאַרקויפן די פּראָדוקטן אויף די מערק אָן ענגלאַנדס דערלויבניש, און אין דער זעלביקער צייט האָבן דאָס רעכט צו קויפן פאַר זיך פּראָדוקטן נישט נאָר פון ענגלאַנד, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען וואַשינגטאָנס קאַמף!

וואָס זעען מיר איצט אין אַמעריקע אַ סך יאָרן נאָך דעם קאַמף?

מיליאָנען מענטשן הונגערן. צוועלף מיליאָן נעגערן זיינען שרעקלעך אונטערדריקט. און די גרויסע אוצרות פון דעם לאַנד, וועלכע די אַרבעטער און פאַרמער האָבן געשאַפן, געהערן צו אַ קליינעם קלאַס, דער בורזשואַזיע.

אָבער לענינס קאַמף פאַר פרייהייט איז געווען דער קאַמף, וועל־כער האָט באַפרייט די אַרבעטער און פּויערים און איבערגעגעבן אין זייערע הענט די פאַבריקן, די מיינס און די ערד. לענינס קאַמף האָט אָפּגעשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם, די סיסטעם פון אַרבעטלאָזיקייט, נויט און הונגער. אנשטאָט אַ קליינער גרופּע, וועלכע פאַרמאָגט אַלץ און לעבט אין לוקסוס, איז דאָס לאַנד אַריבער אין די הענט פון די מיליאָנען אַרבעטער און פאַרמער!

דאָס איז די עמעסע פרייהייט, פאַר וועלכער עס אָרגאַניזירן זיך צו קעמפן אויך די אַמעריקאַנער אַרבעטער און פאַרמער.

שרייב אָן צוויי פּאַראַגראַפן: 1) וואַשינגטאָנס קאַמף פאַר פרייהייט און 2) לענינס קאַמף פאַר פרייהייט.

# אַרבעטער-קאַמף

8טער מערץ — אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־טאָג.

מוטער־טאָג.

די פרויען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער קאַמף קעגן קריזיס.

אַרבעטלאָזע קאָנגרעס. הונגער־מאַרשן און עווי־קשאַנס.

קאַמף פאַר אַרבעטלאָזער און סאָציאַלער פאַר־זיכערונג.

ט. י. י. על.

פאַסטער (אין פאַרבינדונג מיט ט. י. י. על.).

די פאַרזיער קאַמוּנע.

---

וואַנט־צייטונג:

אַרבעטער־קאַמף.

צייט:

פון 1טן מערץ ביזן 1טן אַפּריל.

אכטער מערץ
אינטערנאציאנאלער פרויען־טאג!
קאמף־טאג פון דער ארבעטער־מאמען!

# די ארבעטער־פרוי

פון ב. פרידמאן

די פרוי איז פון קאמפן געווען אפגעזונדערט,
געארבעט אין הויז, ווי א קנעכט.
זי קעמפט מיטן מאן איצט אנטקעגן די הערשער
פאר פרייהייט, פאר ארבעטער־רעכט!

ניט נאר א ווייב און א מאמע צו קינדער,
זי ווערט אויך א כאווער אין שטרייט!
אף פיקעט־ליין און אין די טעגלעכע קאמפן —
די פרוי האט איר לעבן באנייט!

מיטן מאן אין דעם שאפ, צי אין שטוב מיט די קינדער —
א טייל פון דעם קאמף־קאלעקטיוו, —
וואס קאן, ווי דער מאן, קעגן סוינע זיך שטעלן,
וואס קאן, ווי דער מאן, זיין אקטיוו!

אין קאמף פאר קאמונע, אין קאמף פאר סאוועטן
האט ארבעטער־פרוי זיך געשטעלט!
איצט שליסט זי זיך אן אין אנטשידענע קאמפן
פאר גאנ־ער סאוועטישער וועלט!

ס'איז מערץ היינט, דער אכטער — דער קאמף־טאג פון מאמעס,
פון שאפ און פון ארבעטער־שטוב!
זיי שליסן די רייען, זיי העלפן אונז גראבן
פאר בלוטיקע הערשער די גרוב!

שרייבט א בריוו צו דער מאמען. דערקלערט איר די וויכטיקייט פון אינטערנאציאנאלן פרויען־טאג.

# דאָס צעריסענע טיכל.

פֿון נ. סינגאַלאָווסקי

סעמי און בערנאַרד זיינען געווען כאַווירים. זייערע עלטערן, זיינען איך געווען כאַווירים און אַלטע פריינט.

האָט מען בוירנין געשיקט אין טאַלמוד־טוירע. זונטיק איז ער גע־גאַנגען אין „סאַנדעי־סקול״. אין פּאַבליק סקול האָט מען אים אַריינ־גענומען אין די באָי־סקאַוטס.

סעמין, פאַרקערט, האָט מען אַוועקגעגעבן אין אַ אידישער אַרבע־טער־שול און ער איז דאָרט געוואָרן אַ פּיאָנער:

האָבן זיך ביידע אינגלעך אָנגעטאָן אין רויטע טיכלעך (באָי־סקאַוטס טראָגן איך רויטע טיכלעך...) און פון דערוייטנס האָט מען אַפּילע ניט געקענט וויסן, אַז די צוויי קינדער זיינען ווייט איינער פון דעם אַנדערן.

בוירני האָט געוואוסט, אַז סעס געהערט צו די רויטע און אַז די רויטע זיינען אַלע פרעמדע, וואָס ווילן אומברענגען דאָס לאַנד. און סעמי האָט געהערט, אַז מען לערנט די באָי־סקאַוטס פאַרטיידיקן די קאַפּיטאַליסטן און — זיי זאָלן פיינט האָבן אַלע אָרעמע מענטשן.

האָט בוירני גערופן סעמין: „רויטער״, און סעמי — יענעם: „שקלאַף״. זיי האָבן זיך איינמאָל אַזוי צעשלאָגן, אַז מען האָט זיי קוים צענומען.

בוירני איז אַוועק צום לערער אין פּאַבליק־סקול און אים דער־ציילט, אַז סעמי איז אַ רויטער, וואָס וויל אומברענגען אַמעריקע. האָט מען געשיקט רופן סעמין און מען האָט אים געפרעגט, צי ס'איז עמעס. האָט ער געענטפערט. „יאָ, איך בין אַ רויטער, אָבער — ווער עס זאָגט, אַז איך וויל אומברענגען אַמעריקע, — דער איז אַ ליגנער.״

סעמין האָט מען דערפאַר באַשטראָפט.

האָט ער פאַרנאַכט געפרעגט דעם לערער אין אַרבעטער־שול:

— פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי? בוירני איז אַן אָרעם אינגל און באַלאַנגט צו די רייכע. און בוירני איז, דאַכט זיך, ניט קיין נאַרישער.

— ווער איז בוירני? — האָט אים דער לערער געפרעגט.

ער האָט דערציילט דעם לערער די גאַנצע מייסע מיטן געשלעג...

— מיט קריג און מיט געשלעג וועסטו גאַרניט מאַכן, — האָט דער לערער געזאָגט. — דו וועסט מיט דיין בוירנין צוריק כאַווער און דער־קלער אים, אַז ער איז ניט נאָר דיינער אַ סוינע, — נאָר ער איז אויך אַ סוינע פון זיין טאַטן און פון זיין מאַמען, ווייל ער געהערט צו מענטשן, וואָס האָבן פיינט אָרעמע, און זיינע עלטערן זיינען דאָך אויך אָרעמע...

בירני האט זיין לערער — דעם אנפירער פון דער גרופע סקאוטס, א יונגער אפיציר, אויך דערציילט וועגן סעמין. האט יענער לערער געזאגט:

— מיט קריג און געשלעג וועסטו גארניט מאכן. דו ווער בעסער באַוער מיט דיין סעמין און דערקלער אים, אז ער איז ניט נאר דיינער א סוינע, נאר אויך א סוינע פון זיין טאטן און פון זיין מאמען, ווייל ער באלאנגט צו מענטשן, וואס ווילן אומברענגען אמעריקע און זיינע עלטערן וואוינען דאך אין אמעריקע, וויל ער זיי, הייסט עס, אויך אומברענגען...

---

בירדע קינדער האבן ליב געהאט זייערע לערער און בירדע האבן געגלויבט, יעדער באַזונדער, אז ז י י ן לערער איז גערעכט. סעמי האט זייער געוואלט, אז בירני זאל ווערן א פיאנער, און בירני האט געגארט, אז סעמי זאל ווערן א באי־סקאוט.

האבן זיי בירדע פארבארגן דעם קאעס וואס זיי האבן איינער אפן צווייטן געטראגן און גייענדיק גאנץ פרי אין פאבליק־סקול, זיינען זיי צוגעגאנגען איינער צום אנדערן און (זיי האבן זיך אליין ניט געגלייבט!) האבן זיך פריינטלעך באגריסט.

א גאנצן טאג זיינען זיי געווען באַוער, זיך געשפילט אינאיינעם, אבער בירדע האבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם, וועגן וואס זייערע לערער האבן זיי געראטן צו זאגן.

ערשט פארנאכט, אפן וועג אהיים, רופט זיך אפ סעמי:

— מיר האבן היינט א רעדנער בא די פיאנערן, דו הערסט, בירני, ווען ער רעדט איז א פארגעניגן צו הערן. קום מיט מיר.

און בירני זאגט:

— מיר האבן היינט א „גיים" און מען האט אונז צוגעזאגט, אז מ'וועט שיסן פון עמעסע ביקסן!...

בירני איז פארבליבן א סקאוט און סעמי — א פיאנער. בירדע זיינען געווען זיכער, יעדערער בא זיך, אז ער איז גערעכט, אבער בירדע האבן אפטמאל געטראכט, וואס פאר א ווערטער מען וואלט גע־קאנט באנוצן צו געווינען דעם באַוער. און אזוי וואלט עס שוין עפשער טאקע פארבליבן, ווען ניט א זאך, וואס עס האט פאסירט.

און פארלאפן איז זיך אזא מייסע:

די ארבעטלאזע האבן געהאט א מאסן־דעמאנסטראציע. זיי זיי־נען ארומגעגאנגען איבער די גאסן, אויסגעהונגערטע און אויסגע־מוטשעטע, און געשריען: „מיר ווילן ברויט!" „מיר ווילן ברויט פאר אונז און פאר אונזערע קינדער!" „גיט אונז ארבעט, גיט אונז סבי־רעס!"

צווישן די דעמאָנסטראַנטן זיינען אויך געווען סעמים און בוירנים טאַטעס.

מען האָט אַרויסגעשיקט פּאָליציי, אַז זי זאָל פאַרטרייבן די דעמאָנסטראַנטן.

אָבער די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיי ניט געהערט און איין קאָל געשריען. —

„מיר ווילן ברויט!" „מיר ווילן אַרבעט!"

האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן און שיסן די אַרבעטער. זיי האָבן געמיינט, אַז די אַרבעטער וועלן זיך דערשרעקן און וועלן אַנטלויפן. נאָר — ווער, וואָס, ווען? די מאַכנעס אַרבעטלאָזע דעמאָנסטראַנטן זיינען געוואַקסן.

דערווייל קומט בוירני פון סקול אַהיים און טרעפט זיין מאַמען אַ בלייכע און אַ דערשראָקענע, און די קלענערע קינדער זיצן און וויינען און רופן: „פּאַ, פּאַ!"

דערציילט אים די מאַמע, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען אויף דער דעמאָנסטראַציע און זי האָט געהערט, אַז מען שלאָגט דאָרטן. און די מאַמע צעוויינט זיך.

האָט עס שוין בוירנין פאַרקלעמט באַם האַרצן און ער טראַכט: ער וועט אומיסטן אַריבערגיין צו סעמין, זען, וואָס ס'טוט זיך דאָרט.

ער קומט צו צו דער טיר, וואו סעמי וואוינט. די טיר איז פאַרשלאָסן. קלאַפּט בוירני אָן.

רופט זיך אָן אַ קליין מיידעלע, סעמיס שוועסטער:

— ווער איז דאָרט?

— איך.

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל זען סעמין.

זאָגט דאָס מיידעלע שטאָלץ:

— סעמי איז ניט אַזאַ „סיסי", ווי דו. ער איז אַוועק „פייטן" די פּאָליס. און די מאַמע איז אויך געגאַנגען העלפן דעם פּאַפּאַן.

ווערט שוין בוירנין אַ ביזאיען. טראַכט ער ניט קיין סאַך און לויפט אַוועק זוכן זיין טאַטן.

ער קומט צולויפן אויף די הויפּט-גאַסן און זעט אָן אַ שיר מענטשן לויפן פון אַלע זייטן און שרייען. און פּאָליציאַנטן לויפן זיי נאָך און שלאָגן זיי. אַ סאַך מענטשן לויפן מיט פאַרבלוטיקטע פּנימער. איינער איז אומגעפאַלן און אַ פּאָליסמאַן אויף אַ פערד איז אַרויפגעטראָטן אויף אים.

אַ פרוי איז אָנגעקומען אַנטקעגן. מ'האָט איר דערלאַנגט אַ קלאַפּ. זי האָט אַפילו קיין געשריי ניט געטאָן און זיך אַראָפּגעזעצט.

בוירני פילט כאַ זיך, אַז ער מוז אויסגעפינען זיין טאַטן אוזער
לויפט פון גאַס צו גאַס. אָבער וואו ער קומט זעט ער די זעלבע.
לויפנדיקע מענטשן; און די פּאָליציי יאָגט זיי נאָך.
מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין און רוקט זיך צוריק פון שרעק.




זיין לערער, דער אַפּיציר, וואָס לערנט גימנאַסטיק אים און זיינע
כאַוויירים, די בוי־סקאַוטס, לויפט נאָך אַן עלטערן אַרבעטער אין

שלאָגט אים מיט אַ קורצן גראָבן שטעקן איבערן קאָפּ, איינמאָל און צוויי מאָל, און דריי מאָל, און פיר מאָל. דעם אַרבעטערס פּאָנעם באַגיסט זיך מיט בלוט, ער פאַלט אום, אָבער דער אָפיציר שלאָגט ווייטער. דערנאָך טוט ער דעם געפאַלענעם אַ בריק מיטן שטיוול און לאָזט זיך לויפן נאָך אַ צווייטן אַרבעטער.

בוירני פּרוּווט שרייען, רופט זיין לערער, אָבער יענער הערט אים ניט און לויפט ווייטער און צעבלוטיקט שוין אַ צווייטן אַרבעטער...

בוירני פאַרשטייפט זיינע קליינע פויסטן און לאָזט זיך לויפן נאָכן לערער, אָבער מען וואַרפט אים אום. ער כאַפּט זיך אַ צעשראָקענער אַרויס און לויפט אַהיים.

אינדערהיים טרעפט ער זיין טאַטן אַ צעשלאָגענעם. סעמיס טאַטע זיצט אויך דאָ. בוירני פאַלט אַרויף דעם פאָטער אויפן האַלז און צעוויינט זיך ניט מיט זיין קאָל.

— וואו איז סעמי? — פרעגט ער שפּעטער סעמיס פאָטער.

— ער ליגט דאָרט אין צימער אַ צעשלאָגענער, — זאָגט יענער.

בוירני לויפט אַריין צו סעמין. סעם ליגט אין בעט. דאָס פּאָנעם איז בּאַ אים בלוי און צעבלוטיקט.

בוירני וויל אים עפּעס זאָגן, אָבער סעמיס מאַמע גיט אים אַ צייכן ער זאָל שווייגן, ער זאָל ניט אויפוועקן דעם קראַנקן.

בוירני גייט אַרויס פונם צימער. ער כאַפּט דאָס הויטע באָי־סקאַוט טיכל, ער צערייסט עס אויף שטיקלעך און טרעט עס מיט די פיס.

## פראַגעס:

1) פאַרוואָס האָט בוירני צעריסן זיין באָי־סקאַוט טיכל?

2) אַרבעט אויס אַ פּלאַן ווי אַזוי אַריבערצונעמען אייערע באַקאַנטע באָי־סקאַוטס אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס.

ענדיק די זאַצן:

די באָי־סקאַוטס ווערן צוגעגרייט ______________

די פּיאָנערן ווערן צוגעגרייט ______________

מען דאַרף ניט אָפּלאַכן פון די באָי־סקאַוטס, נאָר ______________

די אַרבעטער־שול העלפט אָרגאַניזירן די ______________

די פּאַבליק־סקול און די היברו העלפן אָרגאַניזירן די ______________

# אַרבעט

פֿון מעינקע קאַץ

הער ווי ס׳דערן זעגן,
דער בויער פֿאַרשטייט זייער שפּראַך.
מענטשן מאַכן אין די הויכן וועגן —
בלאַטעס שרייען, קראַך און קריך־ראַך:

מענטשן קלאַפּן
פֿון אייזן — לעבעדיקע הענט.
שטאָלן כאַפּן
מיט די ציין — גאַנצע ווענט.

פֿונקען טאַנצן —
האַמערס פּאַטשן ווי מיט הענט,
אייזנס מיט הוילן לייב אין פֿייער
ווערן ניט פֿאַרברענט.

כאַפּ און קלאַפּ! מאַכט דער שמיד
און וואַרגט דעם שטאָל מיט הייסן צוואַנג;
אַז שטומער שטאָל שמעלצט זיך אין געזאַנג —
נעם איך זיין גלוט — אין מיין ליד.

איז מיין ליד — אַ שמיד,
און ס׳איז מיין ליד — אַ האַמער;
שלאָג איך פֿון ווערטער אויס גאָלע פֿייער,
צינד איך אָלע שלעסער —
ס׳זאָל אָפֿן זיין
פֿאַר אַלעמען דער פֿולער שייער.

דערקלער דעם זאַץ: „מענטשן מאַכן אין די הויכן וועגן“.
„מענטשן קלאַפּן פֿון אייזן — לעבעדיקע הענט“.
„שטאָלן כאַפּן מיט די ציין גאַנצע ווענט“.
„איז מיין ליד — אַ שמיד, אַ האַמער“.

# עוויקשאַן

פון מ. א. סול

1

דו האָסט מיט דײַנע הענט
געלײגט דעם דאַך,
געשטעלט די װענט
און אױפגעבױט דאָס הױז —
און איצט,
װען ס'האָט די נױט די הונגער־שטריק פאַרזואָרפן
אױף דײַן האַלז
און שטיקט,
און שטיקט,
איז הײדאַ! — אַף דער הױלער גאַס אַרױס
מיט װײַב,
מיט קינד,
מיט אַלץ,
אַפן װינט.

קוקן לײדיקע הײזער זיך די אױגן אױס,
מען זאָל קומען זײ באַװױנען,
שרײַען פענצטער זיך די העלבױער אױס:
„טו לעט,
„טו לעט!"
נאָר דו, מיט װײַב, מיט קינד,
איז קעלט,
און װינט.

2

עס רעדט צו דיר
דײַן טיש,
דײַן בעט,
דײַן אײגן ביסל אײַמקײַט;
עס רוקט זיך נענטער צו דײַן טיר
דער שאָטן פון אַרױסשטעלער,
ער גײט,
ער גײט

פון הויז צו הויז,
ער לאָזט ניט אויס.
אַט קלאַפּט ער שוין אָן אין דיין טיר:
„אין נאָמען פון געזעץ — אַרויס!"

3

אין גאַס איז שטיל
און ס'קוקט דער צאַרן דורך די פענצטער.
נאָר אַט, מיר קומען אָן,
הייזער־בויער,
בריקן־בויער,
קוילן־גרעבער,
קליידער־מאַכער,
אייזן־שמעלצער,
שאַפער פון דער וועלט —

און לויפן היים פון הויז צו הויז,
און קלאַפּן אָן אין יעדער טיר,
און שרייען אויס:
„אַן אַרבעטער אַרויסגעשטעלט!
אַן אַרבעטער אַרויסגעשטעלט!
קום, שטעל אַריין צוריק!"
און ס'טוען הייזער זיך אַ ריר,
און ס'טוט די גאַס זיך אַ צעוויג,
און אַף אַ טיש, צי אַף אַ בעט,
שטייט שוין איינער און ער רעדט.
עס טוט אַ וויז זיך אַ פּלאַקאַט:
„נאָ וואַרק, נאָ רענט!"
און שוין גייט איבער וואָרט אין טאַט,
און ס'טוען זיך אַ לאָז די הענט
צום טיש, צום בעט.
מיט האַרטער פויסט דעם שלאָס אַ זעץ,
די טיר אַ פּראַל — און צוריק אַריין!

1. טייל איין די ווערטער אין צוויי גרופּעס: א י י נ צ אַ ל און מ ע ר צ אַ ל: הענט, דאך, ווענט, הויז, האלז, גאַס, ווייב, קינד, ווינט, הייזער, אויגן, וועלט.

2. מאַך זאַצן מיט די ווערטער.

# אַ גראָם צו ברויט.

## פֿון כאַווער פאַווער

אין דעם לאַנד דעם ברייטן, אין דעם לאַנד דעם ווייטן גייען אין גייענציק מענטשעלעך מיט לאַנגע בערד אַף ווייסע פערד רייטן.

רייטן די מענטשן, יאָגן זיך די פערד, ציטערן אונטער זיי די גראָזן אַף דער ערד.

געריטן, געריטן, געלאָפן, געלאָפן. ביז זיי האָבן דעם שווארצן יאַם שוימען געטראָפן.

— טיפע וואַסערן, שווארצער יאַם, עפשער קענסטו אונז געבן צום וואָרט ברויט דעם גייטיקן גראַם?

— טראַם־טאַ־טאַ־טאַם, טראַם־טאַ־טאַ־טאַם, אַ גראַם צו ברויט איז הונגער און נויט.

— מיר ווילן ניט קיין הונגער און נויט אין אונזערע שטיבער, זאָג אונז בעסער אַ גראַם ס'זאָל אונז זיין ליבער.

— טראַם־טאַ־טאַ־טאַם — שטילן זיך איין די כוואַליעס, פאַרקלערט זיך דער יאַם — אַ גראַם צו ברויט איז אויך מילכאָמע און טויט.

— הונגער און נויט, מילכאָמע און טויט, אַזעלכע גראַמען מעגן שוין בא דיר בלייבן, — ווערן די מענטשעלעך אין קאַס און הייבן אָן זייערע פערדעלעך ווייטער צו טרייבן.

געטריבן, געטריבן, געלאָפן, געלאָפן. ביז זיי האָבן דעם ברייטן סטעפ געטראָפן. און איבערן ברייטן סטעפ, אַ פייער אַ גרויער גייט און איז אין טיפן טרויער.

— פייער, דו פייער, פייער דו גרויער, פאַרוואָס איז אַף דיר אַזא גרויסער טרויער? און עפשער קענסטו אונז זאָגן אַ גראַם צו ברויט, מיר זאָלן שוין ניט וויסן פון הונגער און נויט?

דערפאַר איז טאַקע אַף מיר אַזא טרויער, ווייל איך זוך אויך אַ גראַם צו ברויט, איך זאָל שוין ניט וויסן פון הונגער און נויט.

---

לויפן די מענטשן, פאָרן און פאָרן, לויפן כאָדאָשים, לויפן די יאָרן. ביז זיי קומען אָן צו אַ גרויסער שטאָט מיט פאַבריקן גאָר הויך און פון די קוימענס זעצט אַ רויך. און דאָרט אין די פאַבריקן אַרבעטער מיט האַמערס סטוקען און קלאַפן, מידע, פאַרשוויצט, קוים דעם אָטעם זיי כאַפן.

— אַרבעטער, אַרבעטער, הערט איך אַ ווייל, מיר האָבן צו אייך אַ וויכטיקע שייל. עפשער אַ גראַם צו ברויט בא אייך איז דאָ און זאָל שוין אַף אונז קומען די גוטינקע שאָ.

— אז אין די פאבריקן איז אזוי היים און אז אונזערע לייבער זיינען איינגעטונקען אין שוויס, און אז אונזערע קינדער זיינען דארע, קוים ביינער און הויט, ווי זשע קענען מיר אייך זאגן א גראם צו ברויט?

---

לויפן די מענטשן, פארן און פארן, לויפן כאדאשים, לויפן די יארן. ביז זיי זיינען אנגעקומען צו א ווינטערדיקן פילד, וואו דער ווינט האט פארוויעט שנייען מיט קעלט. און דארטן פון דער ווייטן שטייען סאלדאטן מיט שווערע הארמאטן, שטרעקן אויס די הענט, ציען און שיסן, פעך און שוועבל אף דער וועלט זיי גיסן.

— סאלדאטן, סאלדאטן, שטעלט אפ אייערע הענט, עפשער א גראם צו ברויט זאגן אונז וואלט איר געקענט.

— מענטשעלעך מיט די לאנגינקע בערד, רייטערלעך אף די ביסטרינקע פערד, אז מען האט אונז ארויסגעטריבן פון ווארעמע שטיבער אהערצו צו די קאלט-שנייאיקע גריבער, און אף דער וועלט איז מילבאמע און טויט, ווי זשע קענען מיר אייך זאגן א גראם צו ברויט?

---

לויפן די מענטשן, פארן און פארן, לויפן כאדאשים, לויפן די יארן. ביז זיי זיינען אנגעקומען אף א ברייטן וועג, און דארט אן ארבעטער א רויטער מיט ברייטע פלייצעס יאגט אפן פערד, און קוים וואס ער האלט דאס איין בא די לייצעס.

— ארבעטער דו ברייטער, ארבעטער דו רויטער, אונזער וועג איז געווען אזא ווייטער, און עפשער קענסטו אונז זאגן א גראם צ ברויט, מיר זאלן שוין ניט וויסן פון הונגער און נויט?

צעלאכט זיך דער ארבעטער, צינדן זיך אן זיינע-אויגן, גיט ער א יאג דאס פערד ווי פייל פון א בויגן און די מענטשעלעך גאך אים פלינק און גיכער יאגן זיי זיך. טראגן זיי זיך ווי א ווינט און א וויכער.

קומען זיי אן צו א שטאט פון פאבריקן מיט טויערן, קומען ארויס די ארבעטער פון אלע טויערן. גיט דער ארבעטער דער רויטער זיך א שמיגל אפן פערד און טוט א געשריי:

— ארבעטער, פויערים, מענטשעלעך, היי!!! א גראם צו ברויט איז א פאן וואס איז רויט! אט וועט די פאן בלייבן הענגען אפן העכסטן שפיץ און די פרייד וועט זיך טראגן אזוי ווי א בליץ.

און אזוי ווי די פאן איז געבליבן שטעקן, אזוי זיינען זיך אנגעקומען פון אלע עקן, — דער פויער דער גרויער. די סאלדאטן מיט די הארמאטן.

א גראם צו ברויט איז א פאן וואס איז רויט.

האבן זיי שוין געפונען דאס נויטיקעווארט, אבער זיי ווילן שוין ניט איינהערן אף איין ארט. מיט א פאן, וואס איז רויט, יעדער אין

זיין האַנט, לויפן זיי פון לאַנד צו לאַנד. לויפן און לויפן, יאָגן און יאָגן, איבער דער גאַנצער וועלט די בשׂורה צעטראָגן.

---

דער טאַטע איז געגאַנגען פון מאַרק אַוועק, און שטוב קיין ברויט אפילו ניט קיין לעק. די מאַמע האָט איבערגעוואַשן דאָס ליידיקע טעפּל, זיך געזעצט אויף דער שוועל קראַצן דעם קינד און קעפּל. שטיל אין שטוב, שטיל און שאַ, און די ווינקעלעך האָט זיך באַהאַלטן אַ הונגער אַזאַ. שווייגט די מאַמע, שווייגט דאָס קינד, האָט זיך אָבער די מייסע געענדיקט אַצינד.

מאַכט פון דעם מייסעלע אַ שפּיל.

# מוטער און קינד

פון ל. בערקאָוויטש

— פאַרוואָס זאָג מיר, מאַמע, איז פּוסט אין אונזער הויז
און ליידיק, אויף שפּייז די שופלאָדן ?
— דערפאַר, קינד, וויל שפּייכלערס בײַ אונז דאָ אין לאַנד
מיט שפּייז זײַנען איבערגעלאָדן.

— איז עמעס דאָס, מאַמע, וואָס איך האָב געהערט:
מען שליידערט אין יאַם אַריין שפּייזן ?
— עמעס! דאָס טוען די הערשער אַזוי,
אויפן מאַרק זאָלן שטייגן די פּרייזן.

— פאַרוואָס, מאַמע, שלעפּן זיך מענטשן אַרום,
אַ געלעגער צו זוכן געטריבן ?
— זיי האָבן פאַר אַלעמען הײַזער געבויט,
און זיי האָט מען פון הײַמען פאַרטריבן.

— עס שטייען דאָך הײַזער פּאַלאַצן און פּוסט!
טאָ וואו, מאַמע, ליגט דאָ דער זינען ?
— אויף פראַגעס אַזוינע ווי דײַנע, מײַן קינד,
דעם ענטפער איז לײַכט צו געפינען:

עס האָבן די הערשער פאַרכאַפּט אַלץ פאַר זיך,
די אַרבעטער פאַרוויגט אין אַ חלום:
אַז ס'וואַרט פאַר זיי רײַכטום און פרייד נאָכן טויט,
אַ גליקלעכער לעבן אין הימל.

— זאָג, מאַמע, צי זײַנען די אַרבעטער־לײַט
אַף שטענדיק צו לײַדן דעם גרײַטע?
— מײַן קינד, ס'איז אַ זעקסטל פֿון װעלט שױן באַפֿרײַט,
און פֿינף־זעקסטל ברעכן די קײטן.

— אָ, מאַמע, דו הערסט װי עס טראָגט זיך פֿונװײַט
אַן אױסמיש פֿון פֿרײדיקע קלאַנגען?
— יאָ, קינד, דאָס מאַרשירן די מאַסן צום קאַמף
פֿאַר פֿרײַהײַט, מיט פֿרײד און געזאַנגען.

— זע, מאַמע, װי ס'פֿלאַטערן פֿענער מיט רױט,
און מענטשן מאַרשירן און צװײען!
— דאָס גײען די מאַסן צום קאַמף און צום זיג,
מיר שליסן זיך אָן אין די רײען!

אַנטאָנימען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| לײדיק | ______ | פראַגעס | ______ |
| אָן | ______ | באַפרײַט | ______ |
| עמעצ | ______ | ווײַט | ______ |
| שטײגן | ______ | מאַרשירן | ______ |
| זיבן | ______ | זיג | ______ |





# דאָס געבעט פון אַ מיינער

איך הער זיך צו צו די פייפלען אין פרימאָרגן,
נאָר די מיינס זיינען שטיל,
און די לופט איז נאָך ריין.
און ס'כאַפּן די קינדער זיך אויף מיט אַ ביטער געוויין,
ווייל ליידיק די טעפּעלעך שטייען.
און די קליינע פיסלעך ווייערע ציטערן פון קעלט,
אין שמאַטעס טוליע איך זיי איין.
און אונזער הויז איז כאָרעוו און צעבראָכן,
דורך די שפּאַלטן בלאָזט דער ווינט אַריין.

אָ, ווי שווער איז הערן הונגעריקע קינדער ווינען,
ווען איך האָב הענט אַזעלכע צוויי,

וואָס ווילן אַלצדינג טאָן פֿאַר זיי.
אַ, איר רייכע פֿון די שטעט,
האָט אַף אונז אַ ביסעלע ראַכמאָנעס,
הערט זיך צו צום מיינערס געבעט.

הינטער ערד פֿאַרפֿראָרענער ליגן קוילן, קוילן,
וואַרטן זיי, מיר זאָלן בלויז אַ גראָב טאָן זיי פֿון בעט.
אָבער אויבן אַף דער ערד איז יעדע שווערע האַרץ
פֿון מאַמען און פֿון מיינער־פֿרוי פֿול מיט אַ געבעט.
אַ, מיר ווילן נאָר גענוג קליידער, שיך און שפּייז,
און זען קינדער אונזערע זינגענדיק און שפּיל.
ווען מיר וואָלטן נאָר געקאָנט די זאַכן געבן זיי,
וואָלט דער מיינער פֿריילעך זיין, פֿריילעך מיט זיין ציל.

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע: „הונגער — און די שפּייכלער זיינען פֿול“.

# אין שאָפּ

פֿון שאָלעם אַליינעם

1

מיין ברודער עליע און אונזער כאַווער פּיני אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אין „אָפּרייטער“, דער אַנדערער איז אַ פּרעסער. אַן אָפּרייטער דאַרף ניט גייען מיט די הענט. ער שטעפּט בא דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קענען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין.

ווי האָט זיך מיין ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן? איז ער געבעך מאַקע אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערנייען מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק, און ס'איז געוואָרן אַלדינג — גוט. אַף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאַלט אייך, אַז אַך און ווי איז געווען צום שטעפּן, נאָר גוט איז דאָס. אָט האָט פּיני דאָס אויך ניט געקענט באַווייזן! ניט ווייל ער האָט זיך געפֿילט אַרבעטן. די צאָרע איז, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ריע און טוט אַלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אָנגעזעצט בא דער מאַשין, ווי מיין ברודער עליען. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפֿן מיט אים אַן אומגליק. אונזער כאַווער פּיני האָט

אין אײלעניש פאַרשטעפּט דאָס רעקל און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אָרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס ניט די האַנט. ווײַזיי, מע האָט זיך עס אָנגעלאָפן פון אים.

## 2

פיני וועט שוין ניט זײַן קיין אַפּרײַטער. ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער שאַפ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער. אַן אונטער־פּרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער.

דערווייל ווערט נאָך פיני גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זײַן טעות, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זײַן נידעריקע הייך. ער קומט אַלע טאָג אַ צעברויטער. איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מייסע? ער האָט זיך באַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זײַן נאָז? זאָגט פיני, אַז זײַן נאָז האָט ניט געוואַרט ביז דאָס פּרעסל וועט קומען צו זײַן נאָז. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זײַן נאָז גייט צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פיני האָט נאָר געטאָן אַ שטיקל אַרבעט, און ווייל ער האָט אַ נידעריקע הייך, האָט ער זיך דעריבער אײַנגעבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלײַך אָפן אָנגעגליטן פּרעסל.

## 3

מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפ ניט עלטערן.

מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צאָרעס פון פאָרמאַן. יעדער שאַפ האָט אַ פאָרמאַן — אַן עלטסטן, אַן איבזעער, און ניט נאָר איין פאָרמאַן, יעדער שטאָק האָט זיך זײַן פאָרמאַן.

אָט דעם שטאָק, וואו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ האָמאַן, אַ ראָשע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַן אַפּרײַטער. נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פון „באָס"... מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער אַזוי, אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן. און אונזער באַוווּסטער פיני דערציילט פון זײַן שאַפ נאָך שענערע מייסעס. זײַן פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פייפער אַרײַן. רייכערן, שמועסט מען ניט! אַ וואָרט מאָר מען ניט אַרויסרעדן צווישן זיך. ס׳איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קען הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מײַלע האָט דער שאַפ, דאָרט ווערן די פּרעסלעך אָנגעוואַרעמט מיט גאַז.

די גנז פון די פּרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ באַלן באַלאַשעס און מוזן סטאָפּן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע", דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט א לאָך. דאָ האָט איר פאַרשעפּטיקט פינף מינוט — אַראָפּ א האַלבן טאָג. דאָ זייט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ א האַלבן טאָג. דאָ זייט איר געפאַלן באַלאַשעס — פאַרפאַלן א טאָג.

ניין. מע קען שוין ניט איבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין א סטרייק.

שרייב א קאָמפּאָזיציע: דער סוועטשאָפּ אַמאָל און דער „ספּידאָפּ" איצט.

# דער מאַרש פון ברויט־סטרייק

פון סאָרע פעל־יעלין

ס'איז יאַנטעוו אין געגנט, וואו אָרעמקייט וואוינט,
די גאַסן מיט רויטע פּלאַקאַטן באַשיינט.
אַלטע און יונגע — קינדער פון נויט
מאַרשירן צוזאַמען פאַר ביליקן ברויט.

און אַלע צוזאַמען פאַרבריִדערן זיך,
ברויט וועט מען פאָדערן, קליידער און שיך.
די קינדער — פּיאָנערן פון אַרבעטער קלאַס
פאַרקלינגען מיט פרייַלעכע רופן די גאַס.

די מאַמעס מיט שכנים — ווי ברידער אַצינד,
די מאַמע גייט אַקסל צו אַקסל מיט קינד.
ס'איז רייַכער געוואָרן די אָרעמע גאַס
מיט קויעך, מיט שטאַרקן פון אַרבעטער קלאַס.

שרייב א קאָמפּאָזיציע: „דער געוואונענער ברויט־סטרייק".

# דריימאָל: מיר!

ווער גראָבט דאָס גאָלד
און די קוילן פון די טיפן ?
ווער פירט איבער יאַמען
אַלע גרויסע שיפן ?
ווער בויט די טורעמס
און די בריקן ?
ווער אַרבעט
אין שעפער און פאַבריקן ?
טאַקע, ווער אַ שטייגער ?
מ י ר !
האָבן מיר איינמאָל — מיר !

וועמענס איז די ערד
און אַלץ, וואָס אף איר ?
וועמענס איז די זון
און אַלץ אונטער איר ?
וועמענס איז דער יאַם
און אַלץ, וואָס אין אים
וועמענס איז די וועלט ?
טאַקע, טאַקע וועמענס ?
א ו נ ז ע ר ס !

ווער וועט קעמפן,
אַז די צייט וועט קומען ?
ווער וועט פירן,
ווען דער זיג וועט קומען
ווער ?
אַ וו אַ ד ע  מ י ר !

איבונגען אף דער פראַגע : ווער ?
איך. דו. ער. זי.
מיר. איר. זיי.

איבונגען אף דער פראַגע : וועמענס ?
מיינס. דיינס. זיינס. אירס.
אונזערס. אייערס. זייערס.

# אַן אַרבעטער באַ פּאַרדן

פֿין ל. באָרנשטיין

אפֿן וועג קיין דירבאָרן.

איך בין געשטאַנען אַליין. מײַנע ליפּן — פֿאַרדאַרט. מײַן האַלז — טרוקן.

איך האָב געטראַכט אין זאַך. הענרי. אַ, ווען איך זע דעם אַלטן.

ער דאַרף דאָ הורבפֿאַרן, ניט ווײַט איז זײַן וואוינונג.

די מײַסע איז אַזוי: איך האָב געאַרבעט צוויי יאָר אין דעם דירבאָרן טראַקטאָר־פּלענט. איך פֿלעג אַפּטמאָל טראַכטן, ווי אַזוי דער אײַזן־שטויב שנײַדט ניט דורך אינעמס לעבן. ביז איך האָב אָנגעהויבן שפּײַען רויט.

דאָס איז אַ געפֿאַר! איך בין אַוועק צו אַ דאָקטער.

דער דאָקטער האָט מיך באַטראַכט און אַרויסגעזאָגט:

— ביסט קראַנק, וועסט דאַרפֿן טרינקען אַ סאַך מילך, ניט אַרבעטן אַ שטיקל צײַט און האָבן אַ סאַך פֿרישע לופֿט.

— אָבער, דאָקטער, ווי קען איך עס באַווײַזן?

ווען ער האָט דערהערט, אַז איך אַרבעט באַ פֿאָרדן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— פֿײַן! — ער האָט אַ נעם געטאָן דעם טעלעפֿאָן און גערופֿן:

— פֿאָרדסאָן טראַקטאָר־פּלענט, דירבאָרן. מעדיצינישע אָפּטיילונג, ביטע. איז דאָקטער פֿישער דאָ? ניין? הם... אָלרײַט.

ער שרײַבט מיר אָן אַ בריוו. דאָקטער פֿישער — זאָגט ער — איז זײַנער אַ גוטער פֿרײַנט.

איך האָב געבראַכט דעם בריוו צו דאָקטער פֿישער. יענער קראַצט זיך אונטערן אויער און גייט מיט מיר אַרײַן אין סופּערס אָפֿיס.

— ברייקער, — ווענדט ער זיך צום סופּער, — איך האָב דאָ אַ בריוו פֿון אַ דאָקטער. דער מאַן אַרבעט שוין דאָ צוויי יאָר. ער איז איצט קראַנק.

— זאָל ער גיין אין שפּיטאָל.

— ניין, ער דאַרף האָבן פֿרישע לופֿט...

— דאָ איז ניט קיין סאַניטאַריום.

— כ׳פֿאַרשטיי... כ׳האָב געמיינט, דו זאָלסט אים שיקן אַרבעטן אַף דער פֿאַרם.

— זאָג דאָרט וועמען פֿון די קלוירקס, וועלן זיי אים שיקן.

איך בין באַזאָרגט געוואָרן מיט די נייטיקע פּאַפּירן און בין אַרויס אַף דער פֿאַרם.

איך בין געגאַנגען איבערן פֿעלד אונטער אַ ברענענדיקער זון. דאָס פֿעלד איז שוין געווען אָפּגעשניטן און עס האָט געשמעקט אַזוי, אַז איך האָב געפֿילט, אַז מײַנע לונגען הייבן אָן אָטעמען שטאַרקער...

איך בין צוגעקומען צו אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אַרום אַ דרעש־מאַשין. איינער, אַ בעהורע־מאַן, מיט אַ ברייטן שטרוי־הוט, האָט קאָמאַנדעוועט:

— שלעפּ אַוועק די שטרוי! היי, פֿאָר אַהין מיט דײַן טראַק! וואַרף אַרויף די זעק ווײַץ אויפֿן וואָגן! וואָס שטייסטו?

איך בין צוגעגאַנגען צו דעם בעהורע־מאַן און אים געגעבן דאָס בריוול. ער האָט עס איבערגעלייענט און געזאָגט.

— וועסט מוזן וואַרטן. איך בין דאָ נישט דער באַלעבאָס.

איך האָב געוואַרט אַ צוואַנציק מינוט. פֿון פֿעלד איז אָנגעלאָפֿן אַ פֿאַרדל. אַ בעוורע־מאַן מיט נאַקעטע אָרעמס האָט אויסגעשריען:

— דזשאָן, גיב מיר דרײַ פֿון דײַן בעוורע! איך דאַרף זיי האָבן אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אויפֿזעער און איך בין שנעל צו מיט מײַן בריוול.

ער האָט עס איבערגעלייענט און גאָרנישט געענטפֿערט. דרײַ בעוורע זײַנען אַרויפֿגעשפּרונגען אויף זײַן מאַשין און ער איז אַוועקגעפֿאָרן. איך בין געבליבן שטיין אָן אַן ענטפֿער. מיטאַמאָל [illegible] ער זיך אָפּ און שרײַט:

— דזשאָן! שטעל צו דער אַרבעט דעם קערל!

און אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געשטאַנען אין דעם וואָלקן שטויב בײַ דער דרעש־מאַשין.

די היץ האָט געברענט. מײַן אַרבעט איז געווען: איבערשלעפּן פּעק שטרוי, וואָס יעדער איינער האָט געוואויגן נישט ווייניקער פֿון 80 פֿונט. איך בין באַלד געווען אויסגעבאָדן אין שווייס...

אַ ביסל שפּעטער איז ווידער אָנגעקומען דער אויפֿזעער און געזאָגט:

— היי, דו, קום אַהער!

ער האָט מיר געהייסן אַרויף אויף זײַן מאַשין און ער איז ערגעץ מיט מיר אַוועק.

ער האָט מיך איבערגעלאָזט בײַם ביידל, וואָס דינט פֿאַר אַ וואַרט־צימער אויפֿן וועג קיין דירבאָרן. ער האָט אַ ברום געטאָן:

— וואַרט דאָ!

און ער איז שנעל אַוועק.

איך האָב אויף אים געוואַרט אַ שעה, נאָך אַ שעה. ער איז עטלעכע מאָל דורכגעלאָפֿן מיט זײַן פֿאַרדל און אַ קוק געטאָן צו מיר...

איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס איז. ב'האָב געפילט, ס'איז מיר זייער טרוקן אין האַלז...

דאַן האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן איין געדאַנק.

הענרי. ב'מוז אים זען.

מיטאַמאָל גיט עס עפּעס אַ גלאַנץ פון דער ווייטנס. אהאַ! ווער פאָרט עס?

— הענרי!

— יאָ, ס'איז ער!

איך שפּרינג צו צום וועג און שטעל אים אַ האַנט. די מאַשין האַלט איין. אַ באַקאַנט פּנים. וויפל מאָל האָב איך שוין געזען דאָס פּנים אין די צייטונגען. איך דערציייל אים: אַזוי און אַזוי. ער הערט מיך אויס און זאָגט:

— איך פאַרלאָז זיך אויף מיינע מענטשן.

מיין האָפענונג פאַרשווינדט. איך טראַכט: וועלכער מיינט האָט מיך אָנגעטראָגן צו גיין צו אַ דאָקטער.

דער איינזעער לויפט ווידער הורך מיט זיין פאָרדל. ער שטעלט זיך אָפּ און שרייט:

— קום אַהער!

איך לויף צו און ער שווייגט. איך פאַרשטיי, אַז ער מיינט, איך זאָל אַרויף אויף דער מאַשין. ער פירט מיך צוריק אין דער פאַבריק. אין פראָנט פאַרן אָפיס בלייבט ער שטיין און שפּרינגט אַראָפּ. ער גייט ערגעץ אַוועק און איך וואַרט אויף אים.

אין צוואַנציק מינוט אַרום קומט ער אַרויס און נעמט פאָרן.

איך שריי.

— וואָס זאָל איך טאָן?

— טו וואָס דו ווילסט.

— וואו זאָל איך גיין?

— גיי וואו דו ווייסט.

ער איז אַוועק. איך האָב ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס מען טוט.

אַריינגיין צו מיסטער ברייקער אין אָפיס? בלויז אַ קוק טאָן אויף־דעם מענטשן, ווערט דיר פאַרקילט דאָס בלוט. דער איינציקער פּלאַץ, וואו איך האָב געקענט גיין, איז צוריק צו דאָקטער פישער.

דאָקטער פישער איז אַריין מיט מיר אין ברייקערס אָפיס.

גלייך, ווי ער האָט אונז דערזען, האָט ער געגעבן אַ געשריי:

— היי, פישער, וואָס וויל דער קערל?

דאָקטער פישער, וואָס איז אַן אָנגעזעענער מענטש אין דירבאָרן, האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס ברייקער רעדט צו אים, ווי צו אַ שיק־אינגל. ברייקער איז פּונקט געווען פאַרנומען באַם טעלעפאָן און

דאָקטער פישער האָט שטילערהייט זיך אַרויסגערוקט פון אָפיס. איך בין געבליבן אַליין. אַט דער דאָזיקער מענטש האָט געדאַרפט באַשטימען וואָס צו טאָן מיט מיר. און ער האָט עס טאַקע באַלד געטאָן:

אין אָפיס איז אַריינגעקומען אַ צעגאָסענער מענטש, וואָס האָט גערעדט, ווי אַ וואַסער־כייע. ברייקער האָט אַ געשריי געטאָן:

— היי, ביל! נעם מיט דעם קערל און שטעל אים צו דער אַרבעט אין דער „פאַונדרי", אָדער זאָג דער „היטרי"! ער דאַרף לופט!

פירט דורך אין קלאַס אַ דעבאַטע: אַן אַרבעטער בײַ פאַרדן און אַן אַרבעטער אויף אַ סאָוועטישער פאַבריק.

שרייבט דערנאָך אַן אין קורצן דעם אינהאַלט פון דער דיסקוסיע.

# ז ו י ד

פון מ. א. סול

אין פענצטער הענגען שטיקער זויד,
ווי וואַסער־פאַלן.

זויד. זויד.
אַט נעמט אונז נאָר אין האַנט —
פון אַלע געוואַנטן
זײַנען מיר דאָס אידעלסטע געוואַנט.

נאָר איך האָב גערעדט מיט פּעטערסאָנער וועבער, —
אין פענצטער הענגען שטיקער לעבן!

די שווייס טראָפּנס אויפן שטערן
פאַרווישט מען מיטן אַרבל,
און פאַלט אַ טראָפּן אויפן זויד,
וועט אויך קיין פלעק ניט ווערן —
ס'וועט דער פאַרבער שוין פאַרפאַרבן.

ס'וועט דער פאַרבער שוין פאַרפאַרבן
דעם שווייס, דעם אייגענעם,
דעם שווייס פון זײַנע ברידער.

נאָר איך האָב גערעדט מיט פּעטערסאָנער וועבער,
אין פענצטער הענגען שטיקער לעבן!

שרייבט אַן אַ פּאַראַגראַף וועגן דעם זאַץ: „אין פענצטער הענגען שטיקער לעבן".

# אפגענארט.

אלע פיאנערן האבן געוואוסט, אז ראזעלע קען זייער גוט פארשפרייטן ליפלעטס. וואו א סטרייק, א דעמאנסטראציע, א מיטינג, — ראזעלע איז שוין דא און זי טוט ארבעט.

איינמאל האט אויסגעבראכן א רענט־סטרייק אף איר גאס. מען האט געדארפט אנזאגן אלע שכנים, זיי זאלן קומען העלפן פיקעטן, ווייל דער לענדלארד האט זיך געקליבן ארויסווארפן א סאך פאמיליעס.

ראזע האט די ערשטע אנגענומען צו טאן די ארבעט. זי איז אליין געלאפן צום דרוקער אפנעמען די ליפלעטס, וואס די בלאקקאמיטע האט צוגעגריים. ווען זי איז אריין אין שאפ, האט זי דערזען א צווייטן ליפלעט, א פארטיקן וועגן דעם רענט־סטרייק. דער ליפלעט איז געווען אנגעשריבן פון דעם לענדלארד. ס'האט זיך געלייענט אזוי:

„טייערע טענענטס! פאלגט ניט די קאמוניסטן
און סטרייקט ניט! אייער לענדלארד איז א פרומער
איד! ער איז א פרעזידענט אין די משארתים! א
טרעזשורער אין דער טאלמעד־טוירע! א סעקרעטאר אין די יאנג מען היברו! די זעקס פאמיליעס,
וואס האבן געקראגן דיספאזעסן, זיינען גאר קיין אידן
ניט, זיי זיינען קאמוניסטן!
העלפט מיר און דערפאר וועט איך גאט העלפן!”

אזוי שנעל, ווי ראזע האט דורכגעלייענט דעם ליפלעט, האט זי ארייגערופן איר חבר דזשעקן און אים שטילערהייט געזאגט א סאד:

— גיי צו צום פרינטער און נעם אפ דעם ליפלעט פאר דעם לענדלארד. גיי צו דעם לענדלארד און זאג אים, אז דו נעמסט זיך אונטער צו פארשפרייטן זיין ליפלעט אין גאס.

— איז וואס וועט זיין דערנאך? — האט דזשעק געפרעגט.

זי האט אים אנגעזאגט א סאד און דזשעק האט פארשטאנען וואס זי מיינט. ער איז שנעל אוועקגעלאפן מיט די ליפלעטס צום לענדלארד. ער האט געבראכט מיט זיך א גרופע אינגלעך, פיאנערן. זיי האבן אלע געזאגט, אז זיי וועלן העלפן פארשפרייטן דעם לענדלארדס ליפלעט.

דער לענדלארד האט צו זיי געזאגט:

— קינדערלעך, מאכט נאר א גוטן דזשאב, איך גיב אייך אלעמען צו קוואדערס. אבער, זעט, לאזט קיינעם ניט דורך, גיט יעדערן א ליפלעט אין האנט אריין.

די קינדער זיינען ארויס מיט די פעק ליפלעטס און מיט די קוואדערס, וואס דער לענדלארד האט זיי באצאלט. ראזעלע האט זיי

באַגעגנט און זיי האָבן שטילערהייט געהאַט אַ מיטינג אויפן גאַס.

— איצט, כאַווײרים, נעמט דעם ליפלעט פון דער בלאַק קאָמיטע און לייגט אים אַריין אינעווייניק. ווען איר באַגעגנט אַ פּאָליסמאַן, גיט אים דעם לענדלאָרדס אַ ליפלעט, ווען איר באַגעגנט אַן אַרבעטער, גיט אים דעם עמעסן ליפלעט.

אַזוי איז געווען. ווען דער לענדלאָרד איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט זיין האַרץ געקוואָלן, ווי אַזוי די יאַטן אַרבעטן. ווען אַ פּאָליסמאַן האָט זיי געטראָפן, האָט ער גענומען בא זיי אַ ליפלעט, געגלעט זיי ליבלעך איבערן קעפּל און איז אַוועק ווײַטער ווײַגנדיק זיין פּאָליס־שטעקן.

אין אָוונט איז געווען אַ מיטינג פון דער בלאַק קאָמיטע. ראָזע האָט גערעדט אין נאָמען פון די קינדער. זי האָט געזאָגט, אַז די קינ־דער וועלן העלפן זייערע מאַמעס און טאַטעס אין דעם קאַמף קעגן דעם לענדלאָרד. נאָכדעם האָט זי איבערגעגעבן אין נאָמען פון איר פּיאָנערן גרופּע, צוויי מיט אַ האַלבן דאָלער, וואָס זיי האָבן פאַרדינט באַם לענדלאָרד.

דער אוילעם האָט געלאַכט און געטשירט פאַר די פּיאָנערן.

# מאַדערס דיי

פון כאַשמאַל

די סקולס און די צייטונגען
שרייען צוזאַמען:
— קויף, אינגעלע, מיידעלע
אַ מאַטאָנע דער מאַמען.

שטייען די קרעמער —
בא זיך אַף די שוועלן:
— מאַדערס־דיי, קינדער,
איר טאָרט ניט פאַרפעלן.

זיי רופן און ווינקען
מיט „עדס“ און מיט בליקן:
— קומט אַריין, קינדער,
און קויפט איצט אַנטיקן.

שטייען די קינדער
מיט הערצער פאַרקלעמטע:
אַ דים, אַ קוואַדער
וואו קריגט מען, וואו נעמט מען?

אומזיסט איז די אַרבעט
צו בעטן באַם טאַטן,
אַרבעטלאָז איז ער
אַזויפיל מאָנאַטן.

פירט דורך אַ דעבאַטע אין קלאַס: מאָדערס די אָדער אינטערנאַציאָנאַלער פּרויען־טאָג?

שרייבט דערנאָך אַן אַ באַריכט וועגן דער דעבאַטע.

# דער אַרבעטער און דער ווינט

מיין לאַגע איז געווען אַ שווערע. איך האָב געזוכט אַרבעט און נית געקענט געפינען.

איינמאָל קום איך אַריין אין עמפּלאָימענט אָפיס. זאָגט מען מיר:

— פאַראַן פּלאַין פאַר אַ פּיינטער אַף אַ בריק. ס'איז זייער אַ הויכע בריק. אויב איר האָט נית קיין מוירע, קענט איר מאָרגן גיין צו דער אַרבעט.

איך האָב קיינמאָל קיין מוירע נית געהאַט. אַלעמאָל האָב איך ליב געהאַט קלעטערן אַף ביימער און אַף דעכער. מיין קאָפּ האָט זיך מיר קיינמאָל נית פאַרדרייט.

איך בין אַף מאָרגן אַוועק צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַרב, און מען האָט מיך אַרונטערלאָזן אַף אַ שטריק. אונטער מיר איז אַ טייך. עס פאָרן שיפן. זיי שלעפן קוילן. אַרום מיר פייפט דער ווינט און זאָגט מיר אַ סאָד אין אויער.

— היט דיך. אַ שטריק קען זיך איבעררייסן. דער קאָפּ קען זיך פאַרדרייען. דעמאָלט ביסטו אַ פאַרטיקער. קיינער וועט אַפילע נית הערן דיין געשריי.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. געזונגען מיינע באַליבטע לידער און געשמירט מיט דער באַרשט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך געפונען אַן אַנדער אַרבעט: פאַרבן קוימענס פון פאַבריקן.

די נייע אַרבעט איז מיר זייער געפעלן. די זיצסט זייער הויך, אויף שפּיץ פון אַ שוואַרצן קוימען. קוקסט אַראָפּ אונטן, זעען די מענטשן אויס ווי מוראַשקעס. איבער די גאַסן לויפן אום קליינע קעסטעלעך. פייגל פליען פאַרביי און אַנטלויפן. זיי זיינען נישט געוואוינט צו זען מענטשן אַזוי הויך. שרייען די פייגל און גיבן צו וויסן איינע די אַנדערע וועגן דער מאָדנער זאַך:

— עפּעס אַ פרעמדער האָט זיך פאַרקליבן צו אונז אין דער הויך.

צום קוימען זיינען געווען צוגעשמידט אייזערנע טרעפּלעך. איבער די טרעפּלעך פלעג איך אַרויפקלעטערן אין דער הויך, נעמען מיט זיך מיינע אינסטרומענטן, צובינדן זיך מיט אַ שטריק און שטיין און אַרבעטן.

---

איינמאָל אין דער פרי זאָגט צו מיר אַן אַרבעטער:

— באָווער, עס וואָלט נישט געשאַדט, איר זאָלט זיך אָנטאָן אַ ביסל וואַרעמער.

— אויך מיר אַ קעלט, — האָב איך געלאַכט.

— קאַלט איז טאַקע נישט, אָבער איך דענק אַז דאָס וועטער וועט זיך באַלד ענדערן.

איך האָב זיך אויסגעלאַכט פון זיין וואָרנונג און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

געגאַנגען איז די אַרבעט בא מיר זייער לעבעדיק. איך האָב זיך געריסן אויפן גאָרגל, געזונגען לידער און געאַרבעט.

אין האַרצן האָב איך געלאַכט פון דעם באָווער, וועלכער האָט מיר געהייסן זיך אָנטאָן וואַרעם אין אַזאַ הייסן טאָג.

נאָר פּלוצלונג איז געוואָרן פינצטער. ס'איז געקומען אַ ווינט און אָנגעהויבן קרעכצן און פייפן. דער ווינט האָט מיך געשאָקלט אויפן שטריק און איך האָב זיך אַלע ווײַלע אָנגעקלאַפּט אין קוימען.

די שטריק האָט געטאַנצט אַ ווילדן טאַנץ. איך האָב געפילט, אַז זי וועט זיך באַלד איבעררייסן און איך וועל אַראָפּפאַלן און צעשאָטן ווערן אויף פיצלעך אויף דער ערד.

ס'איז געוואָרן קאַלט. מיינע הענט האָבן אָנגעהויבן פרירן. מיינע קני זיינען געוואָרן צעבלוטיקט און די הענט צעביילט. דער ווינט רויטט מיר איין אַ סאָד אין אויער:

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן? וועסט נאָך זינגען? איצט ביסטו בא מיר אין די הענט.

— מען מוז גלייך עפּעס טאָן. נאָך איין מינוט וועט זיין שפּעט. עס איז געבליבן איין מיטל. אַראָפּגליטשן זיך מיטן שטריק צום דאַך. אין אַ גוטן וועטער איז דאָס אויך שווער, איבערהויפּט איצט. און די

שטריק האָט געפּלאָנטערט—אין דער לופט, געפּאַטשט און געשטויסן איבערן קוימען.

ווי אַזוי איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט, געדענק איך ניט. אַלץ איז פאָרגעקומען, ווי אין אַ כאָלעם. איך געדענק נאָר, אַז גלייך, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן מײן רײזע איבער דער שטריק, האָב איך דער-פילט אַ פייער אין די הענט. עס האָט זיך מיר אָפּגעריבן די הויט און שטיקער פלייש. נאָר וואָס מאַכט עס אויס? באַלד בין איך שוין אויף דער ערד.

ענדלעך — איך בין שוין אויף דעם דאַך פון דער פאַבריק. איך בין געראַטעוועט.

— וואָס האָט זיך מיט דיר געטראָפן? — האָט געפרעגט דער אַלטער מאַשיניסט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— גאָרניט. איך בין שיר ניט דערהאַרגעט געוואָרן. דער ווינט!

— האָסטו זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטריק פון קוימען? — האָט דער אַלטער געפרעגט און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

איך האָב אים געוויזן מײנע צעבלוטיקטע הענט. דער אַלטער האָט גלייך געבראַכט הייסן בוימל און באַגאָסן מײנע הענט. איך האָב געקריצט מיט די ציין פון ווייטיק. דערנאָך איז מיר אָבער געוואָרן גרינגער. מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. איך בין דאָרטן געלעגן צוויי טעג. מײנע הענט זײנען געווען באַנדאַזשירט. איך האָב געפילט אַ ווייטיק אין מײן גאַנצן קערפּער. דאָך האָב איך אין אַ וואָך אַרום זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב מורע געהאַט צו פאַרלירן מײן אַרבעט.

נאָר איצט האָב איך אָפּט געקוקט אויפן הימל. איך האָב שוין געוואוסט וואָס אַזוינס איז אַ ווינט, און אַז מיטן ווינט טאָר מען זיך ניט שפּילן.

| אײנצאָל: | מערצאָל: | מערצאָל: | אײנצאָל: |
| --- | --- | --- | --- |
| אַ בריק | ______ | דעבער | ______ |
| דער ווינט | ______ | שיפן | ______ |
| אַ קוימען | ______ | לידער | ______ |
| אַ גאָרגל | ______ | מוראַשקעס | ______ |
| אַ וואָרענונג | ______ | ציין | ______ |

אַ נ ט אָ נ י מ ע ן:

| | | | |
| --- | --- | --- | --- |
| — הויך | ______ | קליין | ______ |
| שווער | ______ | אַ קעלט | ______ |
| | פרירן | ______ | |

# די מיינער

פון סארע בארקאן

כ׳וועל איך, קינדער, איצט דערציילן
וועגן מיינס און וועגן קוילן:
ווער עס טוט די קוילן גראבן,
און ווער עס טוט די קוילן האבן.

פונקט אזוי ווי אונזער לעבן,
האט מען קוילן אונז געגעבן.
ווער עס פלעגט זיי דארפן האבן,
פלעגט אוועק אין מיין און גראבן.

איז דער רייכער אנגעקומען
און די מיינען צוגענומען.
ער גיט קיין קוילן ניט אן געלט,
אפילע ווען מע שטארבט פון קעלט.

פרידן ארבעטער אין די שטיבער,
און מיט קוילן פול די גריבער.
פרואוו נאר, נעם א קויל אליין,
וועסטו גלייך אין טורמע גיין.

זיינען ארבעטער אין נויט,
קליינע קינדער וויינען: ברויט.
און אז קינדער וויינען: ברויט,
שרעקט דעם טאטן ניט דער טויט.

אין די טיפסטע, טיפע הילן
קריכן טאטעס גראבן קוילן.

ניט נאר טאטעס גראבן קוילן,
קינדער קריכן אויך אין הילן,
אפטמאל ווערן זיי פארשאטן
און זיי ווערעמלעך צעטראטן.

און דעם רייכן איז דאך גרינג,
ער לעבט אין רייכקייט, האט אלצדינג.
אין זייןווארעמען געצעלט
ציילט ער פולע זעקלעך געלט.

איך וועל — כ׳וועל.

פארקירצן: איך דערצייל, מען גראבט, עס טוט, מען שטארבט, עס וויינט, איך נעם, עס איז, מען גייט, איך האב, מען קלייבט.

# די פאַריזער קאַמונע

דעם 18טן מערץ 1871טן יאר האבן די ארבעטער פון פאריז געשאפן א פרייע קאמונע. די ארעמע באפעלקערונג און ארמיי־טיילן האבן פארטריבן די פארהאסטע קאפיטאליסטישע רעגירונג און אויפגעהויבן די רויטע פאן. א פרייד האט פארהילכט די גאסן: „לעבן זאל די קאמונע!"

און איר מאניפעסט צו אלע בירגער פון לאנד האט די קאמונע דערקלערט: „אזוי וויל פאריז — ערד פאר די פויערים, פאבריקן פאר די ארבעטער, ארבעט פאר אלעמען. קיין רייכע און קיין ארעמע. ניט אז איינער זאל ארבעטן אן אפרו, און אנדערע זאלן שטענדיק רוען און גארנישט טאן."

די קאמונע איז גלייך צוגעטראטן ארויסגעבן געזעצן פאר די ארבעטער, עפענען פאבריקן פאר ארבעטלאזע, שולן פאר גרויס און קליין.

איבער צוויי באדאשים האט זיך די קאמונע געהאלטן. אפן 72טן טאג איז זי געפאלן.

די ארבעטער זיינען צו יענער צייט געווען נאך שוואך ארגאניזירט. זיי האט געפעלט דערפארונג אין קאמף. די אנפירער זיינען געווען צעריסן אף פארשיידענע פארטייען און האבן ניט געקאנט דורכ־קומען צווישן זיך. זיי האבן ניט אנגענומען באצייטנס קיין מיטלען צו פארגרייטן שפייז און געווער, באפעסטיקן די שטאט, פארבינדן זיך מיטן גאנצן לאנד. אין דער אייגענער צייט איז די בורזשואזע רעגירונג, וואס האט זיך געפונען אין דער שטאט ווערסאל, געקומען צו זיך. זיי האבן צונויפגעקליבן א שטארקע ארמיי, באלאגערט פאריז און אפגעשניטן זי פון דער גאנצער וועלט. העלדיש האבן די קאמונארן פארטיידיקט זייער קאמונע. ביזן לעצטן טראפן בלוט. טראט נאך טראט האט די זאטע ווערסאלער ארמיי אפגענומען בא די קאמונארן איין באריקאדע נאך דער צווייטער, ביז דער לעצטער קאמונאר אף דער לעצטער באריקאדע איז געפאלן.

די באסעס האבן דאן זיך אפגערעכנט מיט די קאמונארן. 35 טויזנט מאן, יונג און אלט, פרויען און קינדער זיינען אן שום מישפעט דערהארגעט געווארן אף די גאסן, אין די הייזער, און די קאזארמעס. 35 טויזנט געפאנגענע האט מען אריינגעזעצט אין טורמעס.

די קאמונארן זיינען געפאלן, אבער זייער קאמף איז געבליבן. סאוועטן־לאנד האט איבערגענומען. ארומגערינגלט מיט סאנים, האלט דער ארבעטער־קלאס פעסט און מיט קלוגשאפט די מאכט און זיינע

הענט. ער וועט זי נים אַרויסלאָזן ביז דעם זיג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אַף דער גאַנצער וועלט.

**געפֿינט אויס:**

וואָס האָבן געלערנט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פֿון די קאָמונאַרן?

# די לײמענע פּיפּקע

פֿון אי. ערענבורג

לואי רו האָט גענומען די פּיפּקע אין די ציין און זיין זון פּאולן אַף די פּלייצעס, און איז אַוועק באַשיצן די קאָמונע.

לואי האָט דערלאַנגט די קוילן צום האַרמאַט. זיי זון פּאול איז געשטאַנען לעבן טאַטן.

באַנאַכט איז דאָס קינד געשלאָפֿן אין הויז בא אַן אַרבעטער. דער אַרבעטער האָט געשענקט פּאולן אַ נייע לײמענע פּיפּקע, פּונקט ווי זיין טאַטנס, און אַ שטיקל זייף.

איצט, ווען די קאָמונאַרן האָבן געשאָסן, האָט פּאול געהאַט וואָס צו טאָן. ער האָט געלאָזן פֿון זיין פּיפּקע זייפֿן־בלאָזן. די זייפֿן־בלאָזן זיינען געווען פֿון אַלערליי קאָלירן.

אַז ער האָט זיך געשפּילט מיט דער לײמענער פּיפּקע, פֿלעגט ער אָפּט פֿאַרגעסן צו עפֿענען דאָס מויל און וואַרטן אַף אַ שטיקל ברויט. אַז ער פֿלעגט צוגיין צו די קאָמונאַרן, פֿלעגט ער פֿאַרבייסן אין די ציין די ליידיקע פּיפּקע, פּונקט ווי זיין טאַטע, און די קאָמונאַרן פֿלעגן קלייבן נאָבעס פֿון פּאולן:

— זעסט אויס, ווי אַן עמעסער קאָמונאַר.

אָבער די קאָמונאַרן האָבן געהאַט ווינציק האַרמאַטן און ווינציק קוילן. זיי זיינען געווען קליין אין צאָל. און די רייכע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ווערסאַל, האָבן יעדן טאָג צוגעפֿירט נייע סאָלדאַטן און נייע האַרמאַטן.

פֿיל פֿאַרטן זיינען שוין געווען בא זיי אין די הענט.

לואי רו איז געבליבן אַף זיין פּלאַץ דער לעצטער. ער האָט איצט אַליין געקייקלט די קוילן, אַליין געלאַדן דעם האַרמאַט און אַליין געשאָסן.

אין די רייכע פּאַלאַצן האָט געהערשט אַ פֿרייד. די גאַלאַכים האָבן געדאַנקט גאָט. די גענעראַלן האָבן זיך געגלעט די וואָנצעס.

דער קאַפּיטאַן פֿון דער ווערסאַלער אַרמיי, פֿראַנסואַ, האָט גע־

בראַכט פאַר זײַן קאַלע אַ קראַנץ מיט בלומען. די בלומען זײַנען געװען געשענקט לעקאַװעד דעם זיג איבער די קאַמונאַרן.

— מאָרגן װעלן די װערסאַלער סאָלדאַטן אַרײַנגײן אין פּאַריז. דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן װאָס פאַר אַ מערדער די קאַמונאַרן זײַנען. איך האָב אַלײן געזען, װי אַ קלײנער אינגל שיסט פון אַ האַרמאַט און דער קלײנער אױסװאָרף רײַבערט שױן אַ פּיפּקע.

— אָבער דו — װעסט דאָך זײ אַלע טױטן מיט די קינדער צוזאַמען, — האָט געזאָגט זײַן קאַלע.

אױף מאָרגן האָבן די סאָלדאַטן פאַרנומען פּאַריז. לואי רו מיט נאָך צװײ קאַמונאַרן האָבן געשאָסן אין די װערסאַלער סאָלדאַטן. פראַנסואַ האָט געהײסן אַרױסשטעלן אַ װײַסע פאָן. לואי רו האָט געהערט, אַז אַ װײַסע פאָן מײנט שאַלעם. ער האָט געמײנט, אַז די װערסאַלער װילן שאַלעם מאַכן מיט דער פּאַריזער קאָמונע.

די דרײַ קאַמונאַרן האָבן אױפגעהערט צו שיסן. זײ האָבן געשמײכלט, געררױכערט די פּיפּקעס און געװאַרט אױף די װערסאַלער סאָלדאַטן. דער קלײנער פּאָל, װעלכער האָט שױן אױסגענוצט די גאַנצע זײַט, האָט אױך געהאַלטן די פּיפּקע אין מױל און אױך געשמײכלט.

װען די סאָלדאַטן זײַנען צוגעגאַנגען צו די קאַמונאַרן, האָט דער קאַפּיטאַן געהײסן זײ שיסן. נאָר דעם קלײנעם קאַמונאַר האָט ער צוגענומען אַ לעבעדיקן, צו װײַזן אים זײַן קאַלע.

די סאָלדאַטן האָבן אים געשלאָגן און באַלײדיקט.

דער קלײנער פּאָל, װעלכער האָט קײנעם קײן שלעכטס ניט געטאָן, און האָט נאָר געלאָזט זײפן־בלאָזן פון דער פּיפּקע, האָט ניט געקענט פאַרשטײן, פאַר װאָס שלאָגן אַזױ די מענטשן.

מען האָט געבראַכט פּאָלן אין אַ גאָרטן. דאָרט זײַנען געזעסן די געפאַנגענע קאַמונאַרן. פּאָל איז אַרומגעגאַנגען צװישן זײ מיט זײַן פּיפּקע. װען ער האָט געזען, אַז אײניקע פרױען הערן ניט אױף צו װײנען, האָט ער זײ געטרײסט:

— איך קען מאַכן זײפן־בלאָזן. מײַן טאַטע האָט געררױכערט אַ פּיפּקע און געשאָסן פון אַ האַרמאַט. איך בין אַן עמעסער קאַמונאַר.

דערנאָך האָט זיך פּאָל אָװעקגעזעצט אױפן גראָז. ער איז אַנטשלאָפן געװאָרן, ניט אַרױסלאָזנדיק די פּיפּקע פון מױל.

---

װען פּאָל איז געשלאָפן, האָט דער קאַפּיטאַן פראַנסואַ געפירט זײַן קאַלע איבער דער שטאָט פּאַריז. װען ער איז געקומען אין גאָרטן, האָט ער אַרױסגערופן אַ סאָלדאַט און געפרעגט:

— װוּ געפינט זיך דער קלײנער געפאַנגענער קאַמונאַר?

אַז ער האָט אים דערזען אַ שלאָפנדיקן, האָט ער אים אויפגע־וועקט מיט אַ שטויס.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען וויינען. אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעשמייכלט, גענומען די פּיפּקע אין מויל און דערקלערט:

— איך בין אַן עמעסער קאָמונאַר.

דער קאַפּיטאַן האָט צופרידן געזאָגט:

— מאַקע? אַזאַ בריקל! איך מיין, אַז זיי וועלן געבאָרן מער־דער. מען דאַרף זיי אַלעמען אויסהאַרגענען. אַפילע די קלענסטע.

דער קאַפּיטאַן האָט אים גלייך געוואָלט דערשיסן. אָבער די קאַלע האָט אים געבעטן וואַרטן.

— איך וויל זיך לערנען שיסן, — האָט זי געזאָגט, — אַ פרוי פון אַן אָפיצער מוז קענען האַלטן אַ ביקס אין האַנט. לאָמיר טרעפן אין דער פּיפּקע פון דעם קליינעם מערדער.

פּאַול איז געשטאַנען הויך מיט דער פּיפּקע אין מויל און האָט געשמייכלט.

זי האָט געוואָלט טרעפן, ווען די פּיפּקע וועט זיך באַוועגן. האָט זי אַ געשריי געטאָן צו דעם אינגל:

— לויף! איך שיס!

אָבער פּאַול האָט זיך ניט דערשראָקן. ער האָט שוין געזען, ווי מענטשן שיסן פון ביקסן. דערפאַר איז ער הויך געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

די קאַלע האָט אויסגעשאָסן, און ניט געטראָפן אין דער פּיפּקע.

— קוק, — האָט דער קאַפּיטאַן צו איר געזאָגט, — דו האָסט געהאַרגעט דאָס ווילדע בייעלע און די פּיפּקע איז געבליבן גאַנץ.

פּאַול ה., וועלכער האָט געלעבט אויף דער וועלט פיר יאָר, און אַזוי ליב געהאַט די זייפנבלאָזן, איז געלעגן אָן באַוועגונג אויף דער ערד.

די אַרבעטער פון פּאַריז האָבן באַלאָרן, ווייל ________________

די פּאַריזער קאָמונע איז געווען די ערשטע ________________

די קינדער אין דעם קאַמף פאַר דער קאָמונע האָבן ________________

# קינדער־באַוועגונג

פּייסעך — ניט קיין פּרייהייט־יאָנטעוו.

קינדער אין דעם קריזיס: הונגעריקע, קראַנקע.

פאָדערונגען פאַר שפּייז, קליידער און קאָרפּער.

פּיאָנערן פון אַלע לענדער.

קינדער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די קינדער־ברענטשעס פון דעם אָרדן.

קאַמפּן פון פּיאָנערן.

---

וואַנט־צייטונג:

אַרבעטער־קינדער.

צייט:

פון 1טן אַפּריל ביזן 25טן אַפּריל.

# די פיר קשיות

פון כאַשמאַל

מישע דער אונטערפרעסער איז געווען אַ פרומער איד. ער פלעגט ראַשעשאַנע און יאָם־קיפּער זיין דאַווענען. פראַווען פייסעך אַ סידער. און געלייענט האָט ער דעם „פאָרווערטס“.

עטלעכע וואָכן פאַר פייסעך האָט ער זיך באַרימט פאַר די אַרבעטער:

— איי, האָב איך אַ אינגל, אַ נאָבעס! פייסעך צום סידער וועט ער מיך פרעגן די פיר קשיות, וועט ווערט זיין אַלין אין דער וועלט.

די אַרבעטער האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי גלייבן אים ניט. האָט מישע געוואָלט הריך, אַז ס'איז עמעס און פאַרבעטן זיי צום סידער, צו הערן ווי זיין אינגל, דזשיקעלע, פרעגט די פיר קשיות.

אין דער עמעסן האָבן די אַרבעטער געוואוסט, אַז מישע זאָגט דעם עמעס.

אָבער דאָס מאָל האָבן זיי דעם פרומען מישען אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ביידע אַרבעטער האָבן געהאַט אינגלעך, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער אַרבעטער־שול. זיי האָבן דערציילט די אינגלעך די גאַנצע מייסע וועגן דעם אינגל מיט די פיר קשיות און אָפּגעמאַכט אַזוי:

ביידע אינגלעך וועלן אַריבערגיין צו מישעס אינגל, דזשיקעלען, און אים אַריינעמען אין שול און צו די פּיאָנערן. זיי מוזן זיך גוט באַפריינדן מיטן נייעם אינגל.

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. דער אינגל איז געוואָרן גאָר אַ גוטער פּיאָנער. און אָפן אָרט פון די פיר קשיות האָט ער גוט געלערנט וועגן לעבן פון זיין טאַטן און פון אַנדערע אַרבעטער.

אַז ס'איז געקומען־דער פייסעך זיינען די אַרבעטער אַוועק צו מישען דעם אונטערפרעסער, הערן ווי זיין דזשיקעלע פרעגט אים די פיר קשיות צום סידער.

אַלע זיצן באַם טיש. און דזשיקעלע וואַרט, אַז דער טאַטע זאָל אים הייסן אָנהייבן.

— נו, דזשיקעלע, — זאָגט דער טאַטע אַ ווײַלע שפּעטער, — שטעל זיך אַוועק און פרעג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, די פיר קשיות.

דזשיקעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן:

— טאַטע, איך וועל דיך פרעגן די פיר קשיות: די ערשטע קשיא וועל איך דיך פרעגן.

— ווי קומט עס, וואָס דו, אַן אַרבעטער, וועלכער איז פאַר־שקלאַפט אין שאַפּ, זאָלסט זאָגן פון דער האַגאָדע, אַז דו ביסט פריי. ס'איז דאָך ניט עמעס!

מוישע איז אויפגעשפרונגען:

— דזשעק, וואָס איז דער מער מיט דיר? וואָס האָסטו זיך עס אויסגעלערנט?

— מיינע כאַווערים האָבן מיך אַריינגענומען אין דער אַרבעטער-שול און צו די פּיאָנערן, האָב איך זיך דאָרט אַזוי אויסגעלערנט.

מוישע האָט זיך געוואָלט וואָרפן שלאָגן אָפּן אינגל. אָבער די אַרבעטער האָבן אים פאַרהאַלטן:

— מוישע, איר דאַרפט זיין צופרידן, וואָס אייער אינגל פאַרשטייט אייער לעבן. לערנט מען אים דען אין כיידער, ווי שווער איר אַרבעט אין שאַפּ? ווי דער באָס יאָגט פון אייך אַרויס די נעשאָמע?

מוישע איז שטיל געוואָרן. אָבער דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּאַנעם:

— קום שוין אַהער, מיין קאָמוניסטל, קום שוין אַהער. איך זע שוין וואָס פון דיר איז געוואָרן.

בא יענעם סיידער האָבן אַלע געגעסן, אָבער קיין האַגאָדע האָט מען ניט געזאָגט.

פּייסעך איז ניט קיין אַרבעטער-יאָנטעוו, ווייל ____________________

די קינדער פון די „היברוס" וואַקסן ניט קיין אַרבעטער-קעמפער, ווייל ______

אַרבעטער דאַרפן שיקן זייערע קינדער אין ____________________

# ווי אַזוי מײַן טאַטע האָט געשאָלטן גאָט

### פון כאַוועד פאַוועד

1

אַכט יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען און ניט געהאַט קיין שיך. אין אונזער שטעטל טיפּע בלאָטעס, און איך — אַ באָרוועסער.

מיין טאַטע האָט פאַרקויפט האָלץ, איז טאָקע בא אונז אין הויז געווען קאַלט, ווייל טאָמער וואָלטן מיר מיט דעם האָלץ באַהייצט אונזער הויז, וואָלט דער טאַטע ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן.

יאָ, איר קענט נאָך ניט מיין מאַמען? שטעל איך זי גלייך פאָר. אַ קליינינקע, אַ שוואַכינקע און פרום — גאָרניט צו באַשרייבן. זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן צו גאָט.

„ליבער גאָט, זאָלסט ניט פאַרגעסן דיין דינסט סאָרע, און פאַר-

נעם איך נים מייערן, ער איז מיין מאן. און האב איך אין זינען מיין קינד, ער גיים נעבעך ארום א באָרוועסער.״

איצט מיין מאמע:

א הויכער איד, א שטאַרקער, געוואַקסן אין די וועלדער. ער האט קיין מורא ניט געהאט פאַר וועלף, פאַר קיינעם גים מוירע גע־האט, אַבוץ פאַר מיין קליינינקער שוואַכינקער מאמען. זי האט אים נים געזידלט און נים געשאָלטן, נאָר זיך בלויז אוועקגעזעצט וויינען און גענומען גאַט פאַר אן אידעס. און פאַר גאט האט מיין טאטע געציטערט.

איצט קומען מיר צו דער מייסע, ווי אזוי מיין מאמע האט גע־שאָלטן גאָט.

ווי איר ווייסט, בין איך געווען א באָרוועסער. פלעג איך זיצן גאַנצע טעג באַם פענצטער, אַרויסגעקוקט אין־דרויסן און מעקאַנע געווען די קינדער, וועלכע האבן שיך. אַבער איך האב געהאפט אף פייסעך. אף פייסעך האט דער טאטע מיר צוגעזאָגט צו קויפן נייע שיך.

ווי זשע וועט מיין טאטע נעמען געלט צו קויפן מיר שיך? איז די מייסע אזוי: מיין טאטע האט פון האָלין געמאַכט שפּיצעס פאַר רעדער. א גאַנצן ווינטער האט ער געאַרבעט. דערנאָך האט ער געוואַרט אף די סאָכרים.

2

די זון וואַרעמט שוין. די בלאָטע טריקנט. אַבער די סאָכרים זיינען אלין ניטאָ. מיין טאטע זיצט מיט אן אומעטיק פּאָנעם. אַבער די מאמע טרייסט אים:

— וועסט זען, מייער, אז גאָט וועט נים דערלאָזן, אז אונזער קינד זאָל בלייבן אָן שיך אף פייסעך.

3

די סאָכרים זיינען געקומען. מיין קליינע מאמע שטייט אין דרויסן און קוקט מים פרומע אויגן, ווי דער טאטע ווייזט זיי די שפּיצעס. זיי באַטראַכטן די שפּיצעס און וואַרפן זיי אַוועק מיט בימל. מיין טאטע פּריאוועט זיי איינרעדן. אַבער זיי קוקן זיך שוין מער נים אום אף אים.

מיין טאטע דערזעט מיין פאַרזאָרגט פּאָנעם אין פענצטער און קערט אוועק דעם קאָפּ. מיין מאמע גיט אים א ריר באַם אַרבל:

— מען טאָר ניט זינדיקן, מייער. גאָט ווייסט וואָס ער טוט.

— וואָס ווייסט ער, דיין גאָט? — איז מיין טאַטע געוואָרן ווייער אין קאַעס.

— דו זינדיקסט, מייער. גאָט זאָל דיר פאַרגעבן דיינע שלעכטע רייד.

— וואָס גאָט? וועך גאָט? — איז מיין טאַטע געוואָרן נאָך מער אין קאַעס.

מיין מאַמע האָט אָנגעהויבן וויינען. און באַ מיין טאַטן זיינען טרערן ערגער ווי פעטש. קען ער זיך שוין מער ניט איינהאַלטן, הייבט ער אויף אַ שטאַרקן פויסט צום הימל און שריַיט אַרויף:

— אוי, גאָט, זאָל אַ רועך אין דיר אַריין!

מיין מאַמע האָט געכאַלעשט.

שרייב אַריין אין העפט דעם שמועס צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

---

# מייער דער רויטאַרמייער

פון י. קאַטלער

איז געפאַרן מייערל,
רייטנדיק אויף אַ קאָזי.
איז ער געפאָרן און געפאָרן
און געשטאַנען אויף איין פּלאַץ.

איז געפאַרן מייערל,
רייטנדיק אויף אַ ברעט,
איז ער געפאָרן און געפאָרן
און געבליבן אין בעט.

רופט זיך אָן דער קאָמינטערן
ווייער הויך, אַז מייערל זאָל דערהערן:

גיי, מייער,
גיי, גיי,
שליס זיך אָן
אין דער רויטער אַרמיי.

איז אָבער מײער
נאָך אַ קלײן מײערל,
װעט ער ניט װערן קײן אַרמײער,
נאָר אַ קלײן אַרמײערל.

טוען מײערן װי די פּיסלער
צו שפּאַנען אױף דער ערד,
דאַרף מען [illegible] געבן
אַ פּײַנעם [illegible]

איז אָבער [illegible] אַן אַרמײערל,
ס'װאַקסט נאָך [illegible] קײן בערדעלע.
האָט מען מײערלען געגעבן
אַ קלײן פּערדעלע.

פליט ער מיטן פערדל
איבער בערג און מױערן,
װען דעם פערדל בײסט,
שאָקלט עס מיט די אױערן.

אָבער מײערל אױפן פערדל
זעט אױס זײער גרױס,
פליט ער קײן אַלאַבאַמאַ
צו די סקאַטסבאָראָ „באָיס“.

ער טוט מיטן ביקס
אַ שאָס און אַ טראַך,
און שיסט אָפּ פון טורמע
דעם בױדעם מיטן דאַך.

ער האָט אױפגעזעצט די אינגלעך
אױף זײן פערדעלע דעם קלײנעם,
האָט אױסגעפעלט פּלאַץ
נאָר פאַר אײנעם.

האָט זיך דער נעגער אינגל
אָנגעכאַפּט באַם עק —
אַ טרײב געטאָן דאָס פערדל
און „גידאַפּ“ — אַװעק!

איז מײַערל אַן אָרמײַער
פֿון די העלדישע זין,
פֿאָרט מײַער צו טעלמאַנען
גלײַך קײן בערלין.

כאַפּט ער היטלערן בײַ דער װאַנצע
און גיט זי אַ דרײ:
גיב מיר אָפּ מײַן טעלמאַנען!
האָט ער געטאָן אַ געשרײ.

איז דאָך היטלער אַ מערדער,
פֿאַרשליסט ער די טירן,
האָט אים מײַערל אָפּגעשאָסן
בײדע אויערן.




דערלאַנגט מיטן ביקס
אַ שאָס און אַ טראַך,
פֿון טורמע אַראָפּגעשאָסן
דעם בוידעם מיטן דאַך.

אַרויסגענומען טעלמאַנען
פֿון די װילדע בערן
און אַװעקגעפֿלױגן שנעל
גלײַך צום קאָמינטערן.

איז מייערל דער קליינער
אַ גרעסטער העלד,
איז מייערל באַליבט
אַף דער גאַנצער וועלט.

קומט כאַווער סטאַלין
און פרעגט: — וואו איז מייערל?
איך האָב אַ מאַטאַנע
פאַרן רויטאַרמייערל.

כאַווער סטאַלין האָט מייערלען
געטאָן אַ קוש אין שטערן
און אַליין אים אָנגעשפיליעט
אַ רויטן שטערן.

איצט איז מייערל
ניט מער קיין אַרמייערל.
איצט איז מייער
אַ גרויסער רויטאַרמייער.

וואָס לערנט אונז דאָס ליד? שרייב אָן אַן איבערזיכט (רעזיומע).
לערן אויס דאָס ליד אַף אויסנווייניק.

| | | | |
|---|---|---|---|
| פרעגן — | פרעגט | לעקן — | לעקט |
| יאָגן — | יאָגט | בראָקן — | בראָקט |
| זיגן — | זיגט | שטיקן — | שטיקט |
| שרייבן — | שרייבט | קנייפּן — | קנייפּט |
| רייסן — | רייסט | ווייזן — | ווייזט |
| זינגען — | זינגט | זינקען — | זינקט |

# די באַבע מיט די איינִיקלעך.

עס איז געווען אַ זעלטענע באַגעגעניש. סאָוועטישע פּיאָנערן האָבן באַזוכט כאַווער דימיטראָווס מאַמע, וועלכע איז אַלט צוויי און זיבעציק יאָר. מיט גרויס ליבע האָבן די קינדער אַרומגערינגלט די אַלטינקע. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין די טיפע קנייטשן אַף איר פּאָנעם, אין אירע אַלטע שמייכלענדיקע אויגן. זיי האָבן געשלונגען יעדן וואָרט אירן.

דימיטראָווס מאַמע האָט גערעדט בולגאַריש. זי האָט זיי דערציילט פון איר זונס לעבן. זי האָט אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, ביז אַ כאַווערטע האָט איבערגעזעצט אירע ווערטער.

— ווען מײַן זון איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שול. מיר האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן, איז ער געגאַנגען אַרבעטן, פאַרדינען אַף אַ שטיקל ברויט.

נאָך דער אַרבעט פלעגט מײַן זון זיצן ביז פאַרטאָג בײַ אַ נאַפטלעמפּל און פלעגט לערנען און לייענען. אָט אַזוי דורשטיק איז ער געווען צו וויסן.

אין דער פרי פלעגט ער אַ וואַש טאָן בײַם פּאָמפּ מיט קאַלט וואַסער און אַוועק צו דער אַרבעט.

אָט אַזוי האָט ער זיך געלערנט.

ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר, איז ער שוין געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז שוין געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער דרוקער יוניאָן.

דרײַ ברידער זײַנע זײַנען געפאַלן אין קאַמף. דער ערשטער איז געווען קאָנסטאַנטין דימיטראָוו. ער איז געווען אַ סעקרעטאַר פון דער דרוקער־יוניאָן. די בולגאַרישע הערשער האָבן אים געהאַלטן אַף דער פײַער־ליניע אין דער צײַט פון דער וועלט־מלחמה. ער איז דאָרט געהאַרגעט געוואָרן.

דער צווייטער איז געפאַלן ניקאָליי דימיטראָוו. אין יאָר 1905 איז ער אַוועקגעפאָרן אין רוסלאַנד, צו העלפן אין דער רעוואָלוציע. אין יאָר 1908 האָבן אים די רוסישע שפּיאָנען געכאַפּט אין אַן אונטערערדישער דרוקערײַ. זיי האָבן אים פאַרשיקט אַף אייביק קיין סיביר. דאָרט, צווישן קעלט און שניי, איז ניקאָליי געשטאָרבן.

דער דריטער ברודער, טעאָדער דימיטראָוו, איז פאַרפּײַניקט געוואָרן אין אַ בולגאַרישער טורמע. די פּאָליציי האָט זיך נאָך אים לאַנג געיאָגט און זי האָט אים איינמאָל אַרעסטירט אין גאַס. זײַן מאַמע האָט קיינמאָל ניט געקענט אויסגעפינען בײַ די הענקער, וווּ זײַן קבֿר איז.

שטאָלץ און מוטיק ניט צו דימיטראָווס מאַמע:

— זיי זײַנען געפאַלן אין קאַמף פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. מײַן זון דימיטראָוו צוזאַמען מיט די קעמפער פון דער גאַנצער וועלט זעצן פאַר דעם קאַמף, ביז וואַנען זיי וועלן זיגן.

איצט זיצט פאַרשפּאַרט אין טורמע איר אַכצן־יאָריקער אייניקל. ער האָט פאַרשפּרייט קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס, האָט מען אים דערפאַר אײַנגעזעצט. ער איז דער פינפטער בײַ דער אַלטער, איבער וועלכן עס הענגט די טויט־געפאַר.

— ווען די פאַשיסטן האָבן אַרעסטירט מיין עלטערן זון אין דייטשלאַנד, בין איך גלייך געפאָרן אַהין צו העלפן אים מיט וואָס איך וועל קענען. צען יאָר האָב איך אים ניט געזען. איין געדאַנק איז מיר געלעגן אין קאָפּ: איבערן האַלז פון מיין עלטערן זון הענגט די האַק פון די פאַשיסטישע מערדער. ער ראַנגלט זיך איצט מיטן טויט אין די פאַשיסטישע הענט.

צום סאָף האָט די אַלטע געזאָגט צו די קינדער.

— קינדערלעך, היט אָפּ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. די לאַגע פון אַרבעטער־קינדער אין בולגאַריע איז זייער אַ שלעכטע. מען קען ניט פאַרגלייכן זייער לעבן צו אייערן. ווען די עלטערן גייען אַוועק צו דער אַרבעט, בלייבן די קינדער ווי איבעריקע אויף די גאַסן.

די קינדער האָבן איר האַרציק באַדאַנקט פאַרן שמועס. זיי האָבן געבעטן איבערגעבן אַ פּראָלעטאַרישן גרוס די קינדער אין בולגאַריע. זי קלייבט זיך אין גיכן אַהין צו פאָרן.

ענטפער:

ווער האָט באַפרייט די באַוויירים דימיטראָוו, טאַנעף און פּאָפּאָוו?

וואָס פאַר אַ לאַנד האָט דימיטראָוון אַריינגענומען?

מיר רופן דאָס סאָוועטן־לאַנד דאָס פאָטערלאַנד ______

______ פאַרוואָס?

# מיר ווערן פּיאָנערן

פון י. קאַטלער

עפנט די פליגל,
טויערן רויטע!
מיר זיינען אַרבעטער קינדער,
צו לערנען גרייטע!

טויערן רויטע
פון ליכט און פון שיין,
עפנט זיך ברייטער
און לאָזט אונז אַריין!

מיר ווילן ווערן,
מיר דאַרפן ווערן,
מיר מוזן ווערן —
יונגע, רויטע פיאָנערן!

אונזער פרייהייט,
אונזער הערב,
אונזער האַמער,
אונזער סערפּ!



מיר ווילן לערנען,
מיר מוזן קענען
אונזער לערער —
איליטש לענין!

ווי צוויי שיינע פליגל
מיט רויטער שיין,
נעמען די טויערן
די קינדער אַריין.

זעץ איבער אף אידיש די שוואוע (פלעדזש) פון די פיאָנערן.

# ווער זיינען די יונגע פיאָנערן?

יונגע פיאָנערן טראָגן דעם נאָמען פון כאַווער לענין. פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען פיאָנערן, זיי גייען אַף דעם וועג, אַף וועלכן ס'האָט געפירט דעם אַרבעטער־קלאַס און אַלע אונטערדריקטע אונזער גרויסער פירער לענין.

„שטענדיק גרייט!" ענטפערט אַ פיאָנער אַפן צוהוף: „זיי גרייט!"

דאָס זיינען לענינס ווערטער צו די רעוואָלוציאָנערע קעמפער.




„מיר דאַרפן שטענדיק פירן אונזער אַרבעט און זיין שטענדיק גרייט צו אַלץ!"

וואָס דאַרף אַ פיאָנער טאָן, ער זאָל זיין ווערט צו טראָגן לענינס נאָמען?

1) אַ פיאָנער דאַרף זיין אָרגאַניזירט, פאַראייניקט מיט אַלע פּראָלעטאַרישע קינדער. ער דאַרף אַריינציען נייע קינדער אין די

רייען פון יונגע פיאָנערן. אַ פיאָנער דאַרף געדענקען, אַז די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס און פון די אַרבעטער-קינדער שטייען העכער פון זיינע אייגענע אינטערעסן.

2) ער דאַרף זיך פלייסיק לערנען.

ער דאַרף וויסן, ווי אַזוי עס לעבן די אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט. ווי אַזוי ס'ווערט געבוים דאָס אַרבעטער-לאַנד, דער סאָוועטן-פאַרבאַנד.

3) פיאָנערן דאַרפן העלפן זייערע עלטערע ברידער מיט וואָס נאָר זיי קענען: פאַרשפּרייטן צייטונגען, גיין אויף דער פּיקעט-ליין אין דער צייט פון סטרייק, זאַמלען הילף, אָנטייל נעמען אין פייערונגען און דעמאָנסטראַציעס.

4) פיאָנערן מאַכן ניט קיין אונטערשייד צווישן קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער: אידישע, ענגלישע, איטאַליענישע, ווייסע און שוואַרצע. אַלע זיינען זיי לייבלעכע ברידער.

5) פיאָנערן זיינען אַ ביישפּיל פאַר אַלע איבעריקע קינדער. זאָלן די איבעריקע קינדער זען, אַז די פיאָנערן זיינען די ערשטע אין לערנען זיך, אין אַרבעט, אַ פיאָנער קען דערציילן וועגן אַן אַרבעטער יאַנגסטאַון. ער ווייס, וואָס ס'קומט פאָר אויף דער וועלט. ער העלפט זיין באַוועגונג. ער קלערט אויף די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער-קינדער, וועלכע געהערן צו די פּאַטריאָטישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס, ווי באָי און גוירל סקאַוטס, ציאָניסטן, טאַלמוד טוירע קינדער, און ער פירט זיי אַריין אין די רייען פון די פיאָנערן.

אויב אַ פיאָנער געדענקט דאָס אַלץ, איז ער ווערט צו טראָגן לענינס נאָמען.

## פראַגעס:

1) ביסטו אַ פיאָנער?

2) וואָס טוסטו קעדײ אַריינציען דיינע באַקאַנטע אין דער פיאָנערן-אָרגאַניזאַציע?

3) ווי אַזוי דאַרף זיך אַ פיאָנער אויפפירן אין שול, אין גאַס און אין דער היים?

# אייזיק פּיאָנער

פֿון טאָרע באַרקאַן

א שוואַרץ אינגעלע, אַ קליינער,
מיט צוויי שווערס ווייסע ציינער,
שטענדיק אין אַ רויטן סוועדער —
אייזיקן קען יעדער.

אין אַ שניי און אין אַ רעגן
ער וועט די מאַמע גאַרנישט פרעגן,
ער קומט צו מיטינגען צולויפן
פּיאָנערן צו פאַרקויפן.

די פיסלעך פלינק, די אויגן פריידיק,
אייזיק שלאָגלער שטייט ניט ליידיק
אַט איז ער דאָ, אַט איז ער דאָרט,
אומעטום איז אייזיקס אָרט.

יעדער איינער קען אים הערן:
הײ, הײ, קויפט פּיאָנערן!
קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער,
דאָס איז אייזיק פּיאָנער!

שרייב אָן, וואָס דו טוסט אין דיין פּיאָנער־ברעגנטיש.

# אַ בריוו פון כאַוועד סטאַלין צו קינדער.

אין אַ ווייטן פאַרוואָרפענעם העק פון סיביר געפינט זיך אַ [illegible] נאָוואָיאַ אודאַ. אמאָליקע יאָרן פלעגט דער צאַר פאַרשיקן רעוואָלוציאָנערן קיין סיביר. פריער מיט דרייסיק יאָר איז אַהין געווען פאַרשיקט דער כאַווער סטאַלין. כאַווער סטאַלין האָט זיך אָבער אין סיביר לאַנג ניט אויפגעהאַלטן. ער איז אַנטלאָפן און זיך ווידער גענומען צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

איצט איז נאָוואָיאַ אודאַ אַ סאָוועטיש דאָרף. עס איז דאָרטן

דא א קאלווירט, קאמוניסטן, קאמיוגיסטן און פיאנערן. עס איז דא א שול.

ערשט נים לאנג האבן די פיאנערן און שילער פון דארף געשיקט דעם באזוער סטאלין א בריוו. אינם בריוו האבן זיי דערציילט, ווי אזוי זיי לערנען זיך און ווי אזוי עס לעבט זיך איצטער אינם דארף, וואו באזוער סטאלין איז געווען אמאל פארשיקט, ווי אזוי די קאל-ווירטניקעס קעמפן פאר א פארמעגלעכן לעבן.

באזוער סטאלין האט אף דעם דאזיקן בריוו געענטפערט:

„צו די פיאנערן און שילער פון דער שול פאר קאלווירטישער יוגנט אינם דארף נאוואיא אודא.

„איך בעט אנטשולדיקן פאר א שפעטן ענטפער. כ'בין זייער גערירט פון אייער באגריסונג. איך ווינטש אייך געזונט און דער-פאלגן אינם לערנען זיך און אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט. איך האף, אז איר וועט מיט דערפאלג פארענדיקן די לערע און ווערן ענערגישע וויסנדיקע טוער, וואס זיינען נייטיק פאר אונזער לאנד.

„איך, מאלאטאוו, וואראשילאוו און קאהאנאוויטש שיקן אייך א קליינינקע מאטאנע: א ראדיא-אפאראט און א גראמאפאן מיט רע-קארדס. כ'רעכן, אז איצט וועט אייער ראדיא-פונקט געבראכט ווערן אין ארדענונג.

א גרוס אייך פון מאלאטאוון, וואראשילאוון און קאהאנאוויטשן. איך ווינטש אייך אלדאס גוטס.

„י. סטאלין."



# אַ קינדער־בריוו פון איטאַליע.

טייערע באַזוכערס — שטענדיק גרייט!

דורך דער פּאַסט וואָלט דער בריוו צו אייך קיינמאָל נישט אָנגעקומען. אַז דער פּאָסט זיצן דיגער פון אונזער אילדזשטע טיסאַ־לינע. אַלע בריוו קוקט מען דורך.

עס האָט מיר געהאָלפן אַ גליקלעכער צופאַל. טרעפט אַ באַקאַנטער באַווער, אַ מאַטראָס, פאָרט איצט קיין איטאַליע. האָב איך אים געבעטן, געמען דעם בריוו מיט זיך.

נאָר נישט וועגן דעם אַליין האָב איך אייך געוואָלט שרייבן. איך וויל אייך דערציילן וועגן אַ זאַך, וואָס האָט געטראָפן באַ אונז אין שטאָט. דאָ איז פאָראַן אַ סקווער, אויפן סקווער מיטשטען די אָפיצערן די נייע סאָלדאַטן אין דער פאַשיסטישער אַרמיי.

איז אָט דאָס איז געווען נעכטן. די קינדער האָבן, ווי שטענדיק, זיך געשפּילט אויף דעם פּלאַץ, און די סאָלדאַטן האָבן זיך געלערנט צו שיסן מיט ביקסן.

ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט דער קאַפּיטאַן זיי געהייסן זיך שטעלן אין די רייען און זינגען דאָס באַרימטע פאַשיסטישע ליד:

אָ, איטאַליע, די הערשסט איבער אַלע לענדער
און צעשלאָגסט די סאָנים.

אַזוי פלעגט זיין יעדן אָוונט. ווען עס פלעגן זיך ענדיקן די איבונגען, פלעגן די אָפיצערן הייסן די סאָלדאַטן זינגען פאַשיסטישע לידער און מאַרשירן אין קאַזאַרמע.

דאָס מאָל האָבן די יונגע סאָלדאַטן זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען. זיי שטייען און שווייגן.

— נו! — האָט אַ געשריי געטאָן דער קאַפּיטאַן.

און דאָ איז פאָרגעקומען אַן איבערגעווינטלעכע זאַך.

פון די הינטערשטע רייען האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל. אַלע סאָלדאַטן האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג.

איך און מיין באַווער בעפּאָ האָבן זיך צעלאַכט פון פרייד.

— בראַוואָ! מוטיקע סאָלדאַטן! — האָבן מיר אויסגעשריען.

דעם קאַפּיטאַנס פּאָנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און שיער נישט געפּלאַצט.

אויפן סקווער האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרויסער עולם. זיי האָבן געשריען בראַוואָ. מיידלעך האָבן געוואָרפן בלומען.

נאָכדעם זיינען געקומען די שוואַרצע העמדלער. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און געשלעפּט מיט זיך צוויי מאַשין־

ביקסן. זיי האָבן פאַרטריבן די דייטשן מענטשן, און די יונגע סאָלדאַטן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין דער קאַזאַרמע.

איך ווייס ניט וואָס שפּעטער איז געשען מיט די העלדישע סאָלדאַטן.

מען זאָגט, אַז אויפן אַנדערן טאָג האָט מען די עלטערע סאָלדאַטן אַוועקגעשיקט אויף שווערער אַרבעט אין טורמע.

אָבער מיר שרעקן זיך ניט. אונזערע עלטערע ברידער שרעקן זיך אויך ניט. די יונגע קאָמוניסטן טוען זייער אַרבעט אין דער אַרמיי געהיים.

אייער באַזונדער פּיאָנער,
ע. פ ר ע ו ו ע נ ט י.

שרייבט אַ קאָמפּאָזיציע: קינדער אין אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און קינדער אין סאָוועטנלאַנד.

# ווילי פּאַסטערנאַק

פֿון א. מייזל

ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, געווען אַ פּיאָנער און געוואוינט אויף וואַטער סטריט. די גאַס — אַ שמאָלע, אַ ברודיקע; טענעמענט-הייזער, פון ביידע זייטן, האָבן זיך דאָרטן פאַרמאַסטן: ווער איז עלטער, אָפּגעקראַכענער, אָפּגעלאָזענער? בײַטאָג איז ווילי געגאַנגען אין סקול, געשפּילט מיט כאַווירים, און אַרומגעלאָפן פאַרקויפן צייטונגען. בײַנאַכט איז ער געקראָכן אויף אַ פינפטן שטאָק. דאָרטן, אַנטקעגן אַ סקיילייט־וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט, אין וועלכן ער איז געשלאָפן.

די קינדער אויף וואַטער סטריט האָבן זיך געטיילט אין „גענגס": „וואָפּס", „שינים", „גריקס" און „טשינקס". איינגלער האָבן זיך גערייצט מיט מיידלעך. גערעדט מיאוסע רייד. ווער ס'האָט זיך געשעמט, איז געווען אַ „סיסי". שטענדיק האָט מען געפירט צווישן זיך מילכאָמעס. מ'האָט זיך פיינט געהאַט. פאַרוואָס? האָט מען ניט געוואוסט. לעבערן אַ סיינע דעם קאָפּ איז געווען אַ בראַווקייט.

ווילי פּאַסטערנאַק האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אַריינטײַנען:

— ס'א ליגן! וואָפּס, שינים, גריקס און טשינקס זיינען אויסגעטראַכטע זאַכן. ס'זיינען פאַראַן קינדער פון אָרעמע טאַטעס און מאַמעס. און אַלע דאַרפן זיך האַלטן אינאיינעם.—

ווילי האָט גערעדט און קינדער האָבן זיך צוגעהערט. אַ סאַך האָבן געבייזערט, אַנדערע האָבן זיך צוגעהערט. ביסלעכווייז זיינען צו אים צוגעשטאַנען נאָך קינדער: טאָני און לעאָנידאַס, מייש און קוואָנג. באַבין, דעם הושׂעניטאַרס נעגערשן אינגל, מיט צוויי לאַטעס אַף די קני פון די הויזן; האָט מען אויך אַריינגענומען אין דעם פּיאָנעריש אוילעם.

נאָכדעם האָט אַף וואַטער סטריט געטראָפן אַזאַ מייסע:

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג פון כוידעש. דער לענדלאָרד איז געקומען צופאָרן אַף זיין אויטאָמאָביל, איינמאָנען רענט. אַ פעטינקער, אַ גלאַטינקער, אַן אויסגעפּוצטער, איז ער אַרומגעגאַנגען פון שטאָק צו שטאָק, מיטן שווערן גאָלדענעם סיגנעט-רינג אַפן פינגער, געקלאַפּט אין די טירן. טאַטעס-מאַמעס האָבן זיך באַקלאָגט, געבעטן צואַוואַרטן מיטן געלט, דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט איבערפאַרבן מיט פרישן פאַרב זייערע פינצטערע קוואַרטירן. קינדער זיינען דערווייל געשטאַנען אין גאַס, באַקוקט די שיינע גלאַנציקע טיילן פון זיין שיינעם ראָלס-ראָיס אויטאָמאָביל.




אַז דער לענדלאָרד איז אַרויס פון שטוב און אַריינגעזעצט זיך אין אויטאָמאָביל, זיינען נאָך די קינדער געשטאַנען אַרום, ווי אַ קופּע פליגן. ער האָט געבלאָזן די טרובע און גענומען דעם אויטאָמאָביל אויסקערעווען, זיינען זיך די קינדער, ווי פליגן צעלאָפן. נאָר איינער, אַ קליינער ווערווריק (דזשאַנעק האָט מען אים גערופן) האָט זיך אונטערגעדרייט, מען ווייסט ניט, ווי אַזוי, אונטער די רעדער. אַ מאַמע, וויים ווי קרייט, האָט אַ קוויטשע געטאָן; דזשאַנעקן האָט מען אַרויסגענומען, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קעפּל, ווי אַ טויטן פויגל. ער

איז מאקע געווען טויט. אין דראג-סטאר האט מען אף אים געארבעט, ס'האט נית געהאלפן.

גאנץ וואטער סטריט האט געקאכט. אינגלעך פון אלע „גענגס" האבן אלע אין איין קאל געטיינעט: דער לענדלארד וועט דערפאר טייער באצאלן; זיי וועלן אונטערצינדן זיין אויטאמאביל, דורכלעכערן די „טייערס", אים אליין וועט מען באהאגלען מיט שטיינער... ווילי פאסטערנאק איז ארויס מיט א נייעם געדאנק. קינדער האבן עס פריער נית פארשטאנען:

— ס'דארף פאדערן פון דער שטאט שפיל-פלעצער! דאס לעבן אף דער ענגער גאס איז נית געזיכערט. היינט — דזשאנעק, מארגן — א צווייטער און א דריטער. רייכע קינדער ויינען אויסגעהיט פון אזא טויט. ארעמע — מוזן מאנען.

ער האט אויסגעפירט:

ווען עס איז געווען דזשאנעקס לעווייע, זיינען נאך דער קליינער, ווייסער טרונע נאכגעגאנגען א סאך קינדער, פון וואטער סטריט און פון ווייטער. זיי האבן געטראגן פלאקאטן מיט אויפשריפטן:

— מיר ווילן נית ווערן צעמאלן אונטער רעדער!

— גיט אונז שפיל-פלעצער!

און אז קינדער זיינען געקומען אין סקול, האבן זיי אין קארידאר, אף דער וואנט, געפונען דזשאנעקס בילד, אין א שווארצן ראם, און אונטן — אן אויפשריפט:

— איר זייט שולדיק פאר זיין בלוט! גיט אונז שפיל-פלעצער.

אלע האבן פארשטאנען, וועמענס ארבעט ס'איז געווען. אלע האבן געקוקט אף ווילין.

נאכדעם האט פאסירט א צווייטע מייסע:

קינדער זיינען געזעסן אין קלאס, געשטודירט אריטמעטיק: צוויי און איין צענטל, צוויי און דריי צענטל, א מיליאן געקייפלט אף א מיליאן און דאס גלייכן. דער אינגל בארעטא איז מיט אלעמען צו־זאמען געזעסן, אנגעשטרענגט זיך, געוואלט מאכן דעם ריכטיקן בעשבן. פלוצלונג: בארעטא איז בלאס געווארן, די אויגן האבן זיך צעגלאנצט, דער קאפ האט זיך איינגעבויגן אף א זייט. נאכדעם איז דער אינגל אראפגעפאלן פון בענקל, ווי א סנאפ. דער קלאפ האט איבערגעשלאגן דעם כעשבן אינמיטן.

ס'איז געווארן א טומל. ס'איז צוגעלאפן, געבראכט וואסער, גע־ריבן זיינע שלייפן. ס'האט אים אפגעמינטערט און אויסגעפונען: בארעטא האט געכאלעשט פון הונגער. דעם צווייטן טאג, אז ער האט שוין קיין שטיקל ברויט נית געגעסן.

וואס ס'האט זיך אפגעטאן אין קלאס! דער האט אים דערלאנג

ברויט, דער אַ בייגל, נאָך איינער — זיין לעצטע פּעני. אימיצער האָט פאַרגעשלאָגן: אַרויסצוגיין אין גאַס און מאַכן אַ זאַמלונג. דאָס גאַנצע געלט אַוועקטראָגן אין שטוב באַרעטאַן.

ווילי פּאַסטערנאַק — ער איז דאָ. ער איז מיט אַ נייעם געדאַנק אַרויסגעקומען:

— פאָדערן פון דער סקול פרייע מאָלצייטן!

— היינט — באַרעטאַ, מאָרגן — אַ צווייטער און אַ דריטער. רייכע קינדער כאַלעשן ניט פון הונגער. אָרעמע — מוזן מאָנען, פאָדערן!

ווילי האָט אויסגעפירט:

אַף מאָרגן, אין סקול. די לערערן האָט זיך ערשט אַוועקגעזעצט, איינלערנען מיט די קינדער די צענטלעך, מיט די מיליאָנען: ערשט, מיטאַמאָל אַ טומל. אַ קינדער־כאָר שרייט צוזאַמען:

— מיר פאָדערן פרייע מאָלצייטן! מיר פאָדערן פרייע מאָלצייטן!

— באַרעטאַ! מיר ווילן ניט זיין קיין באַרעטאַס!

אַלע פאַרשטייען, וועמענס איפּטו עס איז. אַלע קוקן פאַרגאַנווערהייט אַף ווילין.




מ'האָט ווילין געשלעפּט אין „אָפיס", גערעדט צו אים מיט גוטן און מיט בייזן, געפּרואווט מיט אָנשרעקן.

— דו העצעסט די קינדער.

— ס'אַ ליגן! איר לאָזט זיי כאַלעשן פון הונגער.

— מ'עט רופן דיין טאַטן.

— רופט.

— מ'עט דיך אויסשליסן פון סקול.

— שליסט אויס.

— די סקול איז אָרעם. זי קען אומזיסט קיין מאַלצייטן ניט געבן.
— ניט עמעס. די סקול־באַלעבאַטים זיינען רייך.

די קינדער האָבן אויסגעפירט: מ'האָט אין סקול אָנגעהויבן געבן פרייע מאַלצייטן.

נאָכדעם האָט מען געמאַכט שיך, אייגן־גלעזער, אַ ווינטערדיקן מאַנטל. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. אין קאַלטע ווינטערדיקע טעג איז מען געקומען אין סקול מיט בלויע צע־ביסענע פינגער און לאַנג געבוקעט אויף זיי מיטן אָטעם, ביז זיי האָבן זיך דערוואַרעמט. ווילי פּאַסטערנאַק האָט אָנגעהויבן, וואָס ווייטער, אַלץ מער — מער קינדער זיינען צוגעשטאַנען צו אים.

נאָכדעם האָט פּאַסירט די לעצטע שרעקלעכע מייסע:

געטראָפן האָט זי אינמיטן דער נאַכט; ווען ווילי איז געשלאָפן אין זיין בעט, בײַ דעם סקיילייט־פענצטער. פאַרמאַטערט איז ער געווען: אַ גאַנצער טאָג סקול, פּעדלען מיט ציימונגען; און אין צימער איז אויך קאַלט געווען. ער האָט זיך פאַרוויקלט אין „בלענ־קעט", מיטן מאַמנס אַלטן אויבער־מאַנטל פאַר אַן איבערדעק, אַזש די נאָז האָט זיך קוים אַרויסגעזען. געשמאַק געשלאָפן. גאָרנישט ניט געהערט.

דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין קאָרידאָר, צווישן די בייבי־וועגעלעך, האָט זיך צעלעקט מיט די אַלטע, הילצערנע פּלוווער־טרעפּ. אַ לעק געטאָן און אַוועקגעטאַנצט, פון שטאָק צו שטאָק פון וואַנט צו וואַנט. אָרעמע, אויסגעמאַטערטע מענטשן האָבן גאָ. ־.ט געוואוסט, געלעגן אין די בעטן און געשלאָפן.

אַז מ'האָט זיך אַבאַפּ אויף געטאָן, איז שוין געווען שפּעט: טרעפּ אין פלאַמען, טירן צווישן זידיקע צונגען. מען איז געלאָפן צו די פענצטער, אויסגעבראָזגעט די שויבן, געזוכט די „פייער־עסקייפּס". וואו ס'איז נאָך געווען אַזאַ לייטער, איז ער געווען אַלט, פאַראָסטעט און ניט דערלאַנגט צו דער ערד. און אַנדערע דירעס זיינען קיין „פייער־עסקייפּס" אינגאַנצן ניט געווען. לעבעדיקע, צעשראָקענע מענטשן פאַרשפּאַרט אין אַ פייער־פּאַסטקע.

וואָס ס'איז דעמאָלט געווען מיט ווילי פּאַסטערנאַקן האָט קיינער ניט געוואוסט. אויף מאָרגן האָט לעאָנידאַס זיך געשוואָרן, אַז ער האָט אים פון אונטן געזען שטייענדיק לעבן אַ באַלויכטענעם פענצטער; דאָס פּנים שוואַרץ, פלאַמען — אַרום אים, רויט. הענט — ווי אָנ־געצויגענע בויגנס. אַ מינוט האָט ער אים געזען. עפּעס נאָך ווינ־ציקער. נאָכדעם איז ער אין אַ פלאַמענדיקן צונג פאַרשוואונדן.

מ'האָט ווילי פּאַסטערנאַקן געפונען אין דער פרי; פאַרברענט אויף קויל. ער איז געווען ניט איינער: נאָך זעקס שוואַרצע קערפּערס האָט מען יענעם טאָג פון דעם הויז אַרויסגעטראָגן.

און אז ווילי איז שוין ניט געווען, האָבן אַנדערע קינדער, לעאָנידאַס און מויש, מאַני און משאַנג, און נאָך אַ סאַך, אַ סאַך אַרויסגעלאָזן אַ רוף:

— אַרונטער מיט די פייער־פאַסטקעס!

— ווילי פאַסטערנאַק! איר זייט שולדיק אין זיין בלוט! מיר ווילן ניט ווערן געבראַטן!

— מיר פאָדערן! מאַנען!

נאָך די טויטן־קאַסטנס זיינען נאָכגעגאַנגען טויזנטער קינדער פון וואַטער סטריט און אַרום. געטראָגן בלומען, געזונגען לידער, געהאַלטן אין די הענט פאַנען און פּלאַקאַטן.

ווילי פאַסטערנאַק האָט ניט געלעבט אומזיסט. זיינע באַוויירים וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

שרייב אָן אַלע פאָדערונגען, פאַר וועלכע די קינדער האָבן געקעמפט.

סינאָנימען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ברודיקע | ______ | אַ בוידעם | ______ |
| שטענדיק | ______ | רעגט | ______ |
| אַ פוינע | ______ | אויסקערעווען | ______ |
| בראָווקייט | ______ | מאַנען | ______ |
| נעבויזעקט | ______ | נעשטודירט | ______ |

# די רויטע פאָן.

דעם זיבעטן נאָוועמבער, צו דער פייערונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אַ רויטע פאָן געפלאַטערט פון אַ קוימען פון דער פאַרלאָזטער פאַבריק אין דער שטאָט ר.

די מענער־באַפעלקערונג פון נאָענטן שטעטל, אַ באַוואוסטע נעסט פון קאָמוניסטן, איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן פון די פאַשיסטן. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין. דערפאַר האָט מען זיי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זיי זיינען אַלע געלעגן אויף דער ערד צעבלוטיקטע און פאַרבאַלעשטע.

די פאַשיסטן האָבן געצוואונגען די פרויען צו שטיין און קוקן. דערנאָך האָט מען געהייסן די פרויען אַרומוואַשן די פאַרוואונדעטע און באַנדאַזשירן זיי.

אויף מאָרגן האָבן די פאַשיסטן געזוכט אין שטעטל די עטלעכע מענער, וועלכע זיי האָבן מיט אַ נאַכט פריער ניט געפונען אין דער היים. די פאַשיסטן האָבן אָבער געפונען נאָר פרויען און קינדער. און — פון קוימען האָט ווידעראַמאָל געפלאַטערט אַ רויטע פאָן.

דער פירער פון די פאַשיסטן האָט געצוואונגען אַ אינגל אַראָפּ־

געמען די „רויטע שפאטען". אין דער צייט, ווען דער אינגל האט אראפגעבראכט די רויטע פאן, האבן די פרויען און קינדער געמוזט זינגען דאס „הארסט וועסל" ליד אונטער די אנגעשטעלטע ביקסן פון די פאשיסטן. —

ווען דער אינגל האט ארונטערגעבראכט די פאן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז ניט געווען קיין פאן, נאר א שטיק טוך, איינגעזאפט מיט בלוט: איינער פון די האמיבער, מיט וועלכע די פרויען האבן ארומגעוואשן זייערע צעבלוטיקטע מענער.

ענטפער:

וועלכע פארטיי פירט אן דעם בראון קאמף קעגן פאשיזם אין דייטשלאנד? ____________________
____________________

באווער טעלמאן ווערט געמאטערט אין טורמע. מיר ____________________
____________________



# ציו-ציו און נאָך אַזוינע ווי ער.

פֿון ב. מאָזוער

ווער איז ציו-ציו? און וואָס איז ציו-ציו?

אַ קליין בינגעלע איז ציו-ציו, און אַ צווייפֿאַכער יאָסעם.

דעם טאַטן האָט מען אינמיטן נאַכט אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט; אים אָנגעטאָן אַ שווערן ברעט אויף די אַקסלען און דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט.

דער מאַמען האָט מען דאָס האַרץ דורכגעשטאָכן.

ציו-ציו ווייסט ניט וועגן דעם. ער איז דעמאָלט נאָך געווען זייער קליין. ער האָט נאָך ניט געוואוסט, ווער איז דאָס אַזינס טשיאַנג-קיי-שעק, און ווער עס איז אַזוינס קוני-אַמטסען.

ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס פֿוט זיין טאַטע סאַן-ציו-ציו. וואו ווערט ער פֿאַרפֿאַלן אויף גאַנצע טעג.

ער האָט נאָר געזען ווי ער לויפֿט אַרויס איינגעשפּאַנט אין אַ צווייראָדיקן וואָגן. און אַז ער קומט אַהיים, עסט ער אָפּ אויף גיך און גייט ווידער אַוועק. נאָר די מאַמע זיצט שטענדיק אין דער היים און זינגט קעטיידער אומעטיק און שטיל.

איינמאָל איז געקומען אַ וואָרט צו פֿליען: ק אַ נ ט אָ ן!

טעג און וואָכן, פֿול מיט גוטע נייעסן. עס פֿאַלן אַלטע הערשער. אַ זון איז איפּגעגאַנגען איבער כינע. נייע ווערטער טראָגן זיך אין הויפֿן. כינע איז באַפֿרייט.

עס פֿאַרבריידערן זיך מענטשן פֿון אַרבעט. דער טאַטע סאַן-ציו-ציו איז מיט זיי. דער מאַמעס האַרץ איז מיט אים. מיט ציו-ציון אויף די הענט לויפֿט זי אַרום פֿון איין אָרט צום אַנדערן. זי פֿרייט זיך מיט אַלין. זי זינגט זיך אין איפּגעבריוטן יאַנטען, און זינגט שוין מיט אַן אַנדער קאָל, לוסטיק און פֿריילעך.

ציו-ציו קוקט מיט זיינע ברייט-צעצויגענע אויגן. ער פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָס באַטייט. לאַכט ער און לאַכט.

---

אין טאָקיאָ און אין לאָנדאָן, אין פּאַריז און אין וואַשינגטאָן, איז מען געזעסן בײַ גרינע טישן און געטראַכט: קאַנטאָן איז רויט! דאַרף מען שיקן טויט!

האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שיפֿן מיט קוילן-וואַרפֿער און מינען, מיט ביקסן און האַרמאַטן. קאַנטאָן איז רויט — ברענגען מיר טויט.

ציו-ציו איז געבליבן אַליין, איינער אַליין, און אַזאַ בייזער צייט.

די גוטע שכנים ווייסן ניט וואָס צו ענטפֿערן. זיי באַהאַלטן דאָס פּאָנים אין אַ זייט און זאָגן שטיל-פֿאַרשעמט: ניטאָ זיי! געווען — און ניטאָ!

ציו־ציו וויל פארשטיין. האט עפּשער משיאנג־קיי־שעק אװעק־גענומען דעם טאטן מיט דער מאמען?

גייט ער אין די גאסן און וויינט: וואו איז מיין פאטער סאן־ציו־ציו, און מיין מאמע וואו איז? ——————

אין מאסקווע האט מען דערהערט זיין געוויין. ויינט און נאך אזוינע ווי זיינט.

בא רויטע טישן זיצט מען און מען טראכט: וואס טוט מען מיט אזעלכע ציו־ציוס?

איבער דער גאנצער וועלט זיינען זיי דאך פאראן!

האט מען גענומען א גרויסן שלאס פון א רייכן מאן. געוואשן און געשייערט. צונויפגערופן עטלעכע מענטשן, וואס קאנען רעדן צו קינדער, און זיי געזאגט:

— דאס וועט זיין פאר ציו־ציו און נאך אזוינע ווי ער.

אין דער וועלט האט מען געלאזט וויסן: וואו ס'איז פאראן אזא ציו־ציו, זאל ער קומען קיין מאסקווע. פאראן א הויז, וואס הייסט „אינטערנאציאנאלע קינדער־היים". דא וועלן זיין די קינדער, וועמעס עלטערן זיינען אומגעקומען אין רעוואלוציעס, אדער זיצן אין טורמעס, באם סוינע אין לאנד.

זיינען זיי געקומען. פון אלע לענדער געקומען.

שטייט אינמיטן וואלד דאס ווייסע, גרויסע הויז. אפן דאך פלא־טערט א רויטע פאן.

אין א שלאס, נים וויים פון מאסקווע, קומען געסט און זאגן: די טוואוע אין פעלד זאל זיין אזוי געראטן, ווי אט די יונגען פון אינ־טערנאציאנאלער קינדער־היים.

ציו־ציו, און ליזל, און אנטעק וועלן ווערן גרויס. וועלן זיי נים בלייבן דא, לעבן מאסקווע. זיי וועלן זיך א לאז טאן אין אלע פיר עקן פון דער וועלט. אין זייערע הערצער וועלן זיי פאנאנדערטראגן טיפן גלויבן. אין די לענדער פון זייערע טאטעס און מאמעס וועלן זיי אנ־פאנגען דארט, וואו יענע האבן אויפגעהערט. מיט הויכן קאל וועלן זיי באנייען דעם רוף:

ציו־ציו און ליזל און אנטעק וועלן מיט מאסקווער מוט פארניכטן און בויען.

די טאטעס האבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס דער רעוואלוציע.
די קינדער וועלן לעבן און לאכן מיט דער רעוואלוציע.
באלשעוויקעס זיינען זיי. מיט [illegible]יסן פלאם קומען זיי.
אין די אדערן בלוט פון רויט[illegible]ייער.
קאמונארן פון גרויסער קאב[illegible] איבער דער גאנצער וועלט.

פאראן אין סאוועטן־לאנד קינד[illegible]ימען פאר קינדער פון דערמארדע־טע און ארעסטירטע ארבעטער קעמ[illegible] אין די קאפּיטאליסטישע לענדער. שרייב אן א בריוו צו די קינדער אין א[illegible] היים. דערצייל זיי, ווי די ארבעטער ועצן פאר בראוו דעם קאמף פון זייערע עלטערן.

# אַ קינדער־היים פון זיבן און צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן

באַזוכער גאַליקאַן דערציילט:

פּעטראַ קאַמענעוו איז אַלט 14 יאָר. זיין טאַטן און מאַמען האָבן די בולגאַרישע פאַשיסטן געטויט. די מערדער האָבן געצוואונגען פּעטראַן, ער זאָל דערציילן כאָטש עפּעס וועגן זיין טאַטנס באַווירים. אָבער פּעטראַ איז געווען איינגעשפּאַרט און ער האָט געשוויגן. דעמאָלט האָבן זיי אַרויפגעלאָזט אויף אים אַ גרויסע שלאַנג, און ער האָט געכאַלעשט...

פּעטראַ איז געקומען אין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער געפינט זיך איצט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ — אין דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קינדער־היים לעבן דער שטאָט איוואַנאָוואָ.

ליכטיקע גרויסע שלאָף־צימערן, צימערן פאַר לערנען און פאַר ספּאָרט. שפּריצן. אַ קלאַנגען־קינאָ. דאָס אַלץ האָט אויפגעבויט דער מאָפּר פאַר פּעטראַן, פאַר פראַנץ ליוטשענסן, וועמענס טאַטן די דייטשע פאַשיסטן האָבן געטויט; פאַר קינדער פון אַנדערע אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט, אָדער זיי מאַטערן זיך אין די טורמעס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

באַם קעמפּ־פייער איז צופעליק אַרויסגעקומען די פראַגע: ווער וואו ס'האָט זיך געבאָרן?

— איך — אין שוואַרצן ים, — האָט געענטפערט אַ קליינער רומענער.

— איך — אין אַטלאַנטישן ים, — זאָגט דאָס נעגער־קינד נילי.

— און איך — אין שטילן ים, — שלאָגט איבער דאָס יאַפּאַנעזערל.

פון אַלע עקן וועלט האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט קינדער פון 27 נאַציאָנאַליטעטן: דייטשן, בולגאַרן, כינעזער, יאַפּאַנעזער, פּאָליאַקן, שפּאַניער, רומענער, איטאַליענער, ענגלענדער, אַראַבער, אינדוסן...

זיי לערנען זיך און אַרבעטן. פאַראַן אין דער קינדער־היים אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר כעמיע און פיזיק, אַ ביבליאָטעק, אַ טישלער־וואַרשטאַט, און עלעקטריפיצירטע שלאָסעריי.

די קינדער־היים שטאַלצירט מיט אירע יונגע מוזיקער, מאָלער און סקולפּטאָרן.

מיט דער קינדער־היים זיינען פאַרבונדן די פּיאָנערן פון דענמאַרק.

נאָרװעגיע, שװײצאַריע, קאָמיוניסטן, קאָמאַנדירן און רויטאַרמײער, אַלטע באָלשעװיקעס, אַרטיסטן און מאָלער.

| אײנצאָל: | מערצאָל: |
| --- | --- |
| אַ גרויסע שלאַנג | ———— |
| אַ שײנער פּאַלאַץ | ———— |
| אַ קלײנער רומענער | ———— |
| אַן עלעקטריפיצירטע שלאָסערײ | ———— |

| מערצאָל: | אײנצאָל: |
| --- | --- |
| די בולגאַרישע פּאַשיסטן | ———— |
| די דײַטשע פּאַשיסטן | ———— |
| די קאַפּיטאַליסטישע לענדער | ———— |
| יונגע מוזיקער | ———— |

# דער ראָװ איז אַנטלאָפן —

שאַבעס אין דער פרי, װען סעלמעס טאַטע איז געזעסן אין שאַפּ און פאַריכט שיך, האָט זיך געעפנט די טיר, און ער האָט דערהערט אַ קאָל:

— גוט שאַבעס, מיסטער לעװין. איר האָט פאַרגעסן, אַז הײנט איז שאַבעס. מען טאָר דאָך הײנט ניט אַרבעטן.

סעלמעס טאַטע האַלט אַ שוך אױפן אײַזערנעם קאָפּול און קלאַפּט טשװעקלעך מיט זײַן האַמער. ער ציט די טשװעקלעך פון מויל אײנס נאָכן אַנדערן און ער ענטפערט דעם ראָװ קורץ און אָפּגעהאַקט:

— מיר אַרבעטן, װען מיר האָבן װאָס צו טאָן. שאַבעס דאַרף מען אויך פאַרדינען אױף עסן. קײנער װעט ניט געבן.

דער טאַטע האָט געמײנט, אַז ער איז שױן פון דעם ראָװ פּאָטער געװאָרן. ערשט, יענער גײט אַרײַן אין צװײטן צימער הינטערן שאַפּ און הײבט אָן טײַנען מיט זײַן װײַב, אַז זי זאָל שיקן די קינדער אין טאַלמעד טוירע.

— װי איך זע, רעבע, אַרבעט איר אויך שאַבעס, — שרײַט דער שוסטער אַרײַן, — נאָר איר אַרבעט מיט דער צונג און איר קריגט אַ סאַך מער געלט פאַר אײער אַרבעט װי איך פאַר מײַנע שיך.

— נײן, נײן, מיסטער לעװין. איך אַרבעט ניט פאַר זיך, איך אַרבעט פאַר גאָט און פאַר אײַך אַלעמען.

פרעגט סעלמעס טאַטע:

— אַז גאָט איז אַ גוטער, טאָ פאַרװאָס העלפט ער ניט די אַרבעט־לאָזע?

— גאָט איז אַ קאַפּיטאַליסט! — האָט סעלמעס שװעסטער אַרײַנגעװאָרפן.

דער ראָװ איז צוגעגאַנגען צו דער קלײנער סעלמאַ און געגומען זי גלעטן, רעדנדיק צו איר טאַטן:

— אַ שיין טעכטערל האָט איר, מיסטער לעווין. שיקט זי צו אונז אין טאַלמעד טוירע.

— וואָס וועט זי בײַ אײַך לערנען? — האָט דער שוסטער בייז געפרעגט, קלאַפּנדיק מיטן האַמער איבערן שוך.

— צו זיין אַ פרומע אידישע טאָכטער און טאָן וואָס גאָט הייסט, — האָט דער ראַוו ערנסט געזאָגט.

— אַזוי? טאָן וואָס גאָט הייסט? און זי זאָל גלויבן, אַז ער וועט מיך שטייסן פאַרוואָס איך פאַריכט שיך שאַבעס, ווייל איך דאַרף עסן, — האָט דער שוסטער ווייטער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער.

דער ראַוו האָט געזען, אַז דער שוסטער הערט זיך ווינציק צו צו זיינע רייד, האָט ער געזאָגט:

— איצט, קינדערלעך, וועל איך אייך זאָגן אַ גוטן שאַבעס. איך גיי איצט אַריין צום בוטשער אין הויז. בײַ אים איז פאַראַן אַ קליין מיידעלע, סאַרעלע, לערנט זי בײַ אונז אין טאַלמעד טוירע. שפּילט זי פּאַר עסטער האַמאַלקע אין דער פּורים-שפּיל. וועט זי גיין אָנגעטאָן אין אַ בלוי קליידעלע מיט גאָלדענע שיכעלעך מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. דיר ,סעלמאַ, וואָלט איך פּאַסן אויך אַזאַ שיין קליידעלע.

— רעבע, — פרעגט דער שוסטער, — עסטער האַמאַלקע האָט דאָכט זיך ניט כאַסענע געהאַט מיט קיין אידישן קעניג, טאָ וואָס איז זי פּאַר אַ צאַצקע? פאַרוואָס מאַכט איר פון איר אַ פּורים-שפּיל?

און סעלמאַ האָט אויסגעשריען:

— רעבע! רעבע! וואַרט אַ ווײַלע. איך וועל אײַך געבן אַ ביכעלע פאַרן בוטשערס מיידעלע. אַ שיין ביכעלע.

— אַהאַ, — האָט זיך דער רעבע געריבן די הענט, — דעם שוס-טערס מיידעלע איז קליגער פון איר טאַטן. זי וועט נאָך זיין דאָס בעסטע מיידעלע אין היכרו. נו, לאָז זען דאָס ביכעלע. איך וועל עס זיכער איבערגעבן דעם בוטשערס מיידעלע, — האָט דער ראַוו גע-ווישט זיינע ברילן און צופרידן געשמייכלט.

אַז סעלמאַ האָט אים דערלאַנגט אַ „פּיאָנער", האָט ער געקוקט און געקוקט. זיינע אויגן זיינען גרויס געוואָרן און ער האָט אויס-געשריען:

— וואָס? קאָמוניסטישע ביכעלעך! דער שוסטער איז אַ רויטער! אָט איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס ער האָט אַזוי גערעדט.

דער ראַוו איז אַרויסגעלאָפן. אַלע האָבן געלאַכט.

ער איז שוין מער קיינמאָל ניט געקומען צום שוסטער.

שרייב אין קורצן: וואָס האָט דער ראַוו געוואָלט?

מאַך פון דער מייסע אַ שפּיל.

# נאָ מאָר מואווים!

פֿון בערטאַ לעלטשוק

הײמי איז געװען אַ בראַװ יאָטל.

זײַנע עלטערן פֿלעגן קימאַט יעדן אָװנט אַװעקגײן אױף מיטינגען. און הײמי פֿלעגט בלײַבן אַלײן אין שטוב.

ער פֿלעגט זיך אַלײן לײגן אין בעט. פֿריער אַ ביסל לײענען און דערנאָך אױסדרײען דאָס ליכט און אײַנשלאָפֿן.

אײנמאָל האָט אים זײַן באָזער יאָטל געפֿרעגט:

— האָסט קײן מורע ניט צו בלײַבן אַלײן אין הױז?

— מורע? פֿאַר װעמען? פֿאַר װאָס? אַרבעטער־קינדער דאַרפֿן זײַן בראַװ און ניט מורע האָבן.

װען הײמי איז עלטער געװאָרן, האָט ער אָנגעהױבן גײן אין די מואװים. די עלטערן האָבן אים דערקלערט, אַז די מואװים זײַנען מערסטנס נאַרישקײטן, אױסגעטראַכטע מײַסעס. אָבער הײמי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט:

— אַלע קינדער גײען!

פֿלעגט הײמי זען אין די מואװים, װי מען שיסט זיך. װי אײן „העלד" שלאָגט זיך מיט צװאַנציק. ער דערהאַרגעט זײ אַלע, און ער אַלײן גײט אַרױס אַ גאַנצער.

און הײמי האָט איבערגעהערט שלאָפֿן רויִק. אים האָט זיך גע־כאָלעמט, אַז מען יאָגט זיך נאָך אים, אַז מען שיסט אױף אים, אַז מען װיל אים דערהאַרגענען.

און אײנמאָל באַנאַכט, װען די מאַמע איז געװען אין דער הײם, האָט זי דערהערט, װי הײמי װײנט פֿון שלאָף.

זי איז צוגעלאָפֿן צום בעט און גענומען װעקן הײמין.

— הײמי, װאָס איז? פֿאַרװאָס װײנסטו?

הײמי האָט זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון בעט און דערזען זײַן מאַמען:

— אַ כאָלעם! טפֿו! גוט, מאַמע, װאָס דו ביסט דאָ. מיר האָט זיך געכאָלעמט, װי אַ באַנדע יאָגט זיך נאָך מיר און שיסט אױף מיר.

הײמי איז געװען גליקלעך, װאָס ער געפֿינט זיך אין בעט, און די מאַמע זיצט לעבן אים.

אָבער הײמי גײט װײַטער אין די מואװים. שױן אַזױ צוגעװױנט זיך, אַז אים איז שװער אָפּצוגעװױנען זיך.

און אײנמאָל איז הײמי טאַקע קראַנק געװאָרן פֿון די מואװים. ער האָט זיך אױפֿגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און גענומען שרײַען:

— נעמט מיך אַראָפּ פֿון דעם פֿערד! זעט, זײ שיסן אױף מיר!

די מאַמע מיטן טאַטן זיינען געשטאַנען לעבן אים, אָבער הײמי האָט אַלץ געשריען.

אַ דאָקטער איז געקומען. ער האָט דערקלערט, אַז הײמי איז זייער נערוועז געוואָרן פון די מואַוויס.

און פון דעמאָלט אָן גייט ניט הײמי אין די מואַוויס.

אָבער איינמאָל זאָגט די מאַמע צו הײמין:

— הײמי, קום זען אַ בילד.

הײמי האָט זיך געוואונדערט: די מאַמע זאָל אים אַליין הייסן גיין אין די מואַוויס.

און זיי זיינען אַלע דריי אַוועק.

אָבער גאָר אַנדערע מואַוויס האָט הײמי געזען. מ׳האָט זיך דאָרט ניט געיאָגט אויף פערד און ניט געשאָסן. ער האָט געזען, ווי אַרבעטער פאָרן אַוועק ערגעץ אין אַ מידבאַר, וואו ס׳איז גאָרניט ניטאָ. ווי בויען דאָרט אויף פאַבריקן, הייזער און באַנען. דערנאָך האָט מען געוויזן, ווי אַרבעטער מאַרשירן מיט מוזיק און פאָנען.

אוי, ווי אינטערעסאַנט די מואַווי איז געווען!

ס׳איז געווען אַ מואַווי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע:

אַמעריקאַנער מואַוויס און סאָוועטישע מואַוויס.

**פון אַ סאָוועטישן ניוס־ריל**



# ערשטער מיי

אונזערע פאָדערונגען דעם ערשטן מיי.
אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף־טאָג.
ערשטער מיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.
די שיקאַגער מאַרטירער.
„העלט־דיי״.

וואַנט־צייטונג:

דער ערשטער מיי.

צייט:

פון 25טן אַפּריל ביז 15טן מיי.

# מילכאָמע־געפאַר און דעקאָריישאָן דיי

מילכאָמע־צוגרייטונגען.
קאַפּיטאַליסטישע אַרמייען.
רויטע אַרמיי.
געפאַר פון מילכאָמע קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.
קאַפּיטאַליסטישע העלדן און אַרבעטער־העלדן.

צייט:
פון 15טן מיי ביז סאָף לערניאָר.

# לואיס לינג

(פון דער הײמאַרקעט טראַגעדיע)

פון ד. עדלשטאַט

„טיראַנען, איך האָס אײך מיט אײער געזעץ,
מיט די פינצטערע סטאַטוטן,
וואָס פאַנגען דאָס אָרעמע פאָלק אין נעץ
און צווינגען אים לײדן און בלוטן!

„איך זאָג אײך אָפן: „איך גלײב אין קראַפט,
אין קראַפט פון די אַרבעטער רײען!
געוואַלט האָט אונזער וועלט פאַרשקלאַפט
און געוואַלט וועט זי באַפרײען!

„איר לאַכט — איר דענקט: „וואַרט, ברודער, וואַרט,
מיר וועלן דײן שטימע דערשטיקן, צעשטערן!"
דערשטיקט מיך, מערדער! אַ צווײטער וועט באַלד
אַף מײן הײליקן פּאָסטן זיך שטעלן!

לינג איז ניט טויט!... אַף די קאַמף־באַריקאַדן
לעבט נאָך זײן גײסט! און איר הערט,
ווי ער שרײט צו אונז: „פאָרויס, קאַמעראַדן!
פאָרויס מיט פאַנצער און שווערד!"

# אויגוסט שפּיז

„עס וועט קומען אַ צײט, ווען פון אונזערע מאָרגן
וועט זיך דערהויבן אַ מעכטיקער קאָל!
שטאַרקער פון דעם, וואָס איר ווילט איצט דערוואָרגן,
מעכטיקער, שלאָגנדער טויזנטער מאָל!"

שרײבט אַ קאָמפּאָזיציע: „די שיקאַגער מאַרטירער".

# די וואונדערלעכע פאָן

פון א. ראַבאָי

שפעט באַנאַכט.

דער סקווער איז ליידיק. די ביימער שטייען שלעפעריקע. אַרום סקווער שטייען הויכע הימל־קראַצערס, ווי פעלזן, וועלכע שפּאַרן אָן מיט זייערע שפּיצן ביז צום הימל.

אין מיטן סקווער שטייט אַ הויכער ווייסער סלופּ. אַפן שפּיץ ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל.

עס קומען אָן צוויי יונגע אַרבעטער. זיי קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן. בלייבן שטיין אַ ווײַלע און הערן זיך איין. הויך אין הימל ווינקען די שטערן. ס'איז פינצטער.

זיי רעדן צווישן זיך:

— ס'איז נאָך ווייט צו טאָג?

— אַרום אַ שעה צייט.

— צייט אָנצוהויבן. איך וועל קריכן.

— ניין, איך. דו שטיי אָפּ דער וואַך.

— גרייט?

— שטענדיק גרייט!

דער, וואָס זאָגט שטענדיק גרייט, נעמט אַרויס אַ שטריק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעבונדן. ער מאַכט אַ שלייף פון דעם שטריק אַרום דעם סלופּ, לאָזט איבער אַ ברייטן רינגל און זעצט זיך אַריין אין דעם רינגל פון שטריק.

דער צווייטער דערלאַנגט אים אַ שטיק רויטע וואַרע.

ער כאַפּט זיך אָן מיט בײדע הענט פאַרן סלופּ. און הייבט אָן קלעטערן.

נאָכדעם באַפרייט ער די הענט, מאַכט לויז דעם שלייף פון שטריק און רוקט אים אַ ביסל העכער פון דעם אָרט, וואו ער איז פריער געווען. ער זעצט זיך צו אין דעם רינגל, רוט אָפּ אַ מינוט און קלעטערט ווייטער.

דער יונגער אַרבעטער, וואָס שטייט אונטן אָף דער וואַך, האַלט אָנגעשטרענגט די אויערן, די אויגן, דאָס מויל, טאָמער דאַרף מען געבן אַ סיגנאַל.

ער כאַפּט אַ קוק אַלע ווײַלע אין דער הויך און וואונדערט זיך פאַרוואָס עס נעמט אַזוי לאַנג. אָט זעט ער: דער כאַווער איז שוין בײַם שפּיץ פון סלופּ.

און אָט הענגט שוין די פאָן אין דער לופטן. און דער פינצטער זעט זיך נים דער קאָליר.

דער כּאַווער נעמט זיך פּאַמעלעך אַראָפּרוקן. אָט איז ער שוין אונטן. ער מאַכט צורעכט זײַנע הויזן, וועלכע האָבן זיך פון קריכן פאַרקאַטשעט ביז איבער די קני.

די צוויי כּאַווײרים גייען אײַלנדיק אַוועק אין באַזונדערע זײַטן.

ס'איז געוואָרן טאָג. אויפן סקווער באַווײַזט זיך דער ערשטער מענטש. ער גייט צו דער אַרבעט. ער דערזעט פּלוצלונג די פאָן.

אויפן סלופּ, אויף וועלכן עס ברענט „דאָס אייביקע ליכט פאַר דעם אומבאַקאַנטן סאָלדאַט", הענגט אַ ריזיקע רויטע פאָן.

עס קומען צו נאָך און נאָך מענטשן. אַלע שטייען שוין, קוקן אַרויף און וואונדערן זיך:

— ווי קומט אַהער אַ רויטע פאָן?

אַ פּאָליסמאַן קומט אָן. עס ווערט אים אַ לאָך אין האַרצן.

— ווער האָט דאָס געטאָן? האָט אימיצער געזען, ווער עס האָט די רויטע פאָן דאָ אויפגעהאָנגען?

- די זון שטייט שוין הויך אין הימל. דער גאַנצער סקווער איז געפּאַקט מיט מענטשן. די גאַסן אַרום זײַנען אויך געפּאַקט. די קאַרס קענען ניט דורכגיין. אַטאָמאָבילן בלאָזן און פּייפן.

עס קומען אָן נאָך פּאָליסלײַט. זיי וואַרפן אַראָפּ זייערע רעק און נעמען קלעטערן אויפן סלופּ. אָבער דער סלופּ איז אָנגעשמירט מיט אַ פעטער זאַך, קײַקלען זיי זיך אַרונטער. און אָט שלעפּט מען שוין אַ לייטער. אָבער דער לייטער איז צו קורץ. דער סלופּ איז איינער פון די העכסטע אויף אַלע סקווערן.

מיט אַ פּייפערײַ און גרויסן טומל קומען אָן די פּייערלעשער, מיט זייערע הויכע לייטערס. איינער קריכט אַרויף און שנײַדט אַראָפּ די רויטע פאָן.

לאַנג-לאַנג נאָכדעם זײַנען אין די גאַסן אַרום סקווער געשטאַנען מענטשן און דערציילט דאָס גרויסע וואונדער פון דער גרויסער רויטער פאָן מיט דער אויפשריפט:

## אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

| פאַרוואַנדל אין מערצאָל<br>יעדן זאַץ: | פאַרוואַנדל אין איינצאָל<br>יעדן זאַץ: |
|---|---|
| עס ברענט אַן עלעקטרישע לעמפּל. | די ביימער שטייען שלעפעריקע. |
| דער סקווער איז ליידיק. | עס קומען יונגע אַרבעטער. |
| איך וועל קריכן. | די שטערן ווינקען. |
| ער נעמט אַרויס אַ שטריק. | די כּאַווײרים [illegible] אַוועק. |
| די פאָן הענגט אין דער לופטן. | עס קומען צו מענטשן. |

# מיי־מאַרש

(סאָוועטיש)

היי, פאָרויס גייט!
און ווייטער, און שנעלער
מיט פּיאָנערישן טראָט!
היינט האָט ליכטיקער, העלער
די זון זיך צעלאַכט איבער שטאָט!

פאָנען פלאַטערן,
און עס שפּילן אָרקעסטערס,
זינגען לידער פון יונג און פון ניי!
קינדער, היינטיקער טאָג
איז דער בעסטער,
דער שענסטער אין פרילינג —
ערשטער מיי!

# ערשטער מיי

פון א. פרינץ

אונזער ערשטער מיי מיט הונגער און מיט ליד —
ס'ציטערט אונזער סוינע פאַר די יונגע טריט.

ערשטער מיי ליכטיקט, ווי א רויטער שטערן.
אונזער קאַמף־ליד רופט פון אַלע סקווערן.

ס'בליען אין אונז די ערשטע מייען —
מיר זיינען געקומען די וועלט צו באַפרייען!

ערשטער מיי — אונזער בלוט אין רויטער פאָן —
ס'בליט אַף גאַסן אונזער בלוט, ווי רייפער מאָן!

אָ, מיר זיינען אַליין דאָך דער ערשטער מיי —
מיר גייען פאָרויס קעגן דעגן פון טויט און פון בליי!

# מ י י

(סאָוועטיש)

אַ גוט מאָרגן, קינדערלעך!
נעמט מיך אויכעט מיט!
גרעגעצן צעבינדן זיך,
און מע הערט שוין טריט.

אָט אָף אַלע וועגן
גייט דער מיי אַנטקעגן!

הערט נאָר גוט זיך איין:
מיר ווערן באַלד שוין פריי —
אַרבעטער פון ענגלאַנד,
פראַנקרייך און טערקיי,
אַרבעטער פון דייטשלאַנד,
כינע און אַמעריקע —
מיר ווערן באַלד שוין פריי!
זיי אין אַלע היימען,
גייען מיט אונז איניינעם
היינט איז אונזער מיי!

# דער ערשטער מיי אין מאָסקווע

פון א. לייב

באַ איבין אין שטוב איז ענג. ער איז איצט אין גרויס פאַר־לעגנהייט. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיין אַלטן רענצל, וואָס ער האָט גענוצט, ווען ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איבי קוקט אָפן רענצל און עס דאַכט זיך אים, ווי עס זאָגט:

-- אָבער נוצן קען איך דיר נאָך ברייגנען.

איבי נעמט דאָס רענצל און דערזעט פלוצלונג אין אַ ווינקל דעם „לייבל“ פון סאָוועטישן גרענעץ. ער גלעט דאָס סאָוועטישע „לייבל“. עס שטעלט זיך אים פאָר זיין רייזע פון ניו־יאָרק קיין מאָסקווע. אָך, איז דאָס געווען אַ רייזע!

ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זיך געאיילט אָנצוקומען אַהין דעם ערשטן מיי.

ער איז געקומען צו דער סאָוועטישער גרענעץ און דערזען די מעכטיקע רויטע פאָן מיטן סערפּ און האַמער. רויטע אַרמייער זיינען געשטאַנען אָף דער וואַך מיט ביקסן אין די הענט. גרויסע פּלאַקאַטן האָבן גערופן צו די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער: פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר  פ ו ן  אַ ל ע  ל ע נ ד ע ר  פ אַ ר- א י י נ י ק ט  ז י ך!

איבין קלאַפּט דאָס האַרץ אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער זעצט זיך אַוועק אָפן בעט לעבן רענצל. זיינע אויגן פאַרמאַכן זיך און ער דערזעט די רויטע מאָסקווע א פּאָר טעג פאַרן ערשטן מיי.

די גאַסן ווערן גערייניקט. די פענצטער פון די הייזער ווערן באַהאַנגען מיט בילדער פון לענין, סטאַלין, קאַלינין, וואָראָשילאָוו און פון אַנדערע באַליבטע פירער. אָף די הייזער הענגט מען אויף גרויסע רויטע פאָנען און רויטע פּלאַקאַטן אָף פאַרשיידענע שפּראַכן. גרויסע



ווערטער שרייען אַראָפּ און דערציילן דער וועלט וועגן די דערגרייכונגען פון די סאָוועטישע אַרבעטער. גרויסע עלעקטרישע שילדן ציגדן אָן די הערצער פון די אַרבעטער מיט ברענענדיקע לאָזונגען, וואָס רופן צו בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די גאַסן זיינען געפּאַקט מיט יאָנטעוודיקע פּענימער. אין יעדןווינקל שטייען גרופּעס און דיסקוטירן.

איבי האַלט נאָך אַלץ די אויגן פאַרמאַכט. ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער פאַרטאָג. אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל. ער האָט אויסגעטרונקען א גלאָז טיי און זיך

באלד געלאזט לויפן צום רויטן סקווער, קעדיי צו פארכאפן א גוטן פלאץ און זען אלץ, וואס עס קומט פאר אין דעם גרויסן יאנטעוו: אזוי גיך ווי ער איז ארויס אין גאס, האט ער דערזען, אז ער איז ניט פון די ערשטע. פון אלע זייטן האבן געשטראמט מענער און פרויען אויסגעפוצטע אין יאנטעוודיקע קליידער. ער נעמט לויפן גיכער. ווען ער איז אנגעקומען צום רויטן סקווער, האט ער זיינע אייגן ניט גע־וואלט גלויבן. דאכט זיך אזוי פרי, און שוין זיינען דא צענדליקער טויזנטער אפן סקווער. וואס קען דאס זיין?

אייבי געפינט אויס, אז זייער א סאך מענטשן זיינען ניט גע־שלאפן, ווייל זיי האבן געוואלט פארכאפן א פלאץ אפן סקווער. ער שטופט זיך אריין צווישן אוילעם און באמערקט פון ווייטן דעם לעניך־מאוזאליי, וועלכער איז ארומגערינגלט מיט רויטע בלומען, וואס זיינען געשט געוואקסן. כאטש ס'איז זייער קיל, דאך פילט עס ניט אייבי, ווייל ארום אים ווערט אלץ ענגער. טויזנטער און טויזנטער מענטשן קומען נאך אלץ אן. דער שטראם הערט גארניט אויף.

דער יאנטעוו הייבט זיך אן. אף דער טריבונע, וואס געפינט זיך אפן לעניך־מאוזאליי, באווייזן זיך די באוויירים סטאלין, מאלאטאוו, קאלינין, בודיאני און נאך סאוועטישע פירער. דער אוילעם נעמט זיי אויף מיט הילכיקע פרייד־אויסגעשרייען. הונדערטער עראפלאנען זשומען אין דער לופטן און באגריסן דעם אוילעם מיט פארשיידענע וואונדערלעכע קונצן. עס קומט אן דער מאסקווער מיליטערישער גארניזאן.

באוועגער ווארשילאוו רייט ארויס אף זיין פערד און באגריסט אלעמען. באלד דערהערט זיך די שוואוע פון דער רויטער ארמיי. די צענדליקער טויזנטער ארבעטער הייבן אויף די פויסטן און א ציטער גייט דורך אלעמענס הערצער. ס'איז א פייערלעכער מאמענט. אלע פילן זיך ווי אויסגעגאסן פון איין קערפער. און יעדערער שווערט צו זיין געטריי דעם ארבעטער־קלאס. באלד דערהערט זיך דאס שיסן פון קאנאנען און אלע הייבן אן זינגען דעם „אינטערנאציאנאל”.

אייבי זיצט נאך אלץ אפן בעט פארטראכט. אים דאכט זיך, אז ער איז איצט אין מאסקווע אפן רויטן סקווער. ער מארשירט צוזאמ־מיט אלע ארבעטער. פלוצלונג באווייזן זיך די פיאנערן. אלעמענס פרייד ווערט נאך גרעסער. די קינדער נעמען זיך ארום און טאנצ אין מיטן סקווער, אונטער די טענער פון זייערע ארקעסטערס. די ארבעטער מיט זייערע פירער פאטשן מיט די הענט. באלד זיינען אלע פארוואנדלט געווארן אין קינדער. מען זינגט און מען טאנצט אונ־טערן פרייען סאוועטישן הימל. און טאנצנדיק מארשירט מען ארויס פון סקווער, ווייל עס זיינען אנגעקומען נאך ארבעטער אף נייע

טאנקען, טראקטארס און אטאמאבילן, וועלכע זיי האבן געבראכט אלס א מאטאנע דער סאָוועטישער מעלוכע צום ערשטן מיי.

איבי האט א ציטער געטאן פון גרויס פרייד און מיט די פיס שיר ניט צעקוועטשט דאס רענצל. ער האט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאס רענצל אין די הענט אריין, אפגעווישט דעם שטויב דערפון און געזאגט:

— ניין, מיין טייער רענצל, איך וועל דיך נישט אוועקווארפן. איך וועל דיך באהאלטן, ווייל דו דערמאנסט מיר דעם ערשטן מיי אין מאסקווע. איך וועל דיך אפהיטן ביז מיר וועלן אין אמעריקע האבן אזא ערשטן מיי, ווי אין דער רויטער מאסקווע.




א נ ט א נ י מ ע ן (ווערטער פון פארקערטער באדייטונג):

ענג ______________________________

אַלט ______________________________

נוצן ______________________________

אהין ______________________________

געפאקט ______________________________

פארמאכט ______________________________

טונקל ______________________________

גיך ______________________________

פרייד ______________________________

געטריי ______________________________



# מיר ווילן ניט

(סאָוועטיש)

מיר ווילן ניט
פון פרעמדער ערד קיין פיצל.
מיר דאַרפן ניט
פון פרעמדער ערד קיין שפּאַן.
מיר וועלן אָבער
אונזער ערד באַשיצן,
מיט אונזער ברוסט,
מיט אונזער פעסטער האַנט!

# דער טאַטע גייט אַף דער מילכאָמע.

### פֿון כּאַווער פּאַווער

דער יונגער טאַטע, דייוו דער סטאָליער, איז געגאַנגען איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק צום לעצטן מאָל.

די שיף אַפֿן האַדסאָן טייך איז אָנגעפּילט מיט סאָלדאַטן. זי וועט שטיין אין האַפֿן ביז זעקס אַזייגער פֿאַרטאָג. די סאָלדאַטן פֿון ניו־יאָרק האָט מען פֿאַרלויבט גיין אַהיים און פֿאַרברענגען נאָך אַמלעכע שעה מיט זייערע אייגענע.

דער יונגער טאַטע איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אומעט אין די אויגן.

ער האָט געטראַכט:

די מילכאָמע איז אין דייטשלאַנד, אין פֿראַנקרייך, אין איטאַליע. וועט מען פֿאָרן מיט די שיפֿן אַזוי ווייט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט גלייך צום טויט.

זיין קליינע יונגע טאָכטער, וואָס הייסט טשיקי, שלאָפֿט שוין. זי קען אַזוי אָפּשלאָפֿן ביז שפּעט אין טאָג אַריין. וועט זי ניט זען איר טאַטן צום לעצטן מאָל, וועט זי ניט וויסן, אַז ער איז דאָ געווען.

די מאַמע האָט אויפֿגעריסן פֿון שלאָף איר קליינע טאָכטער. און אַז זי האָט דערזען איר טאַטן אין זעלנערשע קליידער, זיינען אירע אויגן געוואָרן פֿול מיט פֿרייד. זי האָט געמיינט, אַז דאָס האָט דער טאַטע פֿאַר איר זיך פֿאַרשטעלט, קעדיי זי זאָל זיך אַזוי שטאַרק פֿרייען.

נעמט זי דער הויכער טאַטע אַף די הענט, דריקט איר קעפּל צו זיין באַק, און טראָגט זי אַרום איבער די צימערן. און די מאַמע גייט זיי נאָך מיט טרויער אין די אויגן.

דאָס קינד איז גרינג, ווי אַ קליין קינדעלע. איידער ער וועט זי לייגן שלאָפֿן אין איר בעטל, וועט ער זיך שפּילן מיט איר צום לעצטן מאָל איר באַליבטע שפּיל.

ער הייבט זי אויף אין דער הויך, אַז אָט־אָט פֿאַלט זי. אָבער זי פֿאַלט ניט.

די מאַמע האָט מוירע, שטייט זי און בעט זיך:

— פּאַמעלעך, דייוו, פּאַמעלעך.

דער טאַטע האָט אָפּגעשפּילט מיט זיין קינד צום לעצטן מאָל. ער האָט זי אַריינגעלייגט אין בעטל.

— עפּשער, דייוו, וועסטו זיך צולייגן? — האָט געפֿרעגט די מאַמע.

ניין, ער ווײל זיך ניט צולייגן. ער ווײל זיצן און צום לעצטן מאָל הערן, ווי זיין טאָכטער שלאָפט.

דער זייגער קלאַפט טיק־טאַק, טיק־טאַק, איינס, צוויי, דריי, גייט שוין באַלד די נאַכט פאַרביי.

און דייזו רעדט:

— הער, מיין ווייב. ניט איך דאַרף די מילכאָמע, ניט דו דאַרפסט זי. אין צייט פון פרידן האָט דער באָס גענומען מיין געזונט פאַרן דאָלער. אין צייט פון מילכאָמע נעמען אַלע באָסעס אונזערע לעבנס צוליב דעם דאָלער.

דער זייגער קלינגט שוין דריי, און פיר, און פינף.

— הער זשע, מיין ווייב . . .

אָבער טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.

דייזו גייט אַראָפ פון די שטיגן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. טרערן גיסן זיך איבער זיינע טריט.

איבער די גאַסן הערט זיך אַ שיקער געזאַנג:

„אָווער דהער . . . אָווער דהער" . . .

די אַמעריקאַנער רעגירונג גיט אויס ביליאָנען דאָלער פאַר מילכאָמע.

מיר פאָדערן אַלע מילכאָמע־פאָנדן פאַר ____________

| אייִנצאָל: | מערצאָל: |
|---|---|
| דער טאַטע | ____________ |
| די גאַס | ____________ |
| דער סאָלדאַט | ____________ |
| דער טייך | ____________ |
| דער קאָפּ | ____________ |
| די מילכאָמע | ____________ |
| די טאָכטער | ____________ |
| די האַנט | ____________ |
| דער באָס | ____________ |
| דאָס קעפּל | ____________ |

א נ ט א נ י מ ע ן (ווערטער פון פאַרקערטער באַדייטונג):

| | | | |
|---|---|---|---|
| מילכאָמע | ____________ | אומעט | ____________ |
| פאַרטאָג | ____________ | טויט | ____________ |
| שפּעט | ____________ | | |

# באַדי קומט אַ[illegible]

פון א. קורץ

— מאַמע, מאַמע! באַדי קומט!
באַדי איז שוין דאָ!
— נו, גיכער, אַלע, אַלע צו דער שיף!
— ניין, מאַמע!
— פאַרוואָס?
זעט נאָר וואָס די טעלעגראַמע זאָגט:

— מיר גריסן!
באַדי, אייער זון, קומט זיינט אַהיים.
זייט רואיק: מיר ווילן... איך זאָלט... וויסן...
מירן אים ברענגען, ווען די זון וועט אונטערגיין.

די מישפּאָכע און דער טיש איז גרייט.
בלומען — אַף די פענצטער און די טירן.
די היים איז פול מיט מענטשן און מיט פרייד,
נאָר ס'פלאַמט די פרייד מיט צעשראָקענע קאָלירן.

— מאַמע, זע, די זון
איז אין האָרסאָן שוין אריין!
— יאָ, יאָ, מיין קינד,
באַדי וועט שוין באַלד דאָ זיין.

דאָס גלעקל קלינגט.
יעדנס האַרץ ציטערט, כאָטש עס זינגט.

די טיר איז אָפן.
ס'האָט דאָס שלאַכט־פעלד איצט אַלעמען געטראָפן:
אָן הענט און אָן פיס
האָבן זעלנער אַוועקגעזעצט —
מיט אָפענע אויגן — אַ האַלבן מענטש.

פאַראַן אַ באַרימטער לאָזונג:
„שאַלעם די כאַטעם, קריג די פּאַלאַצן!"
שרייב וועגן דעם אַן אַ קאָמפּאָזיציע.

# די רויטע אַרמײ

(סאָוועטיש)

רויטאַרמײער בײַ דער גרענעץ
שטײט און קוקט פֿון אַלע זײַטן.
פֿליט אַ פֿינטעלע פֿון אויבן,
עפּעס רירט זיך דאָרט פֿון ווײַטן.

כאַפּט ער באַלד און גיט צו וויסן,
קלינגען אַלע טעלעפֿאָנען,
עפּשער פֿליען דאָרטן סאָנים,
עפּשער רוקן זיך שפּיאָנען.

אויגן קלאָרע, אויגן טרײַע,
אויגן שאַרפֿע און געניטע,
ניט זײ דרעמלען, ניט זײ שלאָפֿן,
נאָר זײ קוקן, נאָר זײ היטן.

אין דער ליכטיק, אין דער פֿינצטער,
אין די גרעסטע פֿרעסט און היצן,
רויטאַרמײער וועט באַהיטן,
רויטאַרמײער וועט באַשיצן.

# די רויטע מאַטראָסן

(סאָוועטיש)

מיר זײַנען מאַטראָסן
פֿון רויטן פֿלאָט.
מיר פֿירן די שיפֿן
פֿון שטאָט צו שטאָט.

אונז קען ניט דערשרעקן
קײן שטורעם, קײן טיפֿן.
מיר זײַנען מאַטראָסן
פֿון רויטע שיפֿן.

מיר טראָגן די פֿרײַהײט
דעם אַרבעטער־מאַן,
דורך טײַך, דורך יאַם,
דורך אָקעאַן.

פון אַרבעטער, פּויערים  
איז אונזער שטאַם.  
מיר ווילן — סאָוועטיש  
זאָל זיין דער יאַם.

דאָס וואַסער, די ערדן,  
די הויכן, די טיפן —  
נאָר הייטע זאָלן פירן  
די ערד און די שיפן.



די רויטע ארמיי און דער רויטער פלאָט קעמפן פאַר די אינטערעסן פון די ארבעטער און פויערים. די אַמעריקאַנער ארמיי און פלאָט קעמפן קעגן די אינטערעסן פון די ארבעטער און פויערים. גיב אָן פאַקטן און שרייב וועגן דעם א קאָמפּאָזיציע.

# סאַקאָ און וואַנזעטי

(פון זייערע רעדעס אין געריכט און פאַרן טויט)

ו ו אַ נ ז ע ט י:

איך האָב קיינמאָל נישט געגאַנוועט, קיינמאָל נישט געטייט, קיינמאָל קיין בלוט נישט פאַרגאָסן.

איך האָב אַלעמאָל געקעמפט קעגן פאַרברעכנס און איך האָב זיך אַלעמאָל־מאַקריוו געווען פאַר דעם קאַמף אַפילו קעגן די פאַרברעכנס, וועלכע דאָס געזעץ און די קירך דערלויבן און דערקלערן אַלס געזעצלעך.

איך וואָלט נישט געוואונטשן קיין הונט, אָדער קיין שלאַנג, אַפילו נישט דער נידעריקסטער און ערגסטער באַשעפעניש אויף דער ערד, אַז עס זאָל איבערלעבן די ליידן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן פאַר די פאַרברעכנס, וואָס איך בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

איך לייד דערפאַר, וואָס איך בין אַ ראַדיקאַל, און איך בין טאַקע אַ ראַדיקאַל. איך האָב געליטן, ווייל איך בין אַן איטאַליענער, און איך בין ווירקלעך אַן איטאַליענער. איך לייד מער צוליב מיין פאַמיליע און מיינע נאָענטע און טייערע, ווי פאַר זיך אַליין.

איך בין אָבער אַזוי איבערצייגט, אַז איך בין גערעכט, אַז אַפילו, ווען איר וואָלט מיך צוויי מאָל געטויט און ווען איך וואָלט צוויי מאָל ווידער געבאָרן געוואָרן, וואָלט איך ווידער געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געטאָן ביז איצט.

ס אַ ק אָ א ו ן ו ו אַ נ ז ע ט י.

בלויז צוויי פון אונז וועלן שטאַרבן — אונזער אידעאַל, איר, אונזערע כאַווירים, וועלן לעבן אין די מיליאָנען. מיר האָבן געוואונען, מיר זיינען נישט באַזיגט.

באַצאָלט פאַר די הייַנטיקע אונזערע ליידן, אונזער טרויער, אונזערע פעלערן, אונזער נידערלאַגע, אונזער ליידנשאַפט פאַר די צוקונפטיקע שלאַכטן פאַר דער גרויסער באַפרייאונג.

מיר נעמען אייך אַרום אַלע, זאָגן אייך אונזער טיפסטן „זיי געזונט", איצט און שטענדיק, לאַנג לעבן אייך אַלעמען, לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט!

ס אַ ק אָ א ו ן ו ו אַ נ ז ע ט י.

## ליד פון וואנועטין

אַף אונזערע פּיס שווערע קייטן מיר טראָגן
און ליידן.
מיר ליגן אין שטוציקע הילערס דערשלאָגן
און ליידן.
אָבער מיר ווייסן:
צעברעכן וועט איר אַמאָל אונזערע קייטן!
יי טורמעס עפענען פון אַלע פיר זייטן!
מיר הערן דעם אייניציקן יובל־געשריי:
די וועלט איז פריי! איז פריי! איז פריי!

שטעל צו די ד י, ד ע ר אָדער ד אָ ס צו די ווערטער:
נעריכט, בלום, קאַמף, געזעץ, קירך, הונט, שלאַנג, באַשטעפעניש, ערד,
ראַדיקאַל, פאַמיליע, טרויער, נידרעלאַגע, פרייהייט.

# עלאַ מיי וויגינס

פון ל. בערקאָוויטש

אַ שטעטל פּאַ־אַנעז אין נאָרט קאַ־אָליינאַ,
אַ שטעטל אַ קליינע, אַ שיינע, אַ פיינע.
מיט בערגלעך, מיט ביימלעך און בלומען אַפילע,
און עלאַ מיי וויגינס —
אַ מאַמע מיט קינדערלעך פינף אין איר שטיבל,
אַ שטיבל ניט גרעסער פון אַט אַזאַ גריבל,
האַרעוועז פלעגט זי פון סאַמע באַגינען
פאַר אירע פינף קינדער אַף ברויט צו פאַרדינען.
האַרעוועז פלעגט זי באַם וועבשטול און וועבן,
און פלעגט נאָר פאַרדינען קוים־קוים אַף צום לעבן.

און באַ דעם וועבשטול פלעגן זיך שפּינען
געדאַנקען און לידער באַ איר אין דעם זינען.
לידער פון איינענער נויט און פון פרעמדער,
פון ד׳ . וועלכע וועבן געדאַנקען אַף העמדער.
יעדער פלעגט פילן, יעדער פלעגט הערן
אין קלאַנג פון די לידער זיין לעבן, זיין שווערן.

און דעמאָלט עס פלעגן געבויגענע שקלאַפן,
וואָס אַרבעטן, וועבן, לײַדן און שאַפן,
שטאַרק און געאײניקט אין רייען זיך שטעלן
און זאָגן:
— מיר וועלן פאַר אײַך מער ניט וועבן!
מיר ווילן אויך לעבן!
און דאָס האָט די באָסעס, די שלעכטע פאַרדראָסן,
זיי האָבן עלאַ מיי וויגינס דערשאָסן!

דערשאָסן אין מיטן דער נאַכט אַף אַ וואָגן,
און עס האָבן די וועבער געבראַכט זי צו טראָגן
מיט קעפ איפגעהויבן צום שוועל פון דעם שטיבל,
איר שטיבל ניט גרעסער פון אָט אַזאַ גריבל.
און פינף קלײנע קינדער עלנט געבליבן,
זיי האָבן געיאָמערט, זיי האָבן געשריגן
ביז ס'האָט זיי פאַרשלעפּערט דער שלאָף אין די וויגן....



# מאַרטירער

פון ב. פוידמאַן

— טאַטע, איך זע ערגעץ שטײנער,
פאַרגאָסן מיט אַרבעטער־בלוט!
— דאָס וויל, קינד מײַנס, היטלער אין דײַטשלאַנד
באַ די אַרבעטער ברעכן דעם מוט.

— טאַטע, איך זע גיליאָטינעס,
מיט בלוט פאַרגאָסענע טרעפּ!
— דאָס האַקט, קינד מיינס, היטלער אין דייטשלאַנד
פון העלדישע קעמפער די קעפּ!

— טאַטע, איך הער ערגעץ קייטן
קלינגען אַף אַרבעטער־הענט!
— דאָס שמידט, קינד מיינס, היטלער אין דייטשלאַנד
די קעמפער אין טורמישע ווענט!

— טאַטע, איך זע דאָרטן איינעם
מיט אַ רונדיקן קאָפּ, ווי די וועלט...
— קינד מיינס, דאָס איז באַוועך טעלמאַן
פון העלדן — דער מוטיקסטער העלד!

— טאַטע, עס טראָגט זיך פון דאָרטן,
איך הער, אַזאַ מוטיק געזאַנג!
— [illegible]אַ גרייטן זיך דייטשישע מאַסן
[illegible]עכן דעם היטלערשן צוואַנג!

— און מיר מיט די דייטשישע קעמפער,
אַקסל צו אַקסל באַנאַנד —
מיר וועלן באַפרייען די קעמפער
מיט טעלמאַן — דעם בראַווסטן פון לאַנד!



באַוועך דימיטראָוו האָט געזאָגט: דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון באַוועך טעלמאַנען איז דער קאַמף פאַר דער ערע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דערקלער אין אַ פּאַראַגראַף וואָס דאָס מיינט.

# מיין שאָכן מאַריני

פֿון ל. דינסקי

אַ קליין טענעמענט־הויז, ניט קיין מאָדערנע,
זעכצן פֿאַמיליעס — פֿיר אַף אַ פֿלאָר.
ס'האָט יעדער שאָכן דריי צימערלעך מיזערנע,
מיט אַ צוגאָב — אַ בלינדן קאָרידאָר.

אויך די נויט — פֿאַראַן בײַ יעדן שאָכן:
אַ רענט־סטרײַק האָט דאָ צאָרנדיק געברענט.
פֿון קאַמף ביזן זיג האָבן דורכגעציטערט וואָכן —
האָט איינער מיטן צווייטן זיך באַקענט...

באַוועגט מען זיך אינעם הויז און דורך די פֿענצטער,
אויסער דעם אַלטן ברויט־טרעגער מאַריני.
צו מײַן טיר, אַלס שאָכן, איז ער גראָד דער נעענטסטער,
נאָר דער ווײַטסטער פֿון מײַן קלאַסן־ליניע.

— איך לויף סאָרטירן פֿעלכלעך, מאַריני, פֿעלצן מאַכן,
דו — סאָרטירן און צעטראָגן פֿרייד און צאַר...
ס'איז עמעס — ניט גאָר ענלעך זײַנען בײדע פֿאַכן,
נאָר אונזער נויט — די זעלביקע דערפֿאַר.

— טאָ פֿאַרוואָס אַזעלכע פֿרעמדע בליקן?
וואָס־זשע האַלטסטו זיך פֿון ווײַטן, שאָכן מאַריני?
הער: איך וועל אַמאָל דיך אין מײַן הויז פֿאַרבעטן
און גענוי דערקלערן דיר אונזער קלאַסן־ליניע!

שרייב אַ קאָמפּאָזיציע:

צו וואָס אָרגאַניזירן די אַרבעטער הויז־קאָמיטעס.

# אינהאלט:


| | זייט |
|---|---|
| צום נייעם יאר — ב. פרידמאן | 5 |
| יאסי דער רעקלאמאטאר | 6 |
| צום נייעם יאר — סאוועטיש | 8 |
| אין שול | 9 |
| סערקע — א. פלאטנער | 11 |
| אין דער סקול | 12 |
| אין סקול — כאווערפאווער | 13 |
| דער שולפאריין — ש. דאווידמאן | 17 |
| לעאנארד — כאטשמאל | 17 |
| ארבעטער־קינדער — א. פלאטנער | 21 |
| אין סקול — ש. דאווידמאן | 22 |
| ביים קינדער־ברענטס | 22 |
| רער אינט. ארבעטער ארדן — ב. פרידמאן | 24 |
| מארסינס מאטע | 25 |
| א נאס — י. קאטלער | 27 |
| הייליקע טעג — א. מיזל | 27 |
| היימיס מאמע — מ. שיפרים | 33 |
| יאנטעוו — סאוועטיש | 36 |
| אין די אקטאבער טעג | 37 |
| קערענסקי | 38 |
| פעברואר 1917 | 39 |
| די באלארע — נ. ווייסמאן | 41 |
| א מייסע | 43 |
| דעם פארעצס קאנטשיק | 46 |
| אין די יאבלעס | 49 |
| שלאנגלער — כאוועטיש | 50 |
| אידישע בויער — ב פרידמאן | 50 |
| צוליב וואס די רויטע ארמיי | 51 |
| בירא־בידזשאן | 53 |
| ברידערלעך — סאוועטיש | 54 |
| איקאר — נ. ווייסמאן | 58 |
| סעמי אין ביראבידזשאן<br>בערטא העלטשוק | 59 |
| רער סאמדאם אנדז עלא — י. א ראנטש | 62 |
| דער קליינער מאטראס — א. מיזל | 63 |
| אפפרעחה אנקל | 68 |
| אין גאס — ב. קאין | 72 |
| א ברעדליין | 73 |
| רזשעק — ס. ווינטשעווסקי | 75 |
| ביים פענצטער — י. קאטלער | 76 |
| דער אינגל פון מיאמי א. ראבאי | 77 |
| לענין — א. פרינץ | 84 |
| א נוסער כאווער | 85 |
| לענין ביי קארל מארקס קייהער | 86 |
| דאס נעהיימעביידל | 86 |
| די פוילע וואנס | 87 |
| לענין שרייבט | 88 |
| לענין אין א פרעמדן לאנד | 88 |
| כאווער קארפאוו | 89 |
| שאדשפיל | 89 |
| קארל מארקס | 90 |
| קארל ליבקנעכט | 93 |
| ליד פון קאמפארטיי — ב. קאין | 95 |
| ערשטער יונים—טאג דזשאנסאן | 96 |
| די סקאטסבארא אינגלער — ב. פרידמאן | 99 |
| אנדזשעלא הערנדאן | 100 |
| א נענערמאמע — וו. דזשעראם | 101 |
| דער קליינער מאס | 101 |
| לינטש — פארע־בארקאן | 104 |
| דער אמעריקאנער בירגערקריג | 105 |
| דער גייסט פון סייטאן לענרי<br>מ. בירנבוים | 107 |
| וואשינגטאן און לינקאלן | 108 |
| די ארבעטער־פרוי — ב. פרידמאן | 110 |
| דאס צעריסענע מיכל — נ. מינאלאווסקי | 111 |
| ארבעט — מעינקע קאין | 116 |
| עוויקשאן — מ. א. סול | 117 |
| א גראס צו ברוים — כאווערפאווער | 119 |
| מוטער און קינד — ל. בערקאוויטש | 121 |
| דאס גובעס פון א מיינער<br>„איי וועגט טו פיט קאלערוש" | 123 |
| אין שאפ — שאלעם אליינעם | 124 |
| דער מארש פון ברוינסמרייק<br>פארע פעליעלין | 126 |
| דרייסאל: מיר | 127 |
| אז ארבעטער ביי פארדן — ל. בארנשטיין | 128 |
| זייד — מ א. סול | 131 |
| אפנענארם | 132 |
| מערערס דיי — כאטשמאל | 133 |
| דער ארבעטער און דער ווינט | 134 |
| די מיינער — פארע בארקאן | 137 |
| די פאריזער קאמונע | 138 |
| די לעטענע פיפקע — אי. ערענבורג | 139 |
| די פיר קאטעס — כאטשמאל | 143 |
| ווי אזוי מאמע האט געשאלטן נאס<br>באווערפאווער | 144 |
| מייער דער רויטארמייער — י. קאטלער | 146 |
| די באבע מיט די אייניקלעך | 149 |
| מיר ווערן פיאנערן — י. קאטלער | 151 |
| ווער זיינען די יונגע פיאנערן | 153 |
| אייזיק פיאנער — פארע בארקאן | 155 |
| א בריוו פון כאווער סטאלין | 155 |
| א קינדער־בריוו פון איטאליע | 157 |
| ווילי פאטטערנאק — א. מיזל | 158 |
| די רויטע פאן — „ניו מעסעס" | 163 |
| ציוציו — ב. מאזער | 165 |
| א קינדערהיים | 167 |
| דער ראוו אין אנטלאפן | 168 |
| נא מאר מואווים — בערטא העלטשוק | 170 |
| הואיס לינג, אוינוסט שפיז<br>ד. עדלשטאט | 173 |
| די וואונדערלעכע פאן | 174 |
| מיי — מארש | 176 |
| ערשטער מיי — א. פרינץ | 176 |
| מיי — כאוועטיש | 177 |
| דער ערשטער מיי אין מאסקווע—א. לייב | 177 |
| מיר ווילן נים | 181 |
| דער מאמע גייט אף דער מילכאמע<br>כאווערפאווער | 182 |
| באדי קומט אהיים | 184 |
| די רויטע ארמיי — כאוועטיש | 185 |
| די רויטע מאטראסן — כאוועטיש | 185 |
| כאקא און וואנזשי | 187 |
| עלא מיי ווינינס — ל. בערקאוויטש | 188 |
| מארטירער — ב. פרידמאן | 189 |
| מיין מאכן מארינ — ל. דינסקי | 191 |